STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05939

# GEKLIBENE SHRIFTEN

Eliza Orzeszkowa

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

עליזא ארזשעשקא.

# געקליבענע שריפטען

יודיש פון אלגין.

מיט א קריטיש-ביאגראפישען ארטיקעל פון
בעל-מחשבות (ד״ר עליאשעוו).

פערלאג - בוכהאנדלונג
שלמה שרעבערק
◘ ווילנא. ◘

דרוקעריי ב. א. קלעצקין, ווילנא.

Copiright 1910 By S. Sreberk.
Washington, U. S. A.

Сочиненія Элизы Оржешко.

yi199 c.1

# עליזא ארזשעשקא.

(געב. 1842, געשטארב. 1910).

I

עליזא אָרזשעשקאָ איז געבאָרען געוואָרען בײַ רײַכע עלטערן גוטס־בעזיצער, װעלכע האָבען געהאַט זײַערע מאַיאָנטקעס אין גראָדנער גובערניע. איהר פאָטער איז געװען ניט קײַן געװעהנליכער פּריץ. זײַן גאַנצען לעבען איז ער געװען אַ טרײַער אָנהענגער פון די פּוילישע ליבעראַלע פּאַרטייען. אין דער יוגענד זײַנער האָט ער געהערט צו די מאַסאָנעס (פרײַמויערער). חוץ דעם פאָטער האָט נאָך געהאַט אַן אײַנפלוס אויף עליזאַס יוגענד דער פעטער יאַן פּאַװלאָװסקי װעלכער האָט געהאַט אַ גרױס טאַלענט צו מאָלע־רײַ און אַ פײַן געפיהל פאַר אַלץ װאָס איז אײדעל און שײן. מען זאָגט, אַז װען ניט זײַנע איביגע קרענקליכקײַט, װאָלט ער בכח געװען צו שפּיע־לען אַ גרױסע ראָלע אין דער פּױלישער קונסט. דער פאָטער איז אַפילו געשטאָרבען צו פריה, אַז ער זאָל קענען האָבען געהאַט אַ דירעקטען אײַנפלוס אויף עליזאַס יוגענדערציהונג. אָבער דאָס װאָס נאָך איהם זע־נען איבערגעבליבען אַזױ פיעל טראַדיציעס, װאָס האָט װי אַ גײַסטיגע ירושה געלעבט װײַטער אין פּאַװלאָװסקי׳ס הויז, אויך דאָס, װאָס נאָכ׳ן פאָטער איז איבערגעבליבען אַ רײַכע ביבליאָטהעק פון די גרױסע פראַנצױזישע פילאָ־

זאָפען און פּוילישע געלעהרטע, דענקער און דיכטער—איז געווים נישט געבליבען אָהן אַנ׳איינפלוס אויף די יונגע נשמה פון דער צוקונפטיגער ראָמאַניסטקע. נישט איינמאָל האָט עליזאס מוטער, וואָס איז געווען אפילו אַ פערפרומטע קאַטאָליטשקע און נישט געהאַלטען פון דעם מאַנ׳ס ברייטע אַנזיכטען, אָנגעוויזען דער טאָכטער אויפ׳ן טאַטענ׳ס בילד און איבערגע׳חזר׳ט: „קוק דיך גוט אַיין אין בילד פון דיין פאָטער און זעה צו זיין אַזוי ווי ער, געדענק אַז דו האָסט גע׳ירשה׳ט פון איהם זיין ליכטיגען פנים“.

צו צעהן יאָהר האָט מען די קליינע פּאַוולאָווסקי אָבגעגעבען אין אַ קלויסטער, וואו עס האָבען זיך דאַמאָלסט ערצויגען געוועהנליך די אַריסטאָקראַטישע קינדער פון די פּוילישע פּריצים. גאַנצע פינף יאָהר איז זי אָבגעווען אין דער קלויסטער-שול. גליקליכערווייזע איז די קלויסטער-ערציהונג נישט געווען אַזאַ פערפרומטע, פאַנאַטישע, אַז פון דער קליינער עליזא׳ס נשמה זאָל אויסגעראָט ווערען דאָס ריינע מענשליכע געפיהל. גראָד זענען די מאַנאַשקעס און די קסענדזען פון יענעם קלויסטער נישט איבער געווען צו פאַנגען נשמות פאַר׳ן קאַטוילעציזם. אין דער צייט פון עליזא׳ס צוברענגען אין דער שול, האָט נאָר געטראָפען איין פאַל, וואָס אַ שילערין האָט זיך פרייוויליג אָבגעשאָרען איהרע האָר, כדי צו ווערען אַ מאַנאַשקע. הויפטזעכליך האָט מען געלערנט דאָרט נייע שפּראַכען און שפּילען אויפ׳ן ראָיאַל, די איבעריגע למודים האָט מען פערנאַכלעסיגט. און בשעת עליזא האָט צו 15 יאָהר פערלאָזען דעם קלויסטער—איז זי שוין געווען ראוי אַריינצוטרעטען אין דער אַריסטאָקראַטישער „וועלט“, בעקריינט און בעשיינט מיט אַלץ וואָס די דאָזיגע „וועלט“ פאָדערט. באַלד האָט מען די טאַקע אַריינגעפיהרט אין רייכע הייזער, און זייענדיג אַליין אַ יונג-רייכע אַריסטאָקראַטישע כלה, האָבען זיך פאַר איהר באַלד געעפענט די גרויסע סאַלאָנען.

ווי מיר האָבען איבען געזאָגט, האָט די קלויסטער-ערציהונג נישט געשטיקט די נאַטירליכע געפיהלען ביי דער קליינער פּאַוולאָווסקי. אָבער געוועקט האָט זי איך נישט. ביי עליזאַ׳ן האָט אַלץ געשלאָפען. זי איז צו 15 יאָהר געווען אַזוי קינדיש ווי אַלע איהרע חברט׳עס. בעזונדערס האָט זי זיך מיט קיין זאַך נישט אויסגעצייכענט, אויב מען זאָל נישט רעכענען די פעהיגקייט ליכט צו שרייבען גראַמען. און דעריבער האָט זי צו גלייך, ווי אַלע יונגע פּאַנענקעס גענומען לעבען דאָס פרעהליכע לוסטיגע לעבען פון די זאַלאָנען, געטרונקען דעם שאַמפּאַניער פון די זיסע קאַוואַלערישע

קאָמפּלימענטען, און לויט דער מאַמעס וואונש נאָך אַ פּאָר מאָל „זע־הענישען“ געוואָרען די כלה פון איהר קינפטיגען מאַן אָרזשעשקאָ.

צו 16 יאָהר איז עליזא געוואָרען—פּאַנאַ אָרזשעשקאָ. אָבער איצט גראָד נאָך דער חתונה האָט אָנגעהויבען זיך צו ענטוויקלען די קינפטיגע עליזא. ענדע פון די 50־ער און אָנפאַנג פון די 60־ער יאָהרען האָט די פּוילישע וועלט דורכגעלעבט אַזוי פיעל, אַז אויך דער פּוילסטער מח האָט געמוזט אָנהויבען צו דענקען, אויך דאָס פערגרעבטע האַרץ האָט געמוזט אָנהויבען פיהלען. אַ פּשיטה פרוי אָרזשעשקאָ, וועמען עס איז באַשטימט געוואָרען צו שפּיעלען אַ ראָלע אין דער פּוילישער ליטעראַטור. דאָס לעבען נאָך דער חתונה איז מיט יעדען טאָג צווישען מאַן און ווייב געוואָרען ערגער. שוין אַ יאָהר 2 נאָך דער חתונה האָט אָרזשעשקאָ פערלאַנגט גט. די זאַך האָט זיך פערצויגען צוליעב דער אונרוהיגער צייט, דערנאָך צוליעב דער „וואָסטאַניע“ אין 1863. ערשט 1864, צושיידענדיג זיך מיט איהר מאַן, האָט אָרזשעשקאָ גוט געמאַכט דעם פעהלער וואָס זי האָט בעגאַנגען. און איצט הויבט זי אָן צו ווערען דאָס וואָס זי איז געוואָרען; די צוקינפטיגע פּוילישע שריפטשטעלערין, וואָס וועקט ביי'ם לעזער די געפיהלען פון אַ הויכער מענשליכקייט.

---

## II

עליזא אָרזשעשקאָ געהערט ניט צו די שריפטשטעלער, וואָס האָבען בערייכערט די פּוילישע ליטעראַטור מיט נייע קונסטפאָרמען, און דער ערשטער פּעריאָדע פון איהר שאַפונגס־צייט האָט זי ווי מיט אַ כיון פערנאַכלעסיגט די האַראַקטעריסטיק פון איהרע העלדען און די קינסטלערישע איבעראַרבייטונג פון דער סביבה, וואו עס קומען פאָר די שילדערונגען. זי האָט נאָר געהאַט איין ציעל: צו ווירקען אויף איהרע לעזער מיט דער טענדענציע, ד. ה. צו זאָגען איהם מוסר אין דער פאָרם פון אַ מעשה'לע. אין די 60־ער יאָהרען איז זי אַרויסגעטראָטען מיט איהרע „בילדער פון די הונגער־יאָהרען“. מיט גראָבע פאַרבען האָט זי געשילדערט די הונגער־יאָהרען, געזעהן צו וועקען רחמנות צו די לײַדענדע, און דערביי איז איהר רעכט געוועזען יעדעס מיטעל, נאָר אַרויסצודריקען ביי דעם לעזער אַ טרעהר.

עס איז איהר נישט אזוי וויכטיג געווען צו דערפארשען די אביעק־טיווע סבות פון הונגער ווי צו מוסר'ן דעם עולם.

ווי אלע שרייבער פון יענער צייט, האט זי געפיהלט גרויס רחמנות צו די דארפישע פויערים, וואס ארבייטען ווי די אייזלען, לעבען שטענדיג אין ארעמקייט און אין שמוץ און ווערען געטראטען אונטער די פיס פון איטליכען פריץ א דארמאיעדניק. מיט א טאן פון א מגיד וואס זאגט מוסר דעם עולם ווענדט זי זיך צו די פוילישע פריצים מיט פאלגענדע ווערטער:

„צו האט איהר פון אייערע ליכטיגע הויכע פענסטער אראבגעקוקט אמאל אונטען אין קעם תהום פון די געדיכטע מאסען, וועלכע האָרעווען אין דעם שוויים פון זייער אנגעזיכט, לעבען אין חושך און אין ארעמ־קייט און זענען בערויבט פון אליץ וואס איז שען און איידעל? צו האט איהר ווען געזעהן וויפיעל צרות עס געפינען זיך אין דעם דאזיגען תהום? וועלכע יסורים עס רעגען איוף חי ווילענס פון לעבעדיגע מענשען, וועלכע קימען אין אייערע אויגען אוים אזוי נישט שען און בתיהנע?

קוקט אראב אהין! דארטען וועלען אייערע הערצער געפינען נישט איין דראמע, דארטען וועט איהר קאנען אנווענדען אייער ליעבע צו מענ־שען, דארטען וועט איהר געפינען נייע ראיות פאר די ריכטיגקייט פון אייערע פראגרעסיווע געדאנקען און נייעם מוט דורכצופיהרען אייערע פראָ־גרעסיווע שטרעבונגען, די שטרעבונגען וואס פיהרען צום גליק נישט נאר איינצעלנע מענשען, קאסטעס, נאר די ברייטע ספערען פון דעם מענש־ליכען כלל".

אזוי ווי ארזשעשקא איז אליין געבארען געווארען אין א מיטעלע פריצישע הויז, קען מען פון איהר נישט ערווארטען קיין צו שטארקעס ארויסטרעטען געגען פוילישען מיטעלען אדעל. אבער זי הערט נישט אויף צו מוסר'ן די פוילישע אריסטאקראטיע פאר זייער גלייכגילטיגקייט צום פויער און צום פראסטען המון. ביי די פריצים פון מיטעלען קלאס געפינט זי נאך מענשען וואס לעבען פאר'ן כלל, ווענדען אן זייערע פעהיגקייטען צום אלגעמיינעם נוצען און פיהלען די בעדערפנישען פון פאלק. אבער ביי די הויכע קלאסען איז די גערינגשעצונג צום המון אזוי גרויס, אז עס קומט איהם דאס זיי וואקסען, ווי א פרעמדער געוויקס אויף די פלייצעס פון פאלק. זיי האבען קיין הארץ פאר די בעדערפנישען פון פאלק, זוי־גען איהם זיין ארבייט און פערשווענדען די איינקינפטע פון דעם הארא־פאשנעם פויער, אין פאריז, ניצא און אכטענדע. מיט פוסטע מוחות, נאר

מיט פיינע מאַניערען לעבען זיי דורך זייער וועלט, און די גאוה איז אַזוי גרויס, אַז פאַר זיי עקזיסטירט שוין ניט קיין מענש, וואָס טראָגט נישט אויף זיך דעם טיטעל „גראַף“ אָדער „חראַביע“.

שפּעטער האָט אָרזשעשקאָ זיך פּעראינטערעסירט מיט דער לאַגע פון דער פרוי אין דער איצטיגער געזעלשאַפט. זי האָט געזעהען אַז די פרוי פון די מיטעלע קלאַסען איז אָבהענגיג פון מאַן, אָבהענגיג דערי־בער, ווייל כל זמן זי איז פאַר׳ן מאַן אַ שפּיעל־צאַצקע איז איהר גוט און וואויהל. ווינבאַלד אָבער דער מאַן הערט איהר אויף צו בעטראַכטען אַלס אַ שענע צאַצקע ווערט איהר לאַגע אַ שלעכטע. און איהר לאַגע ווערט אַ שלעכטע דעריבער, ווייל מען האָט איהר ערצויגען נאָר אויף צו מהנה זיין דעם מאַן, נישט אויף דעם צו זיין איהם אַ שטיץ, אַ חבר אין לעבען. דער הויפּט־פעהלער ליעגט אַלזאָ נאָך אָרזשעשקאָ אין דער ערציהונג פון דער היינטיגער פרוי. אין אַ גאַנצער רייה אַרטיקלען פערטיידיגט זי די פרוי, וואָס נעהמט זיך צום לערנען, שטודירען, וואָס וויל מיט די אייגענע אָפענע אויגען, ווי דער מאַנסביל קוקען אויף די וועלט.

און בעקאָנט איז איהר אויסרוף: „זאָל די פרוי אומעטום אין יעדער לאַגע פיהלען איהר מענשליכע ווערדע, זאָל זי אויפהערען צו זיין אַ שפּיעלכעל אין די הענד פון מאַנסביל, זאָל זי ווערען אַן אויפגעקלערטער מענש, און זאָל זי האָבען איהר בעשעפטיגונג“. דערביי איז אָבער אָרזשעשקאָ נישט אַזוי נאַאיוו צו זעהן אין די קאַריקאַטורישע עמאַנציפּירטע פרוי איהר אידעאַל. עס איז אַ טעות ווען פרויען מיינען אַז איטליכע פרוי דאַרף שטרעבען צו זיין אַ דאָקטאָר, צו ענדיגען אַן אוניווערזיטעט: „זאָל יעדע פרוי—רעדט אים אָרזשעשקאָ—וואָס לעבט אין דער גרעסטער פּראָזאַאישער סביבה פערשטעהן צו קוקען אויף איהר לאַגע פון אַ געוויכער הויכקייט.

פלאַנצענדיג אַ גאָרטען, האָדעווענדיג עופות, אָדער אַרבייטענדיג מיט דער נאָדעל אָדער מיט׳ן נאָל, קען מען פונדעסטוועגען זיין אַזוי ענטוויקעלט, אום צו בעגרייפען די געגענווערטיגע לאַגע פון כלל, אום צו פערשטעהן דעם גייסט פון די פערגאַנגענע צייטען. מען דאַרף נישט בעזיצען קיין דיפּלאָם אום צו האָבען אַן אייג פאַר ברייטע האָריזאָנטען. יעדער וואָס וועט זיך פיהלען אַלס אַ ליכטיגער פונקט צווישען די האָריזאָנטען, ווען שוין אין דעם געפיהל געפינען גענוג צופריעדענהייט, אום רוהיג צו קענען אַרבייטען אין זיין פּראָזאַאישער פּראָפעסיע“.

נאָך אָרזשעשקאָ געהערט נישט צו די נאַטורען וואָס זייער מוסה

צובראָכט דאָס געמיט און לאָזט נישט איבער קיין האָפנונג. ערשטענס, איז זי געווען צו פיעל פּראָוינציעמער, אַז זי זאָל קענען פערלאָזען דעם לעזער אָהן אַ טרייסט־וואָרט. צווייטענס האָט זי זיך ערצויגען אין אַזאַ צייט, ווען מענשען האָבען געגלויבט אין דער מאַכט פון דער אויפקלערונג און געהאָפט, אַז וואָס מעהר עס וועלען אַריינשטראַהלען די שטערן פון דער בילדונג, אַלץ בעסער, איידעלער און פרייער וועט ווערען דאָס מענשליכע לע־בען. זי איז געווען אַ אמת'ע אָפּטימיסטקע לויט איהר טבע נאָך. זי איז געווען איבערצייגט, אַז אַלדאָס שלעכטס, וואָס קומט פאָר אין דער וועלט איז נישט צוליעב דעם, ווייל דער מענש איז בטבע אַ שלעכטער, נאָר צוליעב דעם, ווייל דער מענש לעבט אין חושך פון דער אונוויסענהייט, און ווי אַ בלינדער געהט ער דורך די וועלט, נישט ווילענדיגערהייט, שטויכענדיג איף אַלע זייטען. זאָל נאָר אַריינשיינען דאָס ליכט פון בילדונג, און דער נעכטיגער גזלן וועט זיך אַרויסווייזען פאַר דעם בעסטען ליעבעפולסטען מענשען. כאַראַקטעריסטיש איז איהר ראָמאַן: „דזורדזיאַ", וואו מיר בע־קענען זיך מיט אַ רייהע פערזאָנען, וועלכע האָבען אויס אַבערגלויבען גע־הרג'עט אַ מענשען, און וועלכע זענען אין דער אמת'ן גאָר נישט אַזוי שלעכט, ווי עס קומט אויס אויפ'ן ערשטען בליק. נאָך מעהר. פּיאָטר דזורדזיאַ, וועלכער איז איינער פון די וואָס האָבען אויפגעהויבען די מאָרד־וואַפען, איז פיעל בעסער און פיהלט אַ סך טיעפער און איידעלער ווי מאַנכעס ריכטער, וואָס טראָגט אַרויס אַ בעשולדיגונגס־אַקט און פערשיקט מענשען איף קאַטאָרגע. אינטערעסאַנט איז דער ראָמאַן „חאַם", וואו סימ־באָליש טרעפען זיך צוזאַמען די זינדיגע שטאָדט מיט דעם דאָרף. און עס ווייזט זיך אַרויס, אַז ביי די „חאַמעס"—אַזוי רופט אָן די שטאָדט דעם פויער—לעבט אַן איידעלער געוויסען, ווי ביי אַ סך פון די שטאָדט־לייט, מעגען זיי אַפילו זיין מענשען מיט בילדונג.

אָרזשעשקאָ גלויבט אין דער קראַפט פון אַ גוט געגעבענעם ביישפּיעל: דאָס מוסטערהאַפטע לעבען פון מענשען וואָס פיהלען די בעדערפנישען פון פאָלק, ברייגנט דערצו, אַז פוסטע מענשען ווי דער „אַווסטראַליער" אין ראָמאַן „אַווסטראַליעץ" ווערט מיט אַ מאָל אַ נייער מענש, וואַרפט אַוועק זיינע נאַרישע גענג און שליסט זיך אָן אָן די וואָס אַרבייטען פאַר אַ הויכען, כאָטש אַ בעשיידענעם לעבענסציעל. ווען זי האָט געשריעבען איהר ראָמאַן: „אַרגאָנוטען" וואו אַ מענש, יאָגענדיג זיך זיין גאַנצען לעבען נאָך געלד און פוסטען כבוד, פערגעסענדיג דעריבער זיינע פליכטען אַלס מאַן און פאָטער—געפינט איף דער עלטער אַ פוסטע הויז, זעהט, אַז ער איז

געבליעבען איתום צווישען איגענע; — ווען זי האָט דאָס געשריעבען האָט די זיכער געוואָלט ווייזען אַביישפּיעל ווי מען דאַרף און טאָר זיך נישט פיהרען.

אָרזשעשקאָ, ווי יעדער מענש, וואָס זאָגט מוסר זיין פאָלק האָט שטאַרק געגליבט אין דער מאַכט פון וואָרט. זי איז זיכער געווען, אַז אַ גוטע האַרציגע דרשה קען מעהר ווירקען אויפ'ן לעזער ווי אַ קינסטלעריש אָבגעטאָקטע ערצעהלונג. און דעריבער האָט זי זיך שטענדיג מעהר אינטערעסירט מיט דעם צו ווירקען אויפ'ן לעזער דורך רעד, איידער דורך גוט געמאָלטע פיגורען. און מיט אַ בעזונדערער ליעבע האָט זי האָלד גע־האָט איבערצו'חזר'ן דעם לעזער דעם אַלטען טיעפען געדאַנקען, אַז יע־דער מענש דאַרף זיין בכח צו פערגעסען אָן זיך און די קליינע אייגענע צרות, אום צו קענען אַריינפיהלען אין דאָס לעבען פון צווייטען און דאָס לעבען פון כלל. „דאָס מענשליכע לעבען" — זאָגט זי — „גיט אונז אַ סך קוואַ־לען פון וואַנען מיר קענען בעקומען באַלזאַם צו אַלע אונזערע וועהטאָ־גען. נאָר אום צו בעקומען דעם באַלזאַם מוזען מיר קענען פערגעסען אַ ווײַלע אָן דעם אייגענעם חומר. אַ מענש מוז קענען דערהויבען זיין נשמה אַזוי הויך, אַז זי זאָל אַליין ליעב האָבען און פיהלען צו אַליין אַ הדרת הכבוד".

אין אַנ'אַנדער אָרט ערקלערט זי אונז דעם פּראָצעס פון צו קריע־גען דעם דאָזיגען באַלזאַם:

„פון קורצזיכטיגען און בלינדען המי'ן שיידט זיך אָב אַ הײַפעל מענ־שען, וועלכע בייגען זייער בליק צום מענשליכען לעבענסשטראָם. מיט שאַרפ־זעהענדיגע איגען, וואָס זענען בעלויכט פון אַנ'אינעווענינסטען ליכט, זע־נען זיי בכח צו זעהן אין דעם שטראָם אַליין, אַליין. צוויי כחות לעבען אין די דאָזיגע מענשען, אַ געזונטער נייגיער, אַ חשק צו צוברעכען יע־דען שאָלעכץ וואָס לאָזט נישט זעהן די יאָדרע, און, צווייטענס, אַ ליעב־שאַפט צום מענשען, צום לעבען בכלל, צו דער גאַנצער וועלט. צוזאַמען מיט די ביידע קרעפטען, וואָס ווערען געבאָרען אין קאָפּ און אין האַר־צען קומט נאָך צו דער הייסער רצון אַנדערע נוצען צו ברייינגען, דעם פאָלק צו דיענען מיט לייב און לעבען; מיט דער בילדונג פון מח, מיט די געפיהלען פון האַרצען. אָט אַזוינע מענשען, — מען רופט זיי דענקער, פאָרשער, פּאָעטען — ענטדעקען אין לעבענסשטראָם דעם ברוד, אָבער צו־זאַמען מיט'ן ברוד געפינען זיי קריסטאָלען און פּערלען, טראָפּענס בלוט, און די טראָפּענס פון מענשליכע טרעהרען. און זיי זאַמלען צונויף די פּערלען און טראָפּענס, טראָגען דאָס אַרויס פון די ברודנע טיעפענישען

אין לעגען דאָס צו די פיס פון דער מענשהייט, פאַרגרעסערען דאַמיט די אוצרות פון מענשליכע אידעען און אידעאַלען". נאָר אַזוינע מענשען זענען בכח צו געפינען דעם זעלטענעם באַלזאַם. און אָרזשעשקאָ האָט געהערט צום דאָזיגען הייפעל זעלטענע מענשען. זי געהערט צו דעם פּראָסטען פאָלק, די גראָבט זיך אין איינפאַכען לעבען פון דאָרפישען פויער, זי פערטיעפט זיך אין לעבען פון אַ פרעמד פאָלק, און אַ פרעמדער ראַסע, ווייל דאָס פרעמד פאָלק לעבט מיט איהר אייגענעם זייט ביי זייט. אומעטום זוכט זי פון דעם ברוד אָבצושיידען דאָס ריינע, דאָס קריסטאָלענע. און וויבאַלד זי געפינט אין די ברודנע טיעפענישע אַ פּערל, אַ קריסטאָל, טראָגט זי עס אַרויס פאַר דער וועלט און טענה'ט: „זעהט מענשען ווי נאַריש איהר זייט! צוליעב דעם ברוד ווילט איהר נישט זעהן די פּעריל; ווערט שאַרפזעהענדיגער אַביסעל און איהר וועט אויך מאַכען אַזוינע ענטדעקונגען ווי איך.

---

## III

אָרזשעשקאָ האָט געהאַט אַ קליינע בעגאַבונג פאַר עכטע קונסט. לייענענדיג איהרע ווערק, האָט מען נישט דאָס געפיהל, אַז אַ קינסטלער-אויג האָט זיך צוגעקוקט צום לעבען. אַנדערע פאַר איהר און נאָך איהר האָבען פיעל בעסער געשילדערט דאָס פּוילישע לעבען ווי זי. אָבער אָרזשעשקאָ פערמאָגט אַן אַנדער מתנה: די גאַבע פון אַ גוט הארץ. מיט'ן הארצען פון אַ גוטען מענשען האָט זי זיך בעהעפט צו דער וועלט, און דאָרט וואו די האָט געזעהן אָרעמקייט און פערגרעבטקייט, האָט זי אויך געפיהלט, אַז צוזאַמען מיט דער אָרעמקייט איז אויך די פערגרעבטקייט נאָר אַ אויבערשטע קאָרע. איהרע גרויסע בעלעזענהייט האָט איהר געהאָלפען צו בעגרייפען, אַז נישט אַלץ וואָס עס גלאַנצט—איז גאָלד, און אַז אונטער דער כּיערמיאַגע קלאַפּט אַ מענשליך הארץ מיט די פיינסטע מענשליכע געפיהלען.

אָבער חוץ אַלעם דעם איז אָרזשעשקאָ נאָך געבענטשט געווען דערמיט, וואָס געלעהרנטע רופען: „דאָס קאָסמישע געפיהל".

עליזאַ אָרזשעשקאָ האָט זיך געפיהלט בעהעפט מיט דער גאַנצער וועלט, מיט אַלע מענשליכע ברואים אויף דער וועלט, ווי מיט איהר גאַ-

טהר: זי איז געבארען געווארען מיט א הארץ וואס סימפאטיזירט צו אלין, וואס קומט נאר ארײַן אין איהר גײַסטיגען שטח. אלס פוילישע פרצ׳טע האט זי ליעב געהאט איהר פוילישע כביבה, אבער די ליעבשאפט צו אייגענע האט נישט געהינדערט, אז זי זאל זיך בעהעפטען מיט׳ן גײַסט צו די ווײַס-רוסען און צו די יודען. קיינער פון די פוילישע ליטעראטען פאה איהר האט נישט געשריבען אזוינע גרויסע ווערק פון יודישען לעבען, ווי זי. קיינער פון די פוילען האט איך זיך נישט אזוי שטארק אינטערעסירט מיט די פעלקער, וואס וואהנען זײַט בײַן זײַט מיט איהר פאלק. כאטש אין ערגעץ האט איהר קאסמישעס געפיהל, איהר סימפאטיע און אחדות—געמיט זיך נישט טיעפער אויסגעדריקט ווי אין איהר ערצעהלונג: „רינגען“. נאר דער קריטיקער בעמערקט אין יעדען ווערק פון איהר, ווי עס ברעכט ארויס דאס איבענדערמאהנטע געפיהל.

ארושעשקא האט ווי אלע גרויסע מענשען שטענדיג געפיהלט, אז פאר גאט איז נישטא קיין חילוק צווישען פעלקער, קאסטען און ראסען. אז פאר איהם כביכול איז יעדעס בעשעפעניש אזא מין בלימעל, וואס וואקסט, וועלקט און שטארבט. אז דער מענש קריעגט דאמאלס א צלם אלקים, ווען ער הויבט זיך אן צו בעהעפטען צו אלע גאטס ברואים מיט דער גלײַכער ליעבע און הדרת הכבוד.

און טאקע דעם געפיהל האבען מיר צו פערדאנקען וואס עליזא ארזשעשקא האט א גרויס טייל פון איהר לעבען געזוכט אײַנצודרינגען אין דער נשמה פון א פרעמד פאלק, ווי די יודען.

צווישען איהרע יודישע ווערק זענען: „מאיר יאזעפאוויץ“ און „עלי מאקאווער“ די גרעסטע און מיר וועלען זיך איצט אבשטעלען אויף זיי א ביסעל לענגער, ווי אויף די אנדערע ווערק פון איהר פעדער, כדי דער לעזער, וואס בעקומט היינט ארושעשקא׳ס ווערק אויף יודישע טהעמען אין די הענד זאל זיך קענען אבגעבען א קלארען חשבון פון דער ווערדע דייערער.

---

# IV

„מאיר יאָזעפאָוויץ" געהערט צו די פֿריהעסטע ווערק פֿון עליזא אָרזשעשקאָ. זי איז געגאַנגען דעם וועג פֿון אַנדערע פּוילישע ליטעראַטען, וועלכע האָבען געפּרובט אײַנדרינגען מיט זייער גייסט אין לעבען פֿון פּוילישען יודען, און געמיהט זיך איהם צו פֿערשטעהן.

צײַט הונדערטער יאָהרען וואָהנען אין פּוילען וואונדערליכע מענשען מיט וואונדערליכע דרכים; וואָהנען זיי בײַ זײַט מיט'ן פּריץ און מיט'ן פּויער. געקומען זענען זיי פֿון פֿרעמדע ווײַטע לענדער; רעדען, רעדען זיי אַ פֿרעמדע שפּראַך, און האַלטען שטאָל און אײַזען פֿון אַ אמונה, וואָס דער פּויל; דער קאַטויליק, האָט שוין דאָס זײַט יאָהר טויזענדער פֿערשאָלטען. און דערבײַ לעבען זיי פֿון אַזוינע עסקים, וואָס נישט דער פּריץ, נישט דער חלאָפּ איז עס נישט מסוגל צו בענעהמען. און וואָלטען זיי כאָטש געווען אַ קליין הײַפֿעל, ווי די קאַראַאימעס, וואָלט מען זיי גאָר נישט בעמערקט. נאָר זיי פֿערנעהמען מעהר ווי איין צעהנט חלק פֿון דער געבירטיגער בעפֿעלקערונג, און עס טהוט זיך אין פּוילען נישט אָב קײַן עסק, וואו דער יוד זאָל נישט זײַן אין מיטען. זײַט יאָהרהונדערטען איז דער יוד אַרײַן אין דער משפּחה פֿון פּוילישען פּריץ, אַרײַן נישט ווי אַ ליעבער קרוב, נאָר ווי אַ שטיעפֿקינד, וואָס איטליכער טרעט איהם מיט די פֿיס, און איטליכער בענוצט איהם צו אַלערליי מלאכות. ער איז צוגלײַך אַ שקלאַף און בעל יועץ פֿון פּוילישען פּריץ; ער איז צוגלײַך דער „פֿערפֿלוכטער יוד", און דער „חכם פֿון דאָרף", וואו איטליכער פּויער קומט אויסגיסען זײַן האַרץ. דער יודיש-פּוילישער שענקער איז צוגלײַך דער קאַלטער גזלן, וואָס עקספּלואַטירט דאָס פֿאָלק מיט אַכזריות, און צוגלײַך דער איינציגער, וואו מען קען געפֿינען דעם „פּודה ומציל"; קורץ דער יוד איז אייביג געווען אַ רעטעניש פֿאַר דעם פּוילישען שרײַבער, און ער האָט זיך נישט איינמאָל גענומען צו טרעפֿען דעם רעטעניש. כמעט אַלע פּוילישע ליטעראַטען האָבען געשילדערט דעם יודען אין זייערע ראָמאַנען און ערצעהלונגען. בעריהמט איז „יאַנקעל" פֿון „פּאַן טאַדעאוש" בײַ מיצקעוויץ; נישט ווייניגער בעריהמט געוואָרען זענען אַנדערע יודישע טיפּען, וואָס זענען געשילדערט געוואָרען אין דער פּוילישער ליטעראַטור.

דאָס אינטערעס פון פוילישע בעלעטריסטען צום יודען האָט זיך נישט בעגרענצט נאָר מיט אַ ריינע איסערע בעאָבאַכטונג. עס האָבען זיך געפונען אַזוינע, וואָס האָבען ערנסט שטודירט דאָס יודישע לעבען, זיך געניער בעקאַנט מיט זיין שפּראַך, און געזוכט אַריינצודרינגען אין דעם קדשי־קדשים פון יודען, אין זיין תלמוד, און אין לעבען פון בית המדרש. צו די געצעהלטע ליטעראַטען געהערט אויך עליזאַ אָרזשעשקאָ. זי האָט זיך נישט בעגנוגענט דערמיט, וואָס זי האָט איהר לעבען אָבגעלעבט אין אַ יודישע שטאָדט, ווי גראָדנאָ, וואו די יודישע גאַס גיט שוין דעם בעאָבאַכטער אַזוי פיעל מאַטעריאַל. אָרזשעשקאָ האָט געגראָבען פיעל טיעפער. זי האָט זיך געמיהט אַריינצודרינגען אין אַזעלכע פערבאָרגענע ערטער, וואו עס דרינגט זעלטען אַריין אַ קריסט. זי האָט געשטודירט ערנסט די יודישע היסטאָריע, געזוכט צו בעקומען אַ ריינעם בליק אויף דעם יודישען תלמוד. זי האָט אַפילו צו דעם צוועק געגומען שטודירען די העברעאישע שפּראַך. פון אַלערליי ביכער האָט זי געשעפּט אַ בעגריף פון חסידות, קבלה און תלמוד. זי האָט מיט איהר קלאָרען פערשטאַנד בעגריפען, אַז כל זמן דאָס יודישע רעליגיעזע לעבען וועט זיין פערבאָרגען פון געבילדעטען קריסט'ס בליק, וועט ער קיין מאָל נישט קענען פערשטעהן די אורזאַכע פון יודענס קראַפט, די סבה פון יודישען גייסטיגען יחוס. אָרזשעשקאָ האָט זיך נישט געלאָזט נאַרען פון איסערע'ן פנים און היליך פון אַ יודען אָדער אַ יודענע. זי האָט פערשטאַנען, אַז דאָס איז נאָר ווי דער שאָלעכץ, וואָס פערדעקט די יאָדרע. בעטראַכטענדיג דעם יודען, נישט נאָר אויפ'ן גאַס, נאָר אויך אין זיין היים און אין זיין בית המדרש, איז זי ביכלעכווייז דערגאַנגען ביז צום האַרצען פון יודישען לעבען. אין דאָס וואָס זי האָט געזעהן, האָט זי מיט אַ גרויסער קראַפט פון איבערצייגונג גענומען דערצעהלען אידרע בילדער אין די ווערק. „מאיר יאָזעפאָוויץ", „עלי מאַקאָווער" און אַנד.

אום צו געבען אַ בעגריף מיט וואָס פאַר אויגען קוקט יעדער געבילדעטער פויל אויף די יודישע מאַסע, אין ווי אונבעגרייפליך זי זעהט איס פאַר דעם, וואָס קוקט אויף איהר אַפילו מיט פריינדליכע אויגען, ברענגען מיר פאָלגענדע האַראַקטעריסטישע ציטאַט, בעשרייבענדיג די יודישע גאַסען פון אַ תחום־שטאָדט, געפינט אָרזשעשקאָ פאָלגענדע ווערטער פאַר איהר בעשרייבונג:

„דאָ האָט זיך געפּלאָנטערט אַ בעפעלקערונג פון אַלערליי געשלעכטער און אַלערליי עלטער, וואָס האָט יעדען פערביינעהער שטאַרק פער-

וואונדערט. אין איטליכען ענגען אײַנגעפֿאַלענעם הײַזעל האָבען זיך געשטיקט עטליכע משפּחות איך אַמאָל, און יעדער משפּחה איז בעשטאַנען פֿון עטליכע מנינים. בײַ די הײַזלעך האָבען זיך געצויגען קליינע גערטענדלעך און יעדעס שטיקעל ערד האָבען בעאַרבײַט צעהנדליגער הענד. אײַן דעססיאַטינע האָט געקאָרמעט צעהנדליגער מײַלער מיט בולבעס און ציבעלע. יעדער ווינקעל האָט געהילכט פֿון פֿערשיעדענע קולות. קיינמאָל האָט קיין מלוכה נישט צונויפֿגעצעהלט איך ריכטיג די צאָהל פֿון די קעפּ. וואָס האָבען געפֿוילט דאָ און שמוץ, און אָרעמקײַט, וואָס זענען אָבגעקומען דאָ דײַער וועלטעל און אַניעקעלדיגער פֿינסטערקייט, און אַ חושך וואָס איז געווען אי ווילד פּאָטעטיש און געהיימניספֿול, אי פֿול פֿון שמוץ און עפּוש.

איבריגענס, אַלץ וואָס האָט דאָ עקזיסטירט: די שפּראַך, די פֿיהרונגען, דער גלויבען, דאָס שטרעבען, די געפֿיהלען און די ווינשעניסען,— אַלץ איז געווען ווי פֿערצויגען מיט אַ שלייער פֿון פֿינסטערקײַט, מיט עפּעס אַ כּוד, מיט דעם וואונש צו לעבען, אָבגעשיידט; אַלץ האָט געאָטהעמט מיט שנאה, מיט דעם לײַדענשאַפֿטליכען עקשנות׳דיגען צובונד צו דעם עבֿר. די צוקונפֿט, די ליעבע ליכטיגע צוקונפֿט פֿול פֿין בילדונג, פֿין פֿריעדען, ליעבע צו מענשען, די צוקונפֿט וואָס וויל נישט טראָגען קיין שנאה פֿאַר אַלטע בעליידיגונגען, וואָס בעדעפֿט זיך צו אַלע מענשען אָהן אַנאונטערשייד—האָט דאָ קיינעם נישט אינטערעסירט. דאָס פֿאָלק, וואָס איז אַ כּפֿינקס, דאָס פֿאָלק, וואָס איז אַ גאַסט, אי אַ שונא, דאָס פֿאָלק וואָס ווערט אייביג געפֿייניגט און איז זיך אייביג נוקם,—האָט געלעבט און זײַנע נאַכען, בעגראָבען אין דער פֿינסטערניש פֿון אָרעמקײַט און שמוץ, פֿון זײַנע אומעטיגע זכרונות און אַבערגלויבען. און זײַן אָטהעם איז געווען... אַ שטינקענדיגע לופֿט".

אין די אויגען פֿון געבילדעטען קריכטען, וועלכער געהט צו צום יודישען לעבען מיט די בעכטע געפֿיהלען, זעהט אויס די יודישע מאַסע אַזוי אונבעגרײַפֿליך און געהיימניספֿול, אַז אויך בײַ אָרזשעשקאָ, וואָס האָט איהר גאַנצען לעבען אָבגעלעבט צווישען דער יודישער מאַסע, רײַסען זיך אַרויס אַזוינע שילדערונגען, וועלכע בעווײַזען, אַז זי האָט זיך גיט געקענט צוגעוועהנען צו איהר. איצט קען מען זיך פֿאָרשטעלען, ווי ווילד פֿרעמד עס זעהט אויס דער יוד אין די אויגען פֿין אַ מענשען, וואָס האָט קיין מאָל מיט דעם יודען נישט געהאַט קיין מגע ומשא. און „מאיר יאָזעפֿאָוויץ" שילדערט אונז אָרזשעשקאָ, ווי אַ יונגער פּוילישער פּריץ איז געגאַנגען

זיך דורכשמועסען מיט אַ יודישען גרויסען רב, דער רב האָט ניט פֿערשטאַנען קיין וואָרט פּויליש, און דער פּויל, פֿערשטעהט זיך, קיין וואָרט יודיש. מען קען זיך לייכט פֿאָרשטעלען, וואָס פֿאַר אַנ'אײַנדרוק האָט געמאַכט דער שטומער רב אויפ'ן פּריץ. און דער יונגער פּריץ איז אַוועק מיט דער איבערצייגונג אַז הער רב איז אַנ'אידיאָט, און אַז די קהלה זײַנע, וואָס האַלט פֿון איהם אַנ'עולם ומלאה, איז נישט ווייניגער אידיאָטיש פֿאַר'ן רב.

די ווערק פֿון אָרזשעשקאָ וועגען יודען צייגען אונז קלאָר, וואָס פֿאַר אַ וואַנד עס שטעהט צווישען יודען און קריסטען; אויך זי אַליין האָט זיך נישט געקענט בעפֿרייען פֿון אַ געוויסען געפֿיהל. בײַ איהר גאַנצער ליעבשאַפֿט צו אַלע פֿעלקער, איז איהר די יודישע מאַסע דאָך צו ווידער. נאָר אָרזשעשקאָ האָט פֿערשטאַנען, אַז געוויסע געפֿיהלע נעהמען זיך פֿון אַ געוויסער ערציהונג, און האָט איבּיג געמיהט זיך, אַז אַזוינע צופֿעליגע געפֿיהלען זאָלען נישט שפּיעלען קיין ראָלע אין אומגאַנג מיט מענשען און מיט פֿרעמדע פֿעלקער. זי האָט שטאַרק געגלויבט אין דעם כח פֿון בילדונג, און די בילדונג וויל נישט וויסען פֿון פֿעלקער, נאַציאָנען, די איז אינטערנאַציאָנאַל. און אָרזשעשקאָ איז געווען איבערצייגט, אַז ווי באַלד עס וועט אַרײַנשטראַהלען די בילדונג, וועלען אַלע מענשען פֿערליערען די נאַרישע מנהגים, די שלעכטע געפֿיהלען, און דאַמאָלכט וועט זיך בעזעצען דער פֿריעדען אין אַלע מענשליכע הערצער.

---

## V

אין „מאיר יאָזעפֿאָוויץ“ האָט געוואָלט אָרזשעשקאָ בעשרײַבען די יודישע נשמה, מיט איהר ריינקייט און קדושה. זי האָט געמיהט זיך ווײַזען דער קריסטליכער וועלט די גרונדפּרינציפּען פֿון דער יודישער גײַסטיגער קולטור, צוליעב וועלכע דער יוד ברייגגט אַזוי פֿיעל קרבנות. נישט נאָר די פֿערגליווערטע יודישקייט האָט זי געשילדערט, נאָר אויך די נײַע שפּראָצונגען אויפ'ן אַלטען יודישען בוים.

אין שטעדטעל שיבאָו,—אַ טיפּישע יודישע שטעדטעל,—וואָהנען פֿון איביג אָן די גרויסע סוחרים יאָזעפֿאָוויצעס, און די גרויסע רבנים, די

טודרוסעס. פון איבּיגע ציטען הערשט צווישען זיי אַ שטילע מלחמה. די גדיכע רבנים־משפּחה—טודרוסעס היטען אָפּ מיט אַ ווילדען פאַנאַטיזם די אַלטע יודישקייט. די יאָזעפאָוויצעס, דאַגעגען, שטרעבען אימער צו פעראייניגען די פּרינציפּען פון דער ריינער יודישקייט מיט דער פּוילישער וועלטליכקייט. די יאָזעפאָוויצעס זענען שטענדיג אויף דער זייט פון פּראָגרעס; די טודרוסעס טראָגען אַ ברענענדיגע שנאה צו יעדען שנוי אין יודישען לעבען. אַלע הונדערט יאָהר פלאַקערט אויף די מלחמה. דורות לאַנג ברענט זי מיט אַ שטילען פייער. אָבער פון צייט צו צייט שטעהט אויף בּיי די יאָזעפאָוויצעס אַ מענש, וואָס טרעט אַרויס מיט אַ גרויסען מוטה געגען די טודרוסעס.

ענדע פון די 50־טע יאָהרען אין פאָריגען יאָהרהונדערט האָט זיך בּעוויזען ווידער אַזאַ רעוואָלוציאָנער בּיי די יאָזעפאָוויצעס; דאָס איז געווען דער אוראייניקעל פון ר׳ הערש יאָזעפאָוויץ, וואָס האָט מיט אַ יאָהר 80—70 פריהער געהאַט אַ נאָהענטע בּעציהונג צום פּוילישען סיים, און וואָס האָט געחלומ׳ט פון אַ צייט, בּעת יודען אין פּוילען וועלען ווערען גלייכע בּירגער מיט אַלעמען און וועלען צוזאַמען מיט די געבּורטיגע אַראָבּוואַרפען פון זיך די נאַרישע מנהגים, וואָס צושיידען ווי אַ וואַנד דעם יודען פון פּוילען.

בּיי די יאָזעפאָוויצעס ליעגט בּעהאַלטען אַן אַלטע צואה פון דעם גרויסען בּעגרינדער פון דער פאַמיליע: „סיעניאָר יאָזעפאָוויץ״. דורות פערגעהען און קיינער זוכט זי ניט צווישען די ספרים אין די שאַפעס, וואו זי ליעגט בּעהאַלטען. נאָר פון צייט צו צייט בּעוויזט זיך אַ גליעד פון דער פאַמיליע, וואָס קריעגט אַ בּרענענדיגען חשק צו ענטדעקען די צואה. און איטליכעס מאָל, ווען איינער פון די יאָזעפאָוויצעס לייענט דורך די צואה, עפענען זיך איהם די אויגען, און ער הויבּט אָן צו פיהרען אַ מלחמה פאַר אַ בּעסערען קליגערען לעבּען פון יודישען כלל. נאָר אין קאַמפף מיט די טראַדיציעס געהען זיי צו גרונד. די מאַסע איז שטאַרקער פאַר׳ן איינצעלנעם רעפאָרמאַטאָר, און די טודרוסעס אין זייער פאַנאַטיזם שיקען אָן דעם המון אויף די רעפאָרמאַטאָרען, וועלכע רודפ׳ן זיי עד חרמה.

נאָך ר׳ הערשען האָט מאיר זיך דערוועגט אַרויסצוטרעטען קעגען יודישען פינסטערען לעבּען. ער האָט שוין אַזוי ווייט געבּראַכט, דאָס געפינענדיג די אַלטע צואה, האָט ער זי פאָרגעלייענט דעם המון אין בּית־מדרש. אַ רגע קווינקעלט דער המון, אויף וועמענס זייט אַריבּערצוגעהן: צי זאָל זי ווערען אייראָפּעאישׁ פּראָגרעסיוו, אָדער יודיש פאַנאַטיש, לסוף

איז מנצח די אַלטע יודישקייט אין געשטאַלט פֿון די טודרוסעס, וועלכע וואַרפֿען אַריין מאיר'ן אין חרם און פֿערטרייבען איהם פֿון שטעדטעל.

דעדבי, שילדערט אונז אָרזשעשקאָ דאָס יודישע היים, דעם בית מדרש, בחורים וואָס לערנען בעהאַלטענדיגערהייט דעם מורה נבוכים, די פֿאַלשע בילדונג פֿון די יודען, וואָס זוכען אין דער השכלה נישט די אמת'ע בילדונג, נאָר אַ גראָבען לעבענס־תכלית א. ז. וו.

מאיר יאָזעפֿאָוויץ האָט געהאַט אַ גרויסען אײנפֿלוס: ערשטענס האָבען זיך די קריסטען איבערציינגט, וויפֿיעל קדושה און ריינקייט עס ליעגט אין דער יודישער אמונה. צווייטענס, האָבען זיי זיך אויסגעלערנט צו קוקען אויפֿ'ן יודען מיט אַ נייעם בליק. זיי האָבען זיך בעקענט מיט צוויי שטרעמונגען אין יודישען לעבען: חוץ דער יודישער פֿאַרגליווערטקייט, האָבען זיי דערזעהן, אַז דאָס גהעטא־לעבען גיט נייע שפּראָצונגען, אַז אויך אין גהעטא קעמפּפֿט מען פֿאַר נייע אידעאַלען, פֿאַר השכלה און פּראָגרעס.

אָבער נאָך גרעסער איז געווען דער אײנפֿלוס אויף די נייע פּוילישע יודען גופא, וועלכע האָבען אין בוך „מאיר יאָזעפֿאָוויץ" געפֿונען אַ שטיין פֿאַר זייערע נייע אידעאַלען. צום ערשטען מאָל האָבען די נייע מאָדנע משכילים געזעהען, ווי עס קוקט אויף זיי די קריסטליכע וועלט; וויפֿיעל סימפּאַטיען זי טראָגט זיי אַנטקעגען. און צוגלייך האָבען זיי זיך איבערציינגט, אַז ערגעץ וואו בעטראַכט מען זיי פֿאַר העלדען, וואָס פֿיהרען אַ הייליגע מלחמה מיט די כלי־זיין פֿון גייסט. סיעניאָר יאָזעפֿאָוויצעס צואה איז געוואָרען זייער אייגענע צואה. צוזאַמען מיט אָרזשעשקאָ האָבען זיי מיט אַ מאָל דערפֿיהלט, אַז עס ליעגט ערגעץ וואו בעהאַלטען אַ הייליגע צואה, אַ צואה וואָס רופֿט צו מענשליכקייט, ליעבע, וואָס הייסט זיך בעהעפֿטען צו אַליץ וואָס איז גוט, איידעל, שען; אָהן אַ חלוק פֿון גלויבען, נאַציאָן, און ראַסע.

און אַזוי אין די צייט ווען דאָס בוך איז ערשינען, האָט נאָך דער יודישער משכיל נישט פֿערלאַנגט קיין רעאַלע שילדערונגען,—האָט ער זיך ווייניג געוואונדערט, וואָס אין מאיר יאָזעפֿאָוויץ רעדען אַלע יודען, צו דער שניידער, צו דער רב, צו דער כוחר, איין שפּראַך, די שפּראַך פֿון דער ביבעל און די מדרשים. ער האָט זיך נישט געוואונדערט וואָס אַ גאַנצע שטעדטיל יודען ווייס אַז ייער קהלס־מאַן געהט מאַכען: „בורא מאורי האש" אויף—די מאַיאָנטקעס פֿון אַ פּוילישען פּריץ אום פּטור צו ווערען פֿון אַ מאוס'ען פֿאַלש—און דאָס שטעדטיל צוזאַמען מיט'ן רב שווייגט און מישט זיך נישט אַריין.

פֿאַר'ן משכיל איז נישט וויכטיג געווען, וואָס פֿאַנאַטישע יודען ווערען געשילדערט ווי די ווילדע, וואָס דערשטיקען אין מיטען העלען טאָג אַ קאַראַאימקע, ווייל זי איז אַ קאַראַאימקע און ווייל מאיר יאָזעפֿאָוויץ האָט זי ליעב.

קורץ, פֿאַר דעם אַמאָליגען משכיל איז שוין גענוג געווען, וואָס מען קוקט אויף איהם ווי אויף אַ העלד, אום, אַז ער זאָל אַלע חסרונות פֿון בוך נישט בעמערקען.

און ווען אויך „מאיר יאָזעפֿאָוויץ" קען שוין נישט בעפֿריעדיגען דעם היינטיגען לעזער, וועט דער ראָמאַן אונז דאָך דערמאָהנען אָן אַ צייט ווען די פּראַכטע ווערטער וועגען ליעבע, שלום, גוטסקייט האָבען שטאַרק געווירקט, אַ כך שטאַרקער ווי היינט, ווען איטליך פֿאָלק פֿיהרט איהר נאַציאָנאַלען קאַמפּף.

---

## VI

„עלי מאַקאָווער" האָט שוין נישט געהאַט דעם איינפֿלוס, וואָס „מאיר יאָזעפֿאָוויץ". עלי מאַקאָווער, אַלס יודישער טיפּ, איז געשילדערט געוואָרען מעהרמאָלס נאָך פֿאַר אָרזשעשקאָ. מאַקאָווער איז דער יוד, וואָס האָט נור איין ציעל: אויסנוצען די פֿעהלערן פֿון די פּוילישע פּריצים, כּדי מיט דער צייט צו קריעגען זייערע מאַיאָנטקעס אין די הענד, דאָס איז די שפּין וואָס חאַפּט אַריין אין נעץ די אָרעמע פֿליעגען און זויגט זיי אויס ביז אויף טויט. מיט אַרוהיגען געוויסען פֿערטרייבט ער איין פּריץ נאָכ'ן צווייטען פֿון זיין מאַיאָנטעק. זייהט אומגליק אין די פּוילישע אַריסטאָקראַטישע הייזער און ווען איינער פֿער'עקשנ'ט זיך און וויל מיט אַרבייט און עקאָנאָמיע זיך אַרויסדרעהען פֿון דעם שפּין־נעץ, קומט עלי מאַקאָווער און בּאָיקאָטירט אַזאַ מענשען, ציהט פֿון איהם אָב דעם נויטיגען קרעדיט, דערלאָזט נישט דינגען ביי איהם די מיהל, רעדט אָב די קונים פֿון צו קויפֿען זיין וואַלד און ברענגט אין אַזאַ געלד־ענגשאַפֿט, אַז ער וואָלט מוזען אַוועק פֿון זיין גוט, ווען נישט אַן'אומגעריכטע ענדערונג אין מאַקאָווערס רצון.

קורץ, עלי מאַקאָווער איז איינער פֿון די סבּות, פֿאַרוואָס דאָס פּוילישע דאָרף גערט אַריבער אין פֿרעמדע הענד.

אָבער אויך אין דעם ראָמאַן האָט אָרזשעשקאָ זיך געוויזען אַלס מענש וואָס זיהט נישט קיין שׂנאה צו פֿעלקער, נאָר וואָס וויל בּעווייזען, אַז שולדיג איז נישט דער יוד, נאָר די פֿערדאָרבּענקייט פֿון פּוילישען פּריץ. צווייטענס: אַז חוץ דעם יודען זענען דאָ פּאָליאַקען וואָס טהוען דאָס אייגענע וואָס מאַקאָווער. דריטענס, אַז מאַקאָווער איז נאָר די שפּין פֿאַר'ן פּוילישען פּריץ, אָבער נישט פֿאַר זיינע אייגענע בּרידער. מאַקאָווער לעבּט מיט אַ דאָפּעלטער מאָראַל; וואָס ער ערלויבּט זיך אַקעגען די גוים, וועט ער זיך קיין מאָל נישט ערלויבּען קעגען יודען. צוליעב די אייבּיגע אָבּגעשיידענקייט איינער פֿון אַנדערן, איז דער יוד נישט מסוגל צו קוקען אוי'ף'ן פּויל ווי אויף אַן אייגענעם.

און אָרזשעשקאָ חזר'ט איבער די אַלטע ווערטער: „זעהט אַז די מענשען זאָלען ווערען געבּילדעטער, אויפֿגעקלערטער, און די אָבּגעשיידענהייט וועט פֿערשווינדען. דער אויפֿגעקלערטער אלי מאַקאָווער וואָלט אָנשטאָט שאָדען געקאָנט בּריינגען די גרעסטע נוצען.

און אַזוי ווי בּיי אָרזשעשקאָ ווירקט אַ גוט קלוג וואָרט מעהר ווי אַליץ, ענדיגט זיך דאָס בּוך „אלי מאַקאָווער" דערמיט, אַז מאַקאָווער, נאָך אַ געשפּרעך מיט אַן אויפֿגעקלערטען פּריץ, און נאָך די רעד פֿון זיין אַלטען פֿאָטער דעם שניידער־יודעל, עפֿענען זיך בּיי איהם די אויגען, און ער ווערט פֿון אַ שׂונא פֿערוואַנדעלט אין אַ אוהב און אַ ניצליכען ראַטגעבּער.

חוץ אלי מאַקאָווער האָט נאָך אָרזשעשקאָ געשריעבּען ערצעהלונגען פֿון יודישען לעבּען: „שמשון הגבּור", „גדליה", „גיב אַ בּלימעל", „רינגעך" א. ז. וו.

מען קען נישט זאָגען, אַז זי האָט געחאַפּט דעם שניט פֿון יודישען לעבּען. אומעטום וועט דער לעזער געפֿינען שטעלען וואָס וועלען בּיי איהם אַרויסרופֿען אַ שמייכעל אויף די ליפּען אָבער אומעטום איז די ערצעהלונג דורכגעדרונגען פֿון אַ הויכען מענשליכען געדאַנקען. אין „שמשון הגבּור" הערט זיך דער וועהטאָג פֿון אַ מענשען, וואָס האָט דערפֿיהלט דאָס גליק פֿון קראַפֿט, מוטה און טהעטיגקייט און ווייס, אַז איהם איז ניט בּעשערט אַזאַ גליק. „אין גיב אַ בּלימעל" זעהען מיר, ווי דאָס שעהנהייטסגעפֿיהל לעבּט אין די פֿינסטערע קעלערס, אין דער גרעסטער אָרעמקייט. אין „גדליה"—ווי צוויי מענשען פֿון אַנדערע וועלטען, אַ יוד און אַ פּויער

הייבען זיך אָן צו פֿערשטעהן צוליעב דער מאַכט פֿון אַ קלוגען וואָרט. און אין „רינגען“ דריקט זיך אויס ביי אָרזשעשקאָ אַ טיעפֿער צובונד צו דער וועלט, וואו אַלץ איז אַזוי געטליך, וואו אַלץ איז נאָר ממלא גאָטס רצון, און וואו נאַרישע מענשען געפֿינען אַ חילוק צווישען מענש און מענש, און אַפֿילו דער טויט קען זיי נישט פֿעראייניגען. צוויי בית עולמ׳ס שטעהען ביי איינאַנדער: אַ קאַטוילישער און אַ יודישער. מענשען האָבען זיי אָבגעטיילט מיט אַ פּאַרקאַן, אַקוראַט ווי דער טויט וואָלט געמאַכט אַ חילוק צווישען אַ געימליטען און אַ געצלמ׳טען. אַקוראַט ווי דער צובונד פֿון אַלטען יודען צום אַלטען פּריץ וואָלט נישט געווען שטאַרקער ווי יעדער פּאַרקאַן!

---

## VII

פֿאַר עטליכע יאָהר צוריק איז אונטער דער רעדאַקציע פֿון אָרזשעשקאָ אַרויס אַ זאַמעלבוך, וואו עס זענען מיט אַ געוויסען סדר צוזאַמענגעקליבען געוואָרען ערצעהלונגען פֿון יודישען לעבען, פֿערפֿאַסט פֿון ריינע פּוילישע שרייבער. דאָס זאַמעלבוך האָט געטראָגען דעם טיטול: „פֿון איין שטראָם“, דען יעדע ערצעהלונג בעזונדער האָט געזוכט אַיינצופֿלאַנצען ביים פּוילישען לעזער גוטע, פֿריינדליכע געפֿיהלען צום יודען און צום יודישען גייסט. צווישען די פֿערשיעדענע שטראָמען פֿון דער פּוילישער ליטעראַטור, ציהט זיך צייט הונדערט יאָהרען אויך דער דאָזיגער הומאַנער שטראָם. און אָרזשעשקאָ וואָס האָט שטענדיג מיט אַ וועהטאָג אין האַרצען זיך צוגעקוקט צו דעם, ווי מען רודפֿ׳ט דעם יודען, האָט אויף די עלטערע יאָהרע געמיהט זיך, אַז דער דאָזיגער שטראָם זאָל ניט בטל ווערען צווישען די פֿיעלע אַנדערע, און האָט אויסגעגראָבען פֿאַר איהם אַ בעזונדערן טהאָל.

עס איז שווער אַיינצושטימען מיט פֿיעלע אַסימילאַטאָרשע אַנזיכטען וועגען דער יודישער צוקונפֿט פֿאַר יודען אין פּוילען, וועלכע אָרזשעשקאָ האָט אַזוי ליעב, אָבער מיט איהר הויפּט־געדאַנקען, וואָס פֿערלאַנגט ליעבע, אַכטונג און אַ פֿריען בליק, צו יעדעם מענשען, פֿון וועלכער נאַציאָן ער זאָל נישט זיין, מוזען מיר איינשטימיג זיין. עס איז אַ טעות ווען מען מיינט, אַז נאָר דעם יוד וויל מען נישט קענען אויך דער יוד האָט נישט

קיין חשק אַרייַנצודרינגען אין אינעווייניגסטען לעבען פֿון זייַנע נאָכבאַרפֿעלקער.

אָרזשעשקאָ איז געווען איינע פֿון די אויפֿגעקלערטעסטע און הוּמאַנסטע פֿרויען אין אונזער צייט. איהר ליעבע צו מענשען האָט נישט געהאַט קיין נאַציאָנאַלע און קלאַסענגרענצען. און זי מעג אונז דיענען פֿאַר אַ מוסטער, נישט ווייניגער ווי אונזערע יידישע גדולים.

אונזער פֿאָרדערע קאָנען מיר נישט בעסער ענדיגען ווי מיט איהרע אייגענע ווערטער, וואו עס האָבען זיך אויסגעדריקט איהרע טיעפֿע און אידעלע מעלות, וואו עס האָט זיך אויסגעדריקט איהר טיעפֿע קאָסמישעס געפֿיהל, דאָס געפֿיהל, צו וואָס עס דערהייבען זיך נאָר געצעהלטע מענשען.

אין דעם זאַמעלבוך „פֿון איין שטראָם" ענדיגט זיך דאָס בוך מיט איהר אייגענער ערצעהלונג „רינגען" און זי פֿרעגט זיך אַליין אין דער פֿאָררעדע צום בוך:

„נאָר פֿאַר וואָס ענדיגט זיך דאָס בוך מיט דער סקיצע „די רינגען".

און זי ענטפֿערט דערויף:

—„ווייַל אין דער סקיצע ליעגט בעהאַלטען אַ געדאַנקען, וואָס בעשטימט אַלע בעציהונגען פֿון מענשען צו איינאַנדער, וואָס איז דער קאַמערטאָן פֿון אַלע מענשליכע טענער.

פֿאַר די צייט איז קיין חלוק נישט, נישט די קליידער, דער הלוך, דער פּנים, דער מזל... פֿאַר אַלעמען גלייַך רוקען זיך די שעה'ן; פֿאַר אַלעמען גלייַך שלאָגען די מינוטען און דרעהען דעם ווייַזער אויפֿ'ן ציפֿערבלאַט פֿון דער צייַט.

ווער מיר זאָלען נישט זייַן, פֿאַר אַלעמען קומט אַ צייט, בשעת מיר צושיידען זיך מיט (חער יוגענד, מיט אונזער פֿרעהליכקייט, מיט די חלומות און חזיונות, ווען מיר בעגעגענען מיט אַ בלייך פּנים דעם איינציגען גרויסען שר פֿון דער וועלט, דער מלאך פֿון טרויער.

ווער מיר זאָלען נישט זייַן... איטליכער פֿון אונז האָט אַ מאָל געזינדיגט און אַ מאָל געפֿיהלט די ברענענדיגע ליידען פֿון אַ ביטערער חרטה.

אַלע וועלען זיך אַ מאָל בעגעגענען מיט דעם פֿערשלייערטען פּנים פֿון מלאך המות, אַלע וועלען מיר אַ מאָל ווערען אין דער בחינה פֿון אַן אָבגעריסען בלעטעל, אָבגעריסען פֿון לעבענסבוים. און דאַמאָלסט וועט דער איינציגער גרויסער הימעל, וואָס מאַכט נישט קיין חילוק צווישען אונז—

צוזאַמענשמידען אַלע בית עלמין׳ס אין איין איינציגען, אין איין רינגעלע.

אַלע שטעהען מיר אויפ׳ן ברעג פון אַ הויהל. און אַלע הויבען מיר אויף מיט בענקעניש דעם בליק צו די גילדערנע שטערן און אַ צייט ווען אונזערע פיס שטעהען ביי׳ן ראַנד פון פינסטערען קבר. אונז אַלעמען איז שוין אַזוי בעשערט צו שטרעבען צום אידעאַל, וועלכער וועט אפשר קיינמאָל נישט מקוים ווערען; און אין דעם שטרעבען ליעגט אונזער כבוד אין מענשליכע ווערדע. און גראָד דעריין, וואָס אונזער שטרעבען האָט קיין ברעג נישט, וועט אפשר קיינמאָל ניט מקוים ווערען, בעשטעהט אונזער אייביגע טראַגעדיע.

און דאָס זענען די רינגעלעך, וואָס פעראייניגען מיט איין אייזערנער קייט אַלע מענשען אויף דער ערד.

אייגענטליך, וואָלט די טראַגעדיע געוואָרען קלענער ווען עס וואָלטען זיך געוויזען נייע רינגעלעך אין קייט, רינגעלעך, וואָס פעראייניגען די מענשען צו געמיינזאַמער אַרבייט, צו געמיינזאַמער הילף און געגענזייטיגער סימפּאַטיע.

הויכט זיך דאָס איז אַזאַ קלאָרער אמת, אַז עס דאַרף נישט קיין פיעל רעד. אָבער די מענשען צוליעב זייערע גראָבע אינטערעסען, צוליעב זייער אַבערגלויבען און פערביטערטקייט זענען נישט פעהיג צו זעהן דעם אמת. — — — — — —

— — — — — — — —

— — — — — — — —

וואָס זאָל מען טהאָן? זיך מיאש זיין? ניין! זאָל דער זוימען פאַלען אויף דער האַרטער ערד! זאָל אין דער פערסמטער לופט זיך הערען אונזער רוף: וואַכט אויף!"

בעל מחשבות

## „דאַי קוויאַטעק“ (גיעב אַ בלימעל).

(ערצעהלונג).

אויף די גאַסען פון דער שטאָדט אָנגראָד איז לעבעדיג און רוישיג. מענשען געהען, פאָהרען, אײלען, רעדען צווישען זיך, לאַכען, פילדערען אויף אַלערלײ אופנים. אינמיטען גאַס ציהען זיך מיט אַרעש די פוהרלעך; בײ די זײטען, אויף די שמאָלע טראָטואַרען, בעגעגענען זיך און געהען זיך פאַנאַנדער גענצע הויפענס מענשען. יעדערער לויפט ערגיץ וואו, נאָך עפּיס, צו עמיצען...

אינמיטען אָט דעם טומעל צו בעמערקט איהר, רבותי, אַנ'אַלטע פרוי, וועלכע רוקט זיך פאַמעליך בײ דער זײט פון דער גאַס, נעבען די סאַמע הײזער, אַזוי אַז איהרע אַלטע פערפוילטע קלײדער רײבען זיך אָפּט אָן די שטײנערנע ווענד? אָן די זעלביגע ווענד שפּאַרט זי אָן איהר אײנגעהויקערטען רוקען, ווען זי שטעלט זיך אַמאָל אָב אויף אַווײלע כדי צו כאַפּען דעם אָטעם. בעמערקט איהר, ווי שווער עס אָטעמט איהר ברוסט און ווי גרויס עס זענען די טראָפּענס שווייס אויף איהר צוקנייטשטען שטערן? מיעד איז זי, קענטיג, אָבער ניט נאָר פון הײנטיגען געהן. טעג, חדשים, יאָהרען, דאָס גאַנצע לעבען איהרס האָט זי זיך אָט אַזוי געשלעפּט צווישען די הויפענס מענשען, און שטענדיג פלעגט מען זי

אפריקען אן א זייט—אהין, וואו דער וועג איז שווערער, וואו די שטיינער פונ'ם ברוק זענען שארפער, וואו די הענד פון די הייזער זענען שרעקליך קאלט פון דעם פראסט אדער שרעקליך הייס פון די זומערדיגע היצען. טא קוקט זשע, רבותי, ווי איהר רוקען האט זיך איינגעבויגען, מען קען זאגען: איינגעהויקערט אין צווייען, ווי איהר פנים איז געווארען קליין און מאגער און פערדעקט מיט א פערגרעבטע הויט, ווי געל עס זענען געווארען איהרע ליפען און ווי איינגעפאלען זיי זענען צווישען די בולטע ביינער פון די באקען, ווי אבגעבלאקעוועט עס זעהען אויס איהרע אויגען, וועלכע זענען אמאל געווען אזוי שווארץ, און ווי עס ציטערט און בעוועגט זיך איבער די אבגעבלאקעוועטע אויגען א געל הייטעל אהן ברעמען. און וויפיעל קנייטשען אויף דעם נידעריגען, טונקעלען שטערען! ער זעהט אויס, דער שטערען, ווי א שטיק פאפיער, וואס האט זיך לאנג געוואלגערט אין נאסע און פינסטערע ערטער, און עמיצענס א שטארקע, אומברחמנות'דיגע האנד האט איהם געקנייטשט און געמאכט פון איהם אלערליי פאלדען. איבערן שטערן זעהט מען ניט קיין האר, ווארום דער קאפ איז ארומגעוויקעלט מיט אן אלטען שאל, וועלכער האט נאך ניט אנגעווארען זיין געלען קאליער. די עקען פון דעם שאל זענען פערבונדען אויפ'ן נאקען און פאלען אראב אויף דער אלטערס פלייצע. אנגעטהאן איז זי אין א צו ברייטען בגד מיט קאלירענדיגע לאטעס אויף די עלענבויגענס, אויף די פלייצעס און אויף דער ברוסט. דאס קלייד איז צו שווער מחמת דעם שטויב און דער בלאטע פון די גאסען, וועלכע ליעגט אויף איהם שוין גאנצע יאהרען. פון אונטער דעם זוים פונ'ם קלייד, וואו עס הענגען אראב, ווי פראנזען, פערשיעדענע לאנגע און קורצע צעשויבערטע פאדים, קען מען זעהען איהרע בלאהע זאקען און די פלאכע פאנטאפעל, מיט וועלכע זי שפאנט איבער די שארפע שטיינער.

איהר קענט ניט, רבותי, אט די אלטע? איך קען זי גוט. זי הייסט חיה, איהר פרנסה—אלטע שמאטעס. צו וועט איהר מיר גאר מוחל זיין, רבותי, וואס איך האב די העזה צו בעקענען אייך מיט א פארשוין, וועלכער געפינט זיך אין אזא נידעריגער געזעלשאפטליכער לאגע? צו וועט איהר ניט זאגען, אז דאס פאסט ניט, אז דאס איז ניט קיין שטאט? ווארום וואס פאר א שייכות קען זיין צווישען אייך און דער הענדלערקע, וועלכע פערקויפט אלטע שמאטעס?

זייט מיר מוחל, רבותי! איך האב ליעב די אלטע חיה, און אלע-

מאָל, ווען איך קוק אויף איהר, דאַכט זיך מיר, אַז צווישען אינז ביי־
דע איז פאַרהאַן אַ פעסטע פערבינדונג, וועלכע מען קאָן גאָר ניט צו־
רייסען. מיר ביידע געהערען צו איין גרויסער, אומגליקליכער משפחה, וועל־
כע מען רופט מענשהייט. זי איז, הייסט עס, מיינע אַ קרובה און —
זייט מיר נאָך אַ מאָל מוחל — אייערע אויך, רבותי. און בנוגע צו איהר
נידעריגער לאַגע, בין איך זיכער, אַז ווען די לאַגע פון אַ מענשען זאָל
זיך ווענדען אָן דער מאָס פון דיזע איבערגעטראָגענע לידען און אויס־
געשטאַנענע יסורים, וואָלט חיה, די שמאַטע־הענדלערקע, אויף איהרע על־
טערע יאָהרען געשטאַנען גאָר, גאָר הויך!...

אגב האָט זי ניט שטענדיג געהאַנדעלט מיט שמאַטעס. איהר פער־
גאַנגענהייט... מערקווירדיג, ווי עס ציהט מיך שטענדיג צו טרעפען די
פערגאַנגענהייט פון אַזוינע בעשעפענישען, מיט קנייטשיגע שטערנס, מיט
אַ ציטערדיגען געלען הייטעל איבער די אַלטע, פון טרעהרען רויט געוואָ־
רענע, פון יאָהרען אָבגעבלאַקעוועטע אויגען, און וועלכע די צייט האָט
אַזוי לאַנג אַריינגעקוקט, ביז זי האָט אויסגעזויגען זייער פאַרב און זיי־
ער גלאַנץ. איך געדענק, איינמאָל אין אַ אויסלענדישע בילדער־גאַלעריע
האָב איך דערזעהען אויסגעמאָלט אַזאַ מין פנים. האָב איך פערגעסען
אַלע שענע פייזאַזשען, אַלע פרעכטיגע פאָטרעטען פון דאַמען אין סאַ־
מעטענע קליידער, און בין זעהר אַ לאַנגע צייט געשטאַנען פאַר דעם אַל־
טען, צעקנייטשטען פנים, אַריינגעקוקט אין זיינע בלאַסע אויגען, געשמיי־
כעלט צו זיינע אָרימע, פערוועלקטע און איינגעשרומפענע ליפען און גע־
פרעגט אין געדאַנק: ווי האָסטו אויסגעזעהן יונגערהייט? וואו האָסטו גע־
וואָהנט? ווען האָסטו געליעבט? וועלכע ליידען, פריידען, קאַמפף און
אַרבייט האָבען דיך בעגלייט אויף דיין לאַנגען וועג, ביז זיי האָבען דיך
געבראַכט צום ראַנד פון דעם קבר, וואוהין דו וועסט באַלד לעגען אויס־
רוהען דיין פערמאַטערטען קערפער?

גלויבט מיר, רבותי, קיין זאַך וואָלט איך אַזוי ניט געוואָלט אין
מיין לעבען, ווי וויסען אינגאַנצען, פון אָנהויב ביזן סוף, די געשיכטע
פון אָט די אַלטע אָרימע, דערשלאָגענע, געפאַלענע, פון אַלע די, וואָס
דאָס לעבען האָט זיי צעקנייטשט און צעבראָכען, וואָס די צייט האָט
זיי איינגעהויקערט און פערמאַטערט. מיינט אָבער ניט, אַז דאָס נעמט
זיך נאָר פון געהויבענע געפיהלען, אַז איך בין דאָ ניט אויסען מיין איי־
גענע טובה. וואָרום קענען אַ סך אַזוינע געשיכטען איז פאַר דעם מענ־
שענ'ס האַרץ אַ בעזונדער רייכקייט, פאַר דעם שרייבער — אַ לעבעדיגער קוואַל

פֿון ערפֿאַהרונג. איך מוז אײַך זאָגען, אַז איך האָב אַפֿילו רחמנות אויף דעם שרײַבער, װעלכער איז ניט נײַגעריג צו װיסען אַזױנע געשיכטען. װעניג סטרונעס מוז זײַן אויף זײַן האַרפֿע און בלײַכע פֿאַרבען אויף זײַן פּאַלעטע. *)

חיה איז ניט שטענדיג געװען אַ הענדלערקע פֿון שמאַטעס. יונגערהײט — װעט איהר מיר גלױבען? — איז זי געװען אַ שלאַנקע, חנ׳ודיגע מײדעל, מיט רױטער פֿאַרב אין די טונקעלע באַקען, מיט אַ געדיכטען קאָפּ געגרײַזעלטע האָר און מיט אַזױנע שװאַרצע אױגען, אַז אַרײַנקוקענדיג אין זײער פֿלאַמענדיגע טיפֿעניש, האָט מען זיך געקענט דערמאָנען אָן דעם הײסען גלאַנץ פֿון דעם הימעל אין די מזרח־לענדער. געבױרען געװאָרען איז זי אין דאָרף — איך בעט איבער אײער כּבוד — אין אַ קרעטשמע. געװען איז דאָס אַ פּיצעל קרעטשמעלע, אַ טונקעלעס, אַ ענגס, מיט אײַנגעבױגענע װענד און אַ צופֿױלטען דאַך. אָבער אַרום און אַרום האָבען זיך געשפּרײט, װי װאונדערבאַרע קאָלדרעס, פֿרישע, פּרעכטיגע גרינע לאָנקעס, ברײטע פֿעלדער זענען אום װינטער געװען בעדעקט מיט אַ װײַכען מאַנטעל פֿון װײַסען ציכטיגען שנײ און אום זומער זענען זײ געשװאומען מיט די כװאַליעס פֿון גאָלדענע זאַנגען; גאָר נאָהענט האָט זיך געשלענגעלט אַ טײַכעלע צװישען בלאָהע בלימלעך און געקלונגען בײַ־טאָג און בײַ־נאַכט מיט אַ זילבערנע שטימע, און אַ ביסעל װײַטער פֿלעגען דעמבענע װעלדלעך זיך װיקלען פֿאַרנאַכט אין אַ שלײער פֿון װײַסליכען נעבעל און אין אינדערפֿריה פֿלעגען זײ אויפֿװאַכען רױט פֿון דער אויפֿגעהענדיגער זון... געװען איז דאָרט אויך, עטליכע הונדערט טריט פֿון דער קרעטשמע, אַן אַלטער, ברײטער, גרױסאַרטיגער אָגראָד. ער האָט געהערט צום פּריץ. דעם פּריץ׳ס איז אויך געװען די קרעטשמע, װעלכע חיה׳ס פֿאָטער האָט געהאַלטען אין אַרענדע. קלײן איז געװען די קרעטשמע, אָרים דער אַרענדאַר. קינדער האָט ער געהאַט אַ סך, האָט ער זײ אויסגעגעבען, װי ער האָט געקענט — מסתמא ניט אין גרױס װאוילטאָג. מיט חיה׳ן, װען זי איז אַלט געװאָרען אַ יאָהר פֿופֿצעהן, האָט מען אַ שידוך געטהאָן פֿון אָגראָד; איהר מאַן לײב איז קײן גרױסער גביר ניט געװען, װאָרום סך־הכּל האָט ער פֿערמאָגט זײַן אײגענס אַ פֿערד און אַ װאָגען. מיט דעם פֿערד און װאָגען פֿלעגט ער פֿיהרען פֿון דער מיהל שװערע זעק מיט מעהל און תּבואה. מחמת דער מעהל האָט ער אַלע

*) פּאַלעטע — אַ ברעטעל, אויף װעלכען דער מאָלער מישט אויס זײַנע פֿאַרבען.

זײַנע יאָהרען אויסגעזעהן ווי אַלבינאָס—מיט אַ ווײַסען פּנים און ווײַסע קלײדער, מיט ווײַסע האָר און ברעמען. ווען ער פֿלעגט זיך נור געבען אַ ריהר, פֿלעגט די מעהל זיך פֿון איהם שיטען, ווי עס שיט זיך שניי פֿון אַ מענשען, וועלכער איז אַ לאַנגע צײַט געווען אינדרויסען בשעת אַ זאַווערוכֿע.

ווען חיה'ס פֿוס האָט זיך צום ערשטען מאָל געשטעלט אויף דעם ברוק פֿון דער שטאָדט, האָט זי זיך אויף אײביג געזעגענט מיט דער אידיליע פֿון איהר קינדהײַט, מיט דער גרינער לאָנקע, וואו זי איז ניט אײנמאָל געשלאָפֿען צווישען די הויכֿע גראָזען אונטער דער וואַרימער מאַיאָווער זון, פֿערשטעלט דורך די צווײַגען פֿון אַ ברייטען קוסט; זי האָט זיך געזעגענט מיט דעם טײַכֿעל, וואו די ווײנענדיגע בערעזעס *) האָבען געטשובליט דייערע אַראָבגעלאָזענע הענד אין וואַסער און וואו זי אַלײן פֿלעגט זיך אָנהענגען אָן אײנער פֿון די צווײַגען און לאַנגזאַם זיך וויעגען מיט זיי צוזאַמען איבער די כוואַליעס, וועלכֿע זענען געשוואומען, געשוואומען אַלץ כסדר, געקלונגען מיט זילבערנע שטימען און ווי מיט שוואַרצע שטערען געוואונקען מיט דעם אָבשײַן פֿון די שוואַרצע מיידעלשע אויגען, וועלכֿע האָבען אַרײַנגעקוקט אין זיי; זי האָט זיך געזעגענט מיט דעם פֿעלד, וואו זי פֿלעגט זיך בעהאַלטען מיט אַ קלינגענדיגען געלעכֿטער פֿאַר איהרע פֿערשײַטע ברידער, און מיט דעם אָגראָד, וואו מען פֿלעגט איהר אַ מאָל ערלויבען אַרײַנגעהן און וואו זי פֿלעגט שפּאַצירען מיט גדלות אונטער דעם גרינעם דאַך פֿון די הונדערט-יעהריגע אַלעען. זי האָט זיך געזעגענט מיט דער אָרימער קרעטשמע, וואו אין שטאַל האָבען געמעקעט עטליכֿע ציגען—איהרע ליעבע חבר'טעס,—וואו אין שטוב פֿלעגט זיך אַרומדרעהען איבער די ענגע צימערלעך די אויסגעהאָרעוועטע מאַמע מיט דעם פֿערוועלקטען פּנים און וואו דער עלטערער ברודער פֿלעגט אַ מאָל פֿאַרנאַכט, זיצענדיג פֿאַר דער שוועל, לאָזען הערען פֿון זײַן פֿידעלע אין דער אָרימיגער שטילקײט פּשוט'ע, אָבער אַזוינע טרויעריגע אויסגעצײַגענע טענער. זי פֿלעגט דעמאָלט זיצען אויף דער נידעריגער באַנק נעבען איהר יונגערען ברודער און אַרומנעהמענדיג זײַן האַלז מיט איהר האַנד, פֿלעגט די הערען דאָס שפּילען און בלאָנדזשען מיט די אויגען איבער דעם ווײַסען נעבעל, וואָס האָט זיך געוויעגט און געוויקעלט איבער די לאָנקעס

---

*) ווײנענדיגע בערעזעס רופֿט מען דעם סאָרט בערעזעס, וועלכֿע האָבען לאַנגע, דינע, אַראָבגעהאַנגענע צווײַגעלעך.

ווי וואַכער פֿון אַ ווינד. בעת'ן שפּיעלען פֿלעגען דעם ברודער אָפֿט קוי־מען טרעהרען אין די אויגען, זי פֿלעגט אידם פֿרעגען, וואָס ווײנט ער אָבער ער האָט קיינמאָל ניט געענטפֿערט. זיי האָבען ביידע ניט געוואוסט, וואָס איז זיי אַזוי אומעטיג אויף דער נשמה. זיי האָבען ווייניג פֿערשטאַנען, ביידע זענען זיי געווען אינגווײסענדיגע מענשען. פֿונדעסטוועגען פֿלעגען די נאָך עפּיס בענקען, עפּיס האָט באַנג געטהאָן, פֿאַר עפּיס האָט מען זיך געשראָקען... ווען דער ברודער פֿלעגט אָנהויבען שפּיעלען אַלעמאָל טרויעריגער, אויסגעצויגענער, פֿלעגען די קליינע זיך אַרומשטע־לען אַרום אידם און אויפֿהויבען צו אידם זייערע פּנימ'לעך מיט גרויס כּונה; די מאַמע אינ'ם פֿינסטערען הייזעל פֿלעגט זיצען אויף אַ קול, און דער טאַטע, מיט אַ געלען באָרד, און אומעטיגע אויגען, פֿלעגט דאַווענען אין שטוב פֿאַר'ן פֿענסטער אַלעמאָל העכער, אַלעמאָל הייסער, און אַ פּחד האָט אַרויסגעקלונגען פֿון זיינע האַסטיגע ניגונים...

אָנגעקומען אין שטאָדט אַריין, האָט זיך חיה אָבגעזעגענט מיט די דאָזיגע זאַכען און ווער ווייסט, אפשר מיט נאָך אַנדערע אויך... ס'קען זיין, אַז אַמאָל אין אַ הייסען זומער־טאָג האָבען די זילבערנע בוזאַל־יעס פֿונ'ם טײַכעל, איבער וועלכען זי האָט זיך געוויגט אויף די צווייגען פֿון אַ ווייענדיגער בערעזע, אידר געמאָלט פֿאַר די פֿײַערדיגע אויגען אַ שעהנעם יונגען בחור מיט אַ ווייכער האַנד און מיט אַ גלאַנץ פֿון תורה אויפֿ'ן שטערן—איינעם פֿון די יודישע גאונים, וואָס אידר טאַטע האָט ניט איינמאָל דערצעהלט פֿון זיי אידרע ברידער... אפשר... מען דאַרף דאָך ניט זיין דווקא אַ בת־מלכה, כּדי צו טרוימען פֿון גליק...

גליק! QneI animal est - ca? *) וואָלט זי איצט געקענט פֿרעגען, ווען זי וואָלט פֿערשטאַנען אויף פֿראַנצויזיש. אויף פֿראַנצויזיש פֿערשטעהט זי אָבער ניט, דערפֿאַר ווען זי שטעלט זיך דאַווענען יעדען פֿריהמאָרגען פֿאַר דעם פֿענסטער פֿון אידר דירה, הויבט זי אָן די תּפֿלה מיט פֿאָלגענדע ווערטער אויף אידר איינענעם, זעהר מיאוס'ן, זשאַרגאָן: „געליבט ביזטו גאָט, אונזער גאָט, דער האַר פֿון דער וועלט, וועלכער האָט מיך באַשאַפֿען, ווי ס'איז געווען זיין ווילען" **).

---

*) וואָס איז דאָס פֿאַר אַ חיה?

**) די שריפֿטשטעלערין האָט דאָ, קענטיג, אַ טעות. געוועהנליך זאָגען ווייבער די ברכה „שעשני כּרצונו" ניט אויף זשאַרגאָן, נאָר אויף לשון קודש. אָנמ. פֿון איבערזעצער.

די איז אַרײַנגעפֿאַלען אין שטאָדט אַרײַן, ווי אַן אַטאָם פֿאַלט אַרײַן אין אַ קויל פֿון טויזענטער אַנדערע אַטאָמען *). עס האָט זי אַרײַנגעצויגען אין דעם אומבאַרחמנות׳דיגען תהו־ובֿהו, וואו אַ פּוס איז מקנא אַ פּוס פֿאַר יעדען שטיקעל פּלאַץ, וואו אַ ברוסט וויל צונעהמען בײַ אַ ברוסט האָס לעצטע ביסעל לופֿט, וואו אַ מויל וויל אַרויסרײַסען בײַ אַ מויל יעדען ביסען ברויט, וואו די שטערענס ברענען פֿאַר היץ, די הערצער ווערען פֿערשטיינערט אָדער פֿערוויאַנעט צווישען די שטיינערנע הײַזער און די פֿערוועלקטע פּנים׳ער פֿון די מענשען, און איבער אַלעמען קלינגען ניט די שטימען פֿון דער נאַטור און בערוהיגען ניט די הערצער מיט זייערע אונקלאָרע אָבער זאַנפֿטע ווערטער, און די פֿרײַע גאָט׳ס וועלט האַלובעט ניט און גלעט ניט דעם מענשענ׳ס נשמה...

וואָס טהוט מען דאָ, כּדי צו פֿערהאַלטען זיך בײַ׳ם לעבען? ווי העלפֿט מען דעם מאַן, וועמעס געשטאַלט עס האָבען איהר, אמת, ניט געוויזען די כוואַליעס פֿונ׳ם טײַכעל, וועלכער האָט אָבער געהאָרעוועט אַזוי שווער? ווי האַלט מען אויס, ווי כאָוועט מען אויס די קינדער, וואָס זענען איהר צוגעקומען אַלעמאָל מעהר? זי האָט געטהאָן, וואָס זי האָט געקענט. זי האָט פֿאַנאַנדערגעטראָגען סחורה פֿון שטוב צו שטוב אין קליינע פּוהעלעך, וועלכע זענען בײַ איהר געהאַנגען פֿון פֿאָרענט און פֿון הינטען, אַזוי אַז זי האָט אויסגעזעהן האָרבאַטע; נאָכדעם האָט זי פֿאַנאַנדערגעטראָגען איבס אין גרויסע און שווערע קאָשיקעס, וועלכע האָבען געמאַכט וואַקלענדיג איהר גאַנג, אַזוי אַז זי האָט אויסגעזעהן הינקענדיג; נאָכדעם...

נאָר כ׳וועל בעסער ניט דערצעהלען בפּרטות, וואָס זי איז געוועזן און מיט וואָס זי האָט זיך פֿערנומען איהר גאַנץ לעבען. איינס נאָר מוז איך נאָך דערמאָנען. זי פֿלעגט אָפֿט געהן אויפֿ׳ן בית־עולם — אויף דעם יודישען בית־עולם, וועלכער ליעגט אויף אַ זאַמדיגען פּלאַץ הינטער דער שטאָדט און קוקט צום הימעל מיט אַ גאַנצען וואַלד רויטליכע שטיינער. חיה פֿלעגט אָפֿט געהן אַהין, אויף אָט דעם זאַמדיגען בערגעל, און פֿאַר איהר פֿלעגט פֿאָהרען אַ וואָגען מיט אַ לעגגליכען הילצערנעם קאַסטען און פֿלעגט קלאַפּען און זיך טרייסלען איבער די גריבער פֿון דעם ברוק. געהענדיג נאָך דעם וואָגען, פֿלעגט חיה געוועהנליך גיסען ביטערע טרעהרען, און ווען זי פֿלעגט קומען אַהיים פֿון אָט דעם שפּאַ־

---

*) אַטאָם—דאָס קלענסטע פּיצעלע מאַטעריע.

ציערגאַנג. פֿלעגט אויפֿ'ן זאַמדינען בערגעל אַרויסשטעקען אַ נייַער שטיין. אויף די שטיינער האָט מען פֿריהער אויסגעקריצט דעם נאָמען פֿון חיה'ס מאַן, נאָכדעם פֿון חיה'ס ברודער, וועלכער איז צו איהר געווען זעהר צוגעלאָזט, נאָכדעם פֿון חיה'ס מוטער, וועלכע האָט ביי איהר געלעבט אויף דער עלטער, נאָכדעם פֿון איהרען אַ זוהן, וועלכער איז געווען אַ דימענט אין איהרע אויסגעוויינטע אויגען, נאָכדעם פֿון איהרער אַ טאָכטער, וועלכע האָט געבליהט ווי אַ רויז אין איהר דערנער־קראַנץ...

ווי עס טרעפֿט זיך אָפֿט מיט אַלטע מענשען, האָט חיה ביסלעכווייז אָנגעוואָרען אַלע אייגענע און ליעבע... אייניגע זענען געשטאָרבען, אייניגע זענען זיך צופֿאָהרען אין ווייַטע מקומות, אייניגע זענען איהר גלאַט אַזוי געוואָרען פֿרעמד...

איצט איז זי איינע אַליין אויף דער וועלט. זי האַנדעלט מיט אַלטע קליידער; אָפֿטמאָל הויבט זי אויף פֿון די כמיעטניקעס אַלטע שמאַטעס און לעגט זיי אַריין אין דעם גרויסען געפֿלאָכטענעם קאָרב, וואָס זי טראָגט אויף די פּלייצעס. אויף דער מאָדנער סחורה איהרע געפֿינט זי נאָך מאָדנערע קונים און—דערפֿון לעבט זי...

מיינט איהר, אַז זי לעבט אָהן שום פֿריידען, אָהן שום נחת, אַז ס'איז ניטאָ אויף דער וועלט אַזאַ זאַך, וואָס זאָל קענען אָנצינדען העלע פֿונקען אין איהרע פֿערלאָשענע אויגען און אַרויסרופֿען אַ שמייכעל פֿון פֿרייד אויף איהרע פֿערטריקענטע ליפען? טאָ גיעט אויף איהר אַ קוק, בשעת זי רוקט זיך איבער'ן גאַס, אַנ'איינגעבויגענע אונטער דער משא פֿון איהר קאָרב, און רייַבט מיט איהר צעריסענעם בגד די ווענד. אָט האָט זי אויפֿגעהויבען דעם קאָפּ אין געלען שאַל, פֿון דעם אויג האָט אַ לייַכט געגעבען אַ וואַרימער, כמעט אַ הייסער גלאַנץ, זי האָט אַ שמייכעל געטהאָן און אָנגעהויבען רופֿען מיט איהר ציטערדיגען קול:

— חיים'קע, חיים'קע!

אַ קליין יונגעלע פֿון אַ יאָהר זעקס איז צוגעלאָפֿען צו איהר. דאָס קינד איז גראָד איצט געלאָפֿען איבער דער גאַס און האָט דערהערט איהר קול. אין איין רגע האָט ער אַרומגעכאַפּט מיט די הענדטלעך איהר איינגעבויגענעם האַלז, הילכיג אַ קוש געגעבען איהר קנייטשיגען שטערן און תיכף זיך אויסגעדרעהט און מיט אַ געשריי און אַ געלעכטער זיך גענומען יאָגען ווייַטער—אַהין, וואוהין עס איז געלאָפֿען אַ גאַנצע כאָפּטע יונגערע און עלטערע אינגלעך. ערגיץ האָט מען דאָרט פֿריהער מיט עט־

ליכע טעג ארויסגעהאנגען א גרויסען שילד מיט אנ׳אויסגעמאלטען ריעז אין ראָזע תחתונים און א גרינער בלוזע. אריינגעהן אין דעם געצעלט, וואו מען ווייזט דעם לעבעדיגען ריעז, קאסט געלד; דרעהען זיך די קינדער, און חיימ׳קע אויך בתוכם, גאנצע טעג ארום דער שטוב, וואו עס הענגט דער שילד, און בעטראכטען דעם ריעז׳ס פארטרעט וויפיעל זייער הארץ גלוסט—דוקא אומזיסט.

חיה איז ניט געווען אליין אויף דער וועלט. חיימ׳קע איז געווען איהר איינ׳יקעל, דאס קינד פון איהר יונגסטער טאכטער, די, וועלכע האט א קורצע צייט געבליהט ווי א רויז אין דעם דערנער־קראנץ פון איהר לעבען. דער טויט האט אבגעפליקט די רויז פון דער אלטער הענדלערקע, אבער ווען זי טהוט איצט א קוק אויף דעם קינד, דאכט זיך איהר, אז זי זעהט נאך, ווי א לעבעדיגע, זיין מוטער. די זעלביגע האר—העל־ברוינע, געגרייזעלטע, ווייכע. און אויגען האט חיימ׳קע אזוינע, ווי ס׳האט א מאל געהאט זיין באבע: שווארצע, גרויסע, ברייט געעפענטע אויף דעם מאגערען, בלאסען פנימ׳על.

חיימ׳על איז א שוין איינגעלע. אן זיינע קליידער קען מען גלייך דערקענען דער באבעס פרנסה: ער איז אנגעטהאן אין א לייבעלע פון ווייסען פערקאל מיט שווארצע פינטעלעך, אין א רעקעל פון פערקאל און אין א היטעל פון פערקאל. צום היטעל איז צוגענעהט א לעדערנער, זעהר צעקנייטשטער דאשעק, אבער חיימ׳קע געהט ניט אפט אונ׳ם היטעל, ס׳רוב פערגעסט ער עס אין דער היים. אויפ׳ן גאס בעווייזט ער זיך געווענליך אין א געל יארמולקעלע, וואס איז אנגעטהאן אויפ׳ן שפיץ קאפ און בעדעקט קוים זיינע האלב־געגרייזעלטע האר.

חיה נייהט מיט איהרע אייגענע הענד דעם אייניקעל׳ס קליידער. דאס טרעפט ניט זעהר אפט, ס׳איז אבער שטענדיג כדאי א קוק צו געבען, ווי זי זיצט אויף א נידעריג ביינקעל, פעסט ארומגעוויקעלט דעם קאפ מיט א געלען שאל, אויף די אויגען גרויסע ברילען, וועלכע דערנרייכען איהר ביז׳ן מיטען שטערן, און פארעט זיך מיט די אבגעקראכענע שמאטעס, און שניידט עפיס מיט איהרע טונקעלע הענד, און מעסט־צ״, און פערנייהט. טהוען טהוט זי דאס שטענדיג מיט א זעהר ערנסטער מינע און מיט אנ׳אנגעשטרענגטען בליק. פון דעם קליינעם לעמפעלע מיט דעם לאנגען גלעזעל גיסען זיך געלבליכע שטראהלען, און די אלטע זיצט און נייהט און ברומט עפיס אונטער דער נאז. רעדען צו זיך אליין איז ביי איהר איצט געווארען א געוועהנשאפט. „ווער וואהנט דארט

איצט," שעפּטשעט זי צײַטענװײַז. זי טראַכט דערבײַ װעגן דעם קלײנעם שמוציגען קרעטשמעלע, װאו זי איז געבױרען געװאָרען און אױסגעװאַקסען.

— אױ! אױ! װי שעהן זײַנען זײ געװען!...

דאָס דערמאָנט זי זיך אָן די אַלטע בױמער פֿונ'ם פּריצישען אָגראָד, װאו זי האָט אַמאָל, קינדװײַז און מײדעלװײַז, אַרומגעשפּאַציערט.

אָפּטמאָל טהוט זי אַ שמײכעל און שאָקעלט מיט'ן קאָפּ, װי אײנער סטראַשעט עמיצען איבער קאַטאָװעס. פֿאַר אירע אױגען שװימען מיט אַ זילבערנעם קלאַנג די כװאַליעס פֿון דעם טײַכעל און װינקען מיט די שװאַרצע אױגען פֿון דעם מײדעלע, װאָס קוקט אין זײ אַרײַן.

ס'טרעפֿט אָבער אױך, אַז זי טהוט אַ שװערען זיפֿץ.

— װען ער איז געשטאָרבען—רעדט זי צו זיך—איז ער געװאָרען נאָך װײַסער װי די מעהל, װאָס ער פֿלעגט שטענדיג טראָגען אױף זיך געשטאָרבען יונגערהײט. שװערע זעק האָט ער געהױבען אױפֿ'ן װאָגען דאָס גאַנצע לעבען... פֿערמאַטערט געװאָרען און... אַװעקגעגאַנגען...

נאָכדעם בעט זי:

— רבונו של עולם! זײַן נשמה זאָל זיך בערוהיגען אין דעם געצעלט פֿון אַברהם'ן יצחק'ן און יעקב'ן און אַלע הײליגע צדיקים!

אָפּטמאָל זאָגט זי:

— אַ מענש איז געגליכען צו אַ װינד: אַ בלאָז געטהאָן—און ניטאָ! זײַנע טעג פֿערגעהען, װי אַ שאָטען!

זי טראַכט דעמאָלט פֿון איהר יונגסטער טאָכטער, חיים'ל'ס מאַמע, פֿון דער רויז, װאָס דער טױט האָט זי אָפּגעפּליקט און פֿערטראָגען...

ס'טרעפֿט אָבער אױך, אַז די דיקע נאָדעל פֿאַלט אַרױס פֿון חיה'ס הענד; זי פּרעסט צונױף איהר ברוסט מיט שרעקליכען כעס, די אױגען פֿלאַמען און צאָרען פֿון הינטער די ברילען.

— אױ! אױ! אַזאַ לײַדאַטשקע, אַזאַ גנב'טע! אַזאַ ממזרת! אָפּגענאַרט אַנ'אַלטע יודענע! ס'האָט גאָר קײן בזיון ניט! צװײ גילדען פֿאַר אַזאַ טראַנטע! װער װעט דאָס בײַ מיר קױפֿען פֿאַר אַזאַ מטמון? אַז אָך און װעה איז מיר! זי האָט מיר געקױלעט האָט זי מיר!

זי בעטראַכט זיך, קומט אַ ביסעל צו זיך און רעדט װײַטער:

— נו! װער װעט מיר געבען אַזױ פֿיעל? דאָס מײדעל, װאָס זי דינט בײַ דעם גביר דאָרטען. זי איז קײן מבין ניט אױף קײן שום זאַך.

אין נאָר זי לאַכט און שפּרינגט אונטער. איך וועל איהר צונייהען צום קאַפּטעל אָט די גלאַנצענדיגע קנעפּ און ווייזען וועל איך עס איהר ניט פון דער זייט, וואו ס'איז דאָ דער לאָך, נאָר פון דאָרט, וואו די קנעפּ גלאַנצען. אפשר וועט זי מיר גאָר געבען גאַנצע דריי גילדען! פערדינען אַ גילדען! ס'אַראַ גליק עס וואָלט מיך געטראָפען!...

אָט אַזוי טרוימענדיג וועגען אַ גאַנצען גילדען פערדיענסט און שמייכלענדיג, ווי אַ גוטער שווינדלער, ביים געדאַנק, ווי זי וועט מאָרגען פערבלענדען מיט די גלאַנצענדיגע קנעפּלעך די אויגען פון דעם דיענסטמיידעל, וואָס נאָר זי לאַכט און שפּרינגט אונטער, דערפיהלט חיה, אַז זי הויבט שוין אָן דרעמלען. די פיס טהוען איהר שטאַרק וועה, פון דעם לויפען אַ גאַנצען טאָג איבער די שטיינער, זי וואָלט זיך שוין גערן געלעגט שלאָפען. נאָר ווען זי הויבט זיך אויף פון אָרט, דערפיהלט זי, אַז עפּיס ליעגט פאַר איהרע פיס. מיט אַ ציטערדיגער האַנד נעהמט זי דאָס לעמפּעל און בויגט זיך אָן צו דער ערד. דאָס ליעגט חיים'קע. פריהער איז ער געזעסען נעבען איהרע קניה, געהערט עפּיס און צוגעקוקט זיך צו די בגדי־מלכות, וואָס די באָבע נייהט פאַר איהם, איצט ליעגט ער אַ שלאָפענדיגער, צונויפגעדרעהט ווי אַ קנויל. אין דעם פעסט צונויפגעדריקטען הענדטעל האַלט ער אַ שטיקעל ניט דערעסענע חלה.

חיה'ס איינגעפאַלענע ליפּען ווערען צעצויגען אין אַ ברייטען שמייכעל; זי שטעלט אַוועק דאָס לעמפּעל אויפ'ן שטוהל, הויבט אויף איהר אייניקעל נעהמט איהם אַרום מיט איהרע אָרעמס און קושענדיג זיין פּנים'על, וואָס איז געוואָרען גערייטעלט פון שלאָף, רעדט זי:

— דו פּעפּער קליינער! שייער ניט געפאַלען איבער דיר!

ביי די לעצטע ווערטער לאַכט זי שוין אַזוי, אַז זי קייכט זיך פאַר געלעכטער. חיים'ל וואַכט־אויף, עפענט די פערשלאָפענע אויגען און הויבט אָן שטופּען אין מויל אַריין דאָס ניט דערעסענע שטיקעל חלה. די באָבע רוקט איהם אַריין אונטער'ן איבערבעט.

— באָבע!—זאָגט דאָס קינד.

— נו?—פרעגט די באָבע, וועלכע טהוט גראָד אויס איהר קאַפּטעל.

— און וואו איז דאָס צעהנערעל, וואָס איך האָב היינט בעקומען פונ'ם פּריץ?

די פראַגע מאַכט אויף חיה'ן זעהר אַ שלעכטען איינדרוק.

— וואו איז דאָס צעהנערעל?—שרייט זי—כ'האָב עס אַרויסגעוואָר-

פֿען אינדרויסען. דו האָסט ווידער געבעטעלט! וויפֿיעל מאָל האָב איך דיר געזאָגט, אַז מען טאָר ניט בעטלען! איב דו וועסט נאָך אַמאָל בעטלען, וועסטו ביי מיר בעקומען שמיץ!

חיים'ל הערט שוין ניט ניט דער באָבע'ס מוסר, ניט איהרע געשרייען. ער שלאָפֿט שוין ווידער מיט אַ שטיקעל חלה אין מויל, פֿערוואָרפֿען איבער'ן קעפּעל די האַנד אין אַ גראָבען שמוציגען אַרבעל. פֿון די טונקעלע ברעמען פֿאַלען אויף די ראָזע בעקלעך לאַנגע שאָטענס, אין די קליינע ליפּעלעך שמייכלען אַזוי פֿריידליך. די אַלטע באָבע בייזערט זיך נאָך אַ שטיקעל צייט, אָבער נאָכדעם שלעפּט זי אַרויס פֿון דער קעשענע דאָס צעהנערעל, וואָס דאָס איינִיקעל האָט אויסגעבעטעלט, און בעטראַכט עס פֿון אַלע זייטען, אַקוראַט ווי זי וויל זיך אַליין איבערציינגען, צו זי האָט עס טאַקע באמת ניט אַרויסגעוואָרפֿען אינדרויסען. דערביי זיפֿצט זי שווער, שאָקעלט אומעטיג מיט'ן קאָפּ, נאָכדעם, אַריינקריכענדיג אונטער דער איבערבעט, טרייסט זי זיך:

-- נו: וואָס טהוט מען!—צרות!

אַמאָל מאַכט זיך, אַז די באָבע מיט'ן איינִיקעל פֿערברייננגען ביידע די צייט זעהר פֿרעהליך. דאָס טרעפֿט געוועהנליך, ווען די באָבע קומט אַהיים שפּעט אין אָבענד מיט אַ פֿולען קאָרב אָנגעקויפֿטע און אָנגעקליבענע שמאַטעס. חיה'ס דירה געפֿינט זיך אין רעכטען מיטען אידישען קוואַרטאַל, דאָרט וואו די היַיזלעך און געסלעך זענען פֿערפּלאָנטערט און צונויפֿגעפּרעכט זעהר געדיכט. די גאַנצע דירה בעשטעהט פֿון איין קעמערעל, וואָס איז אַזוי נידעריג, אַז חיה קען זעהר לייכט דערלאַנגען מיט איהר האַנד צו די פֿערדרייכערטע באַלקענס פֿון דער סטעליע, און אַזוי ענג, אַז דער לייםענער אויווען פֿערנעהמט כמעט אַ גאַנצע העלפֿט. דאָס קעמערל האָט נאָר איין פֿענסטערל מיט קליינינקע שויבען; אונטער'ן פֿענסטערל איז ניטאָ קיין סימן פֿון קיין גאַס, וואָרום אַרום און אַרום ליעגען איבערגעמישט אָהן אַ שיעור הויפֿען און הויפֿלעך, גרויסע און קליינע, אַזוי אַז אַ פֿרעמדען מענשען איז זעהר שווער צו געפֿינען אַ וועג צווישען אַט דעם תהו ובהו. צווישען איין הויף און דעם אַנדערען שטעהען פּיצלעך היַיזער און ס'ציהען זיך פֿערפֿוילטע פּאַרקענס, האַלב אָנגעבויגענע צו דער ערד; די הויפֿען זענען איבערגעמישט אָהן אַ סדר, איינִיגע פֿון זיי זענען שמאָל און לאַנג און פֿערדרעהט, ווי קאָרידאָרען, די אַנדערע זענען פֿיערעקעכדיג אָדער קיַילעכדיג; אַרום און אַרום שטעהען שוואַרצע שפּיַיכלערלעך און סקלאַדלעך, עס ליעגען קופּעס מיסט,

עס שטעהען ערטערווייז לוזשעס צווישען שפּיציגע שטיינער, עס וואַל־
גערן זיך אַלטע ברעטער, וואָס ביי־טאָג שפּיעלען זיך אויף זיי מחנות
קינדער און ביי־נאַכט סקריפּען זיי און קלאַפּען פֿונ׳ם ווינד.

ס׳טרעפֿט אַמאָל, אַז חיים׳ל קומט אַהיים פֿון זיינע עקסקורסיעס
איבער דער שטאָדט און טרעפֿט נאָך ניט דין באָבע אין שטוב. ווייסט
ער, וואָס ער האָט צו טהאָן. ער איז אַ קלוג בחור׳ל. ער טאַפּט אָן אין
דער פֿינסטער די שוועבעלעך און צינדט אָן דאָס לעמפּעלע, נאָכדעם
שטעלט ער עס אַוועק אויפ׳ן פֿענסטערל, כדי עס זאָל לייכטען דער באָ־
בען, ווען זי וועט געהן דורכ׳ן לאַנגען קרומען הויף, וואָס זעהט אויס
ווי אַ קאָרידאָר. די אַרבייט טהוט ער ערנסט, פֿאָרזיכטיג, פּאַמעליך; נאָכ־
דעם הויבט ער אָן מאַכען אין שטיבעל געאָגראַפֿישע אויספֿאָרשונגען.
פֿאַר אַלצדינג פֿערקריכט ער הינטער׳ן אויבען, און מען הערט, ווי ער
פּאָרעט זיך דאָרט אין דער פֿינסטער, שאַרענדיג צווישען די אָנגעוואָר־
פֿענע אַלטע פּאַפּיערען, נאָכדעם פֿערקוקט ער אונטער׳ן טיש, אונטער דער
באָבעס קישען און איבערבעט. נאָכדעם אונטער זיין אייגען איבערבעטעל,
וואָס ליעגט אין ווינקעל אויף דער ערד. אָפֿטמאָל טרעפֿט, אַז פֿון דעם
גאַנצען זוכען קומט גאָר ניט אַרויס; ס׳רוב אָבער געפֿינט חיים׳ל הינ־
טער׳ן אויבען אָדער אונטער דער איבערבעט אַ שטיקעל אַלט־געבאַקענע
בולקע, אַ חלה, אָדער אַ שטיקעל ברויט אין קעז. ער זעצט זיך מיט דער
מציאה אין ווינקעל און עסענדיג מיט אַפּעטיט די געפֿונענע גוטע זאַ־
כען, וואַרט ער אויף דער באָבע׳ן.

באַלד לאָזט זיך הערען אונטער׳ן פֿענסטער, ווי עס קלאַפּען דער
באָבע׳ס אָבגעטרעטענע שיך אָן די שטיינער פֿונ׳ם ברוק; דאָס נידעריג־
גע טהירעל עפֿענט זיך ברייט און ס׳רוקט זיך אַריין פֿריהער דער העל־
געלער שאַל, וואָס וויקעלט אַרום דער אַלטע׳ס קאָפּ., נאָכדעם איהר איינ־
געהויקערטען רוקען, נאָכדעם דער גרויסער קאָרב, פֿול ביז איבער דעם
ראַנד מיט קאָלירענדיגע שמאַטקעלעך און מיט פֿערשיעדענע מעטאַלענע קנעפּ־
לעך, וועלכע בעפּוצען די אָבגעטראָגענע קליידער און גלאַנצען אַרויס דאָ
און דאָרט פֿון צווישען די שמאַטעס. חיים׳ל שפּרינגט אויף פֿון דער
ערד, לויפֿט צו צו דער באָבע׳ן, העלפֿט איהר אַראָבנעהמען די משא
פֿון די פּלייצעס און נאָכדעם שטרעקט ער איהר אויס די האַנד מיט
דעם איבערגעבליבענעם שטיקעל חלה אָדער קעז און שרייט: „עס, באָ־
בע!״ חיה נעהמט טאַקי אָפּט דעם ביסען, וואָס דאָס קינד דערלאַנגט איהר,
און עסט, ס׳רוב איז זי אָבער אַזוי פֿערמאַטערט, אַז זי זעצט זיך אַוועק

מיט אַ קרעכץ נעבען דעם קאָרב איף דער הוילער ערד און לאָזט אַראָב אָהנמעכטיג די הענד. חיים׳ל נעהמט אַראָב פון פענסטער דעם לאָמפּ און שטעלט איהם אויך אַוועק אויף דער ערד, אַליין זעצט ער זיך אנטקעגען דער באָבע׳ן און מיט פערגעניגען רוקט ער אַריין ביידע הענד אין קאָרב. ס׳אַרא פרייד! ס׳אַרא געשרייען פון התפעלות עס לאָזען זיך הערען! גאַנצע אוצרות ליעגען אין דעם קאָרב, און איינס נאָכ׳ן אַנדערען טרעטען די אַרויס אין אַ לאַנגער רייה. אָט האָבען חיים׳ל׳ס אונגעדולדיגע, נייגעריגע הענדטלעך קוים אַרויסגעשלעפּט פון דעם קאָרב אַ גרויסען, לאַנגען, צעקנייטשטען ווייבערשען מלבוש פון לילאַ־פאַרביגען מוסלין. דער מלבוש איז פול מיט פלעקען און לעכער, אָבער חיים׳ל בעמערקט זיי ניט, ער זעהט נאָר די שעהנע לילאַ־פאַרב און מיט אַנאָפענעם מויל קוקט ער זיך איין אין די צוויגעלעך פונם מוסטער. נאָך דעם מלבוש בעווייזט זיך פון דער קאָרב אַ שטרויענער קאַפּעלוש, אמת טאַקי זעהר אַ צוקנייטשטער, מיט אַנ׳אויסגעריסענער דעק, אָבער פערפּוצט מיט אַ גרויסער רויז און מיט אַ גאַרטעלע פון אַ ראָזע סטיינגע אַרום און אַרום. חיים׳ל, ווען ער דערזעהט די רויז, כאַפּט ער זיך אַוש אָן מיט ביידע הענד פאַר׳ן קאָפּ, נאָכדעם טהוט ער אָן דעם הוט דער באָבע׳ן מסתמא כדי ער זאָל קענען בעסער בעטראַכטען אָט די וואונדערבאַרע זאַך. די באָבע איז הערפאַר ניט ברוגז, פערקעהרט, איהרע אויגען בלישטשען און שמייכלען אַרויס פון אונטער דער רויז, וועלכע וואַרפט אַ שאָטען אויף איהר געלען שטערען; חיים׳ל איז איבער גליקליך, ער קוקט זיך איין אין דער אַלטער, שאָקעלט מיט׳ן קאָפּ אויף רעכטס און אויף לינקס און זאָגט: „אַ שעהנע באָבע! אַ! אַ שעהנע באָבע!“ נאָך דעם קאַפּעלוש בעווייזען זיך שיכלעך, קליינע קינדערשע שיכלעך, צעריסענע פערשמירטע, אָבער פון רויטען לעדער. די שיכלעך האָט חיה ניט געקיפט; זי האָט זיי אויפגעהויבען פון דער ערד ערגיץ אין אַ גרויסען הויף, נעבען דעם פענסטער פון אַ שעהנעם הויז. אין איין מינוט זענען די רויטע שיכלעך שוין ביי חיים׳קען אויף די פיס. ער שפּרינגט אין זיי אַרום איבער דער שטוב, און אַלע מינוט שטעלט ער זיך אָב און בויגט זיך איין, כדי צו בעטראַכטען זיי נאָך אַ מאָל. זיין שמחה איז אינגעוועדנליך גרויס. חיה קוקט אויף זיין שטראַהלענדיג פנים׳על און איהר נשמה ווערט רוהיגער אַ ביסעל.

— חיים׳קע, האָסט היינט אין שטאָדט ניט בעקומען גאָר ניט?—
ווען זי רעדט אַרויס די ווערטער, ציטערן איהרע ליפּען און די אויגען

פינטלען אונרוהיג אונטער די האַלב=אַראָבגעלאָזענע ברעמען. מען זעהט, אַז זי שעמט זיך אַליין פאַר איהר פראַגע.

ווען חיים'ל ענטפערט, אַז ער האָט ניט בעקומען גאָר ניט, בערו=היגט זי זיך און ברומט עפּיס נאָך שטילערהייט פאַר זיך, זיפצענדיג און שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ; ווען ער נעהמט זיך אָבער צו דער קעשענע און שלעפּט אַרויס אַ קופּערנע אָדער אַ זילבערנע מטבע, רייסט זי איהם אַרויס דאָס געלד פון דער האַנד, וואַרפט עס אָן דער ערד און ווערט שרעק=ליך אין כעס.

— האָסט ווידער געבעטעלט!—שרייט זי אויס; זי שפּרינגט אויף פון דער ערד און שטרעקט אויס אין גרויסען צאָרן איהרע בידע הענד צום יונגעלע, וואָס רוקט זיך אָב צו זיין איבערבעט.—און וואָס האָב איך דיר געזאָגט, האַ? וויפיעל מאָל האָב איך דיר געזאָגט, אַז מען טאָר ניט בעטלען? ס'איז אַ בזיון און אַ חרפּה! וואַרט, וועסט נאָך פון מיר בע=קומען שמיץ.

ווען זי שרייט אַזוי, גלענצען איהרע אויגען פול מיט כעס, איהר קאָפּ און איהרע הענד טרייסלען זיך שטאַרק, אין כאָטש אַזעלכע סצענעס זענען ניט קיין זעלטענהייט, פונדעסטוועגען פיהלט זיך חיים'קע זעהר צו=רודערט און פערקריכט אונטער'ן איבערבעט אינגאַנצען, ווי ער איז גרויס, אַפילו מיט'ן קאָפּ אויך נאָר די קליינע פיסלעך און די רויטע שיך קוקען אַרויס פון אונטער דער איבערבעט, און פון דער אַנדערער זייט, הורך אַ קליין שפּעלטעל, קוקט אויף דער באָבע'ן אַ שוואַרץ אייגעל פון אַ גרוי=סען ווייסע=חברה'ניק. היה שטעהט איבער די צוויי רויטע שיכלעך און האַלט פאַר זיי אַ לאַנגע דרשה וועגען דער חרפּה און דער זינד פון בעטלען. נאָכדעם זאָגט זי מיט כעס:

— טהו אויס די שיכלעך! מיינסט כ'האָב זיי געבראַכט פון דיי=נעטוועגען, וואָס?

— באָבע! — רופט פון אונטער דער איבערבעט אַ דערשראָ=קען קול'כעל.

— תיכף אויסטהו די שיכלעך, הערסט!

— באָבע! לאָזט מיך שלאָפען אין זיי נאָר היינטיגע נאַכט!

דאָס קול'כעל איז אַזוי פול מיט תחנונים, אַז היה טהוט נאָר אַ מאַך מיט דער האַנד און געהט זיך אַוועק צו איהר בעט. דאָרטען דרעהט זי זיך נאָך אַ מאָל אויס און דערזעהט דאָס קליינע קעפעל מיט די ברוי=

נע לאָקען, וואָס איז איצט שוין אינגאַנצען אַרויסגעקראָכען פֿון אונטער דער איבערבעט. זי שעפּטשעט צו זיך אַליין:

— פישעלע!

ווען חיים'קע עפֿענט אויף דעם אַנדערען פֿריהמאָרגען זיינע אויגען, הויבט שוין אָן פֿון יענער זייט פֿענסטער, אויפ'ן שמאָלען הויף צו טאָגען, אַ בלאָהליכער מאָרגען־שיין פֿילט אָן דאָס קעמערעל, און שאַרפֿער טרעט אַרויס די איינגעבויגענע פֿיגור פֿון דער אַלטער חיה'ן, וועלכע שטעהט ביים פֿענסטער, אָנגעטהאָן אין אַ בלאָה, לייבעל אָהן אַרבעל, און דאַווענט מיט גרויס כונה. אַלעמאָל טהוט זי זיך שנעל אַ נויג און זאָגט מיט אַ שטיל קול:

— געלויבט ביזטו, גאָט, אונזער גאָט, דער האַר פֿון דער וועלט, וואָס דו גלייכסט אויס די איינגעבויגענע!

— געלויבט ביזטו, גאָט, אונזער גאָט, דער האַר פֿון דער וועלט, וואָס דו גיסט כח דעם מיעדען!

— געלויבט ביזטו, גאָט, אונזער גאָט, דער האַר פֿון דער וועלט, וואָס דו דערווייטערסט דעם שלאָף פֿון מיינע אויגען און דעם דרעמעל פֿון מיינע ברעמען!

חיים'ל קריכט אַרויס פֿון אונטער דער איבערבעט, שטעלט זיך אַוועק הינטער דער באָבען, אין איין גראָה העמדעל, נאָר מיט רויטע שיכלעך אויף די פֿיס, און הויבט אָן נויגען זיך, פונקט ווי זי, און דאַווענען אויף אַ קול:

— געלויבט ביזטו, גאָט, אונזער גאָט, דער האַר פֿון דער וועלט, וואָס דו האָסט מיך ניט געמאַכט פֿאַר אַ קנעכט!

— געלויבט ביזטו, גאָט, אונזער גאָט, דער האַר פֿון דער וועלט, וואָס דו האָסט מיך ניט געמאַכט פֿאַר אַ אשה!

און אַזוי זאָגט ער ווייטער אַלע ברכות, ווי ס'האָט איהם אויסגעלערענט שמשון, זיין חבר מענדעל'ס טאַטע, פֿאַר רחמנות צום אָרימען פֿערלאָזטען יתום.

די אַלטע באָבע האָט איהם ניט געקענט אויסלערנען גאָר ניט, וואָרום ראשית איז זי גאַנצע טעג ניטאָ אין דער היים, און אַחוץ דעם איז זי אַליין ניט געווען קיין געלערענטע אידענע.

אָנגעקוקט זיך זאַט אויפ'ן שילד מיט דעם אויסגעמאָלטען ריעז, האָט חיים'קע זיך גענומען געהן צו דעם שטאָדט־פּלאַץ, וואָס איז געווען אַרומגערינגעלט מיט אַ נידעריגען צוים און האָט געטראָגען דעם שטאָל־

צען נאָמען בולוואַר, ווײַל דאָרטען האָבען געוואַקסען עטליכע מאָגערע בוימלעך. אַנדערע יונגלעך האָבען זיך אויך גענומען לויפען אין דער זעלביגער ריכטונג, נאָר אַזוי ווי זיי זענען געווען עלטער, זענען זיי אַוועק אַ פֿריהער. חיים און מענדעלע, זײַן בעסטער חבר, אַ יונגעלע פֿון אַ יאָהר פֿינף זענען זיך געגאַנגען פּאַמעליך, האַלטענדיג זיך פֿאַר די הענד. געהענדיג, האָבען זיי זיך אַלעמאָל אָבגעשטעלט פֿאַר די פֿענסטער פֿון די קראָמען און זיך אײַנגעקוקט אין די פּרעכטיגע זאַכען, וועלכע זענען דאָרטען געלעגען. אָט בלישטשען די גאָלדענע צירהונגען פֿון דעם גאָלדשמיד. ווײַטער ליגען בולקעס און בייגעל אין׳ם פֿענסטער בײַ׳ם בעקער. ביידע יונגלעך שמייכלען מיט פֿערגעניגען, בעטראַכטענדיג די פֿרישע בולקעס. מענדעלע, אַ קליין יונגעלע אין אַ ראָזע לײַבעלע מיט לאַנגע ציציתלעך, האָט אַזש אַפּילו אויסגעשטרעקט דאָס הענדטעל, אָבער חיים׳ל, וועלכער איז מיט אַ יאָהר עלטער, האָט איהם געוואָרענט, אַז מען טאָר דאָס ניט נעהמען; ווען אַפּילו זיי זאָלען שוין האָבען די בולקעס מיט די בייגעל אין די הענד, האָט ער געזאָגט, וואָלט מען זיי אויך ניט געטאָרט עסען, וואָרום ס׳איז טריף. מענדעל האָט נאָך ניט געהאַט קיין קלאָרען בעגריף, וואָס הייסט טריף. חיים׳ל האָט נאָר געוואוסט, אַז מען טאָר ניט, אָבער דערקלערען דעם חבר האָט ער ניט געקענט. איז געבליבען, אַז מען זאָל געהן צו העניך׳ן פֿרעגען. העניך איז געווען מענדעל׳ס אַ ברודער, אַ יונגעל פֿון אַ יאָהר נײַן, אַ גרויסער מתמיד און אַ פֿרומער; ער האָט געלערענט פֿון פֿינף יאָהר אָן און מ׳האָט איהם געהאַלטען פֿאַר אַ למדן.

רעדענדיג אַזוי צווישען זיך, זענען זיי צוגעקומען צום בולוואַר. דאָרט האָבען זיי דערזעהן זיצענדיג אויף אַ באַנק אַ יונגעל אין אַ לאַנגער גראָהער קאַפּאָטע און מיט אַ הוטעל אָנגערוקט איבער די אויגען. דאָס איז געווען העניך, שמשון דעם למדן׳ס זוהן, מענדעלע׳ס ברודער. אַרום איהם האָבען זיך געשפּיעלט עטליכע יונגלעך, מיט איהם אין איינע יאָהרען; רעדענדיג צווישען זיך, האָבען זיי אַלעמאָל זיך געווענדט צו איהם, ווי צו אַ לעהרער אָדער אַ בוחר. קענטיג, דער יונגער העניך, דער קליינער מתמיד און פֿרומער למדן, האָט צווישען די קינדער געשפּיעלט די זעלביגע ראָלע, וואָס זײַן פֿאָטער שמשון צווישען די גרויסע. אַזאַ יונג קינד—און שוין אַזאַ כבוד! אַ קוק טהאָן דערויף, וואָלט מען געקענט רעכענען, אַז פֿון העניך׳ן וועט אַרויסוואַקסען אַ גדול בישראל. נאָר עפּיס איז צו בלייך און מאָגער געווען דאָס לענגליכע, אויסגעטאָקטע פּנימ־

על פּנים קליינעם למדן, עפּיס צו טיעף זענען איינגעפֿאַלען זײַנע שוואַרצע, גרויסע אויגען און מיט אַזאַ טרויער און מיט אַזאַ טיעפֿען ערנסט האָבען זיי געקוקט אויף גאָט׳ס וועלט!... ס׳האָט אויסגעזעהן אַזוי, אַקוראַט ווי די תורה, וואָס האָט אָנגעפֿילט זײַן מח, האָט אויסגעזויגען פֿון זײַן גוף דאָס גאַנצע בלוט, און די גרויסע פֿרומקײַט, וואָס האָט איהם פֿערשאַפֿט אַזוי פֿיעל כבוד יונגערהייט, האָט געמאַכט שטײַף, אונבעוועגליך זײַן גאַנצע פֿיגור און אַרומגעוויקעלט זי מיט אַ מאַנטעל פֿון אומעט.

חיים׳ל האָט זיך אַוועקגעשטעלט פֿאַר הענעך׳ן, אָנגעשפּאַרט בײַדע עלענבויגענס אָן זײַנע קניה און איפּגעהויבען זײַן קײַלעכדיג, ריהרעוודיג פּנים׳על אין אַ רעמעל פֿון צושויבערטע ברוינע לאָקען, אַרײַנקוקענדיג דעם עלטערן חבר אין זײַן ערנסטען פּנים.

— הענעך! זאָג אונז נאָר, מיר מיט מענדעלען, וואָס איז ט ר י ף און וואָס איז כ ש ר? פֿאַר וואָס טאָרען מיר ניט עסען די בולקעס, וואָס ליעגען דאָרט בײַ׳ם בעקער אויסגעלעגט אַזוי פֿיעל?

דערהערט די פֿראַגע, איז הענעך׳ס פּנים׳על געוואָרען אַ ביסעלע פֿרעהליכער און ער האָט שוין געוואָלט אָנהויבען דערצעהלען די צוויי בחורים׳לעך, וואָס איז טריף און וואָס איז כשר, האָבען אָבער די איבעריגע יונגלעך, וועלכע זענען געזעסען אויף דער באַנק און געשטאַנען אַרום איהר, אָנגעהויבען שרײַען אין איין קול, אַז דאָס ווייסען זיי שוין פֿון לאַנג, אַז זיי ווילען דאָס ניט הערען, זאָל זיי בעסער הענעך דערצעהלען עפּיס אַ שעהנע מעשה. הענעך האָט אַ סך וואונדערבאַרע מעשיות. ער האָט זיך זיי איבערגעלערנט אין חדר (חומש האָט ער שוין לאַנג געענדיגט, איצט לערענט ער אַ גרינגע גמרא מיט רש״י). האָט ער איצט אָבגעענטפֿערט חיים׳לען מיט קורצע דבורים, וואָס הייסט טריף און כשר, און מיט אַן ערנסטער מינע גענומען זיך דערצעהלען די מעשה, ווי די יודען זענען אַרויסגעגאַנגען פֿון גלות מצרים. דאָס איז געווען איינע פֿון די שרעקליכסטע הענעך׳ס מעשיות. אַז עס קומט צו דער פֿינסטערניש, וואָס האָט אָנגעפֿילט דאָס גאַנצע לאַנד מצרים, הערען דאָס די קינדער מיט אַ טיעפֿער איפּמערקזאַמקײַט פֿערהאַלטענדיג דעם אָטעם; אַ קלענערען איינדרוק מאַכען די היישעריקען, וואָס זענען סטאַדעס־ווײַז אָנגעפֿאַלען אויף מצרים, דערפֿאַר משה׳ס שטעקען, וועלכער איז געוואָרען אַ שלאַנג, אינטערעסירט זיי מוראדיג. יעדערער טראַכט בײַ זיך, וואָס וואָלט געווען, ווען ער זאָל אַזוי ווי משה קענען איבערמאַכען איין זאַך אויף אַן אַנדערע, וואָס איהם גלוסט זיך. דער קליינער מענדעל, למשל, וואָלט תיכף געמאַכט פֿון דעם

שטיינדעלע, וואָס ליעגט נעבען זיינע פיס, אַ שעהנע פוכקע חלה, און חיים׳ל וואָלט געהייסען דעם טרוקענעם צווייגעלע, וואָס ער האַלט אין די הענד, אַז עס זאָל ווערען אַ שעהנע רויז, אָט ווי די רויז פון דעם אַל־טען קאַפעליוש, וואָס ער האָט אַ מאָל אַרויסגענומען פון דער באָבע׳ס קאָרב.

כאָטש דער קליינער עולם איז זעהר פערטהאָן אין העניך׳ס מעשה, פונדעסטוועגען טרעפען זיך אַלע ווײַלע געשעהענישען, וואָס האָבען מיט דער מעשה ניט קיין שום שייכות. מרדכי גוי, למשל, האָט זיך פער־גלוסט זעצען נעהענטער צו העניך׳ן, האָט ער אַ שטופ געטאָן מענדלען. מענדעל האָט זיך פערטשעפעט אָן די ציצית און איז אומגעפאַלען. האָט חיים׳לען פערדראָסען די עולה, וואָס מ׳האָט געטהאָן זיין חבר, זיינע אוי־געלעך האָבען אָנגעהויבען ברענען, און ער האָט מיט׳ן קולאַק געגעבען מרדכי׳ן עטליכע קלעפ איבער דער פלייצע, נאָכדעם האָט ער זיך אָנ־געבויגען, אויפגעהויבען מענדעלען, אַ קוש געגעבען זיין פערשמירטען שטערען און אַ גלעט געגעבען איבער׳ן פערוויינטען בעקעל, נאָכדעם האָט ער איהם פעסט אַרומגענומען און צוגעטוליעט צו זיך. מענדעל האָט אויפגעהערט וויינען, אָבער צווישען די יונגלעך האָט דער צופאַל אַרויס־גערופען אַ שטיקעל טומעל. העניך׳ן האָט דאָס קיין פיצעל ניט אָנגע־רידהרט, ער האָט זיך אַלץ כסדר דערצעהלט זיין מעשה, כאָטש מ׳האָט איהם געהערט מיט אַ האַלבען אויער.

ווי געוועהנליך, האָט העניך׳ס אויסגעהאַלטענקייט געהאַט אַ גוטע פעולה: ווען ער איז געקומען צום העכסטען פונקט פון דער מעשה— ווי עס שטאַרבען אויס אין איין נאַכט אַלע בכורים פון מצרים—האָבען די יונגלעך ווידער פערגעסען אַלע זייטיגע זאַכען און נאָר געהערט, וואָס מען דערצעהלט זיי. דער טויט פון די בכורים האָט אויף אַלעמען געמאַכט אַ געוואַלטיגען איינדרוק. מ׳איז געזעסען און געשטאַנען מיט אָפענע מײַ־לער, מיט אַן אויסדרוק פון אויפרעגונג און רחמנות אין די אויגען. קענ־טיג די קינדער האָבען נאָך ניט פערשטאַנען דעם חלוק צווישען פער־שיעדענע פעלקער, וועלכע וואוינען אויף דער וועלט, און האָבען נאָך ניט געוואוכט, אַז איין פאָלק קען האַסען דאָס צווייטע און קלייבען נחת פון דעם אַנדערענס אומגליק. זיי האָבען נאָך ניט דערגרייכט צו דער מדרגה, אויף וועלכער עס געפינט זיך די לעהרע פון האַס און נקמה. האָבען זיי רחמנות געהאַט אויף די מצריים׳ס בכורים, אַקוראַט ווי זיי וואָלטען געווען יודישע קינדער. נאָר איין העניך איז שוין געשטאַנען אויף אַזאַ

מדרגה, אז ער האָט ניט געפיהלט צו ד׳ בכורים פון מצרים קיין שום רחמנות.

ער האָט אָקאָרשט אָנגעהויבען דערצעהלען, וואָס פאַר אַ קלאָג און אַ געוויין עס האָט אָנגעפילט די הייזער פון מצרים אין יענער נאַכט; זיי־נע איגען האָבען דערביי געפונקעלט און די הענד האָבען געמאַכט אונ־רוהיגע בעוועגונגען. פליצים...

— זעה נאָר! זעה!—האָבען אָנגעהויבען שרייען די יונגלעך און גע־נומען לויפען אַלע אין איין זייט אַריין, טייטענדיג מיט די פינגער. חיים׳ל האָט אַזש אַ ציטער געגעבען פון שמחה.

הורכ׳ן בולוואר איז דורכגעגאַנגען אַ יונגע פרוי; איהר קלייד איז געווען ווייס און לייכט, ווי אַ וואָלקען, און איבער׳ן שטערען איז געלע־גען אַ משא פון טונקעלע זיידענע האָר; אין איין האַנד, וועלכע איז גע־ווען אָנגעטהאָן אין אַ הענדשקע, האָט זי געטראָגען אַ גרויסען בונט פרעכ־טיגע בלומען. דאָס איז געווען אַ שעהנע און אַ פערפוצטע פריצה. נע־בען איהר פון ביידע זייטען זיינען געגאַנגען אויך שעהנע און פערפוצ־טע פריצים.

העניך איז געבליבען אַליין אויף דער באַנק, דאָס האָט איהם אָבער כלל ניט געאַרט; ער האָט אַליץ כסדר דערצעהלט זיין געשיכטע און איז אַריינגעקומען אַלעמאָל אין אַ גרעסערע התפעלות, כאָטש קיינער האָט זיינע רייד ניט געהערט, אַחוץ די צוויי בוימלעך, וואָס האָבען מעלאַנ־כאָליש געשאָקעלט איבער דער באַנק מיט זייערע מאָגערע צווייגלעך. די שעהנע פריצה מיט די וואונדערבאַרע בלומען האָבען אויף איהם ניט גע־מאַכט קיין שום איינדרוק, וואָרום שוין לאַנג האָט איהם אויפגעהערט ציהען צו די הבלי העולם הזה און שוין לאַנג איז ער געווען פערזונ־קען מיט זיין געדאַנק אין גרויסע און וויכטיגע זאַכען.

די איבעריגע יונגלעך אָבער, וואָס זענען געווען מעהר צוגעבונדען צו די נאַרישקייטען פון דער וועלט און מעהר פערשייט, ווי זייער על־טערער חבר, האָבען זיך מיט שרעקליכע מהירות געיאָגט נאָך דעם שעה־נעם בעשעפעניש, וואָס האָט אַרויסגערופען צווישען זיי אַזא התפעלות. אַ גאַנצע חאָפטע יונגלעך איז נאָכגעלאָפען דער פריצה מיט דעם ווייסען קלייד, אַ וואָלקען שטויב האָט זיך אויפגעהויבען פון אונטער זייערע פיס, און די געשרייען האָבען אָנגעפילט די לופט. מעהר פון אַלע איז חיים׳ל געווען ענטציקענט. ער האָט ניט אַראָבגעלאָזט קיין אויג פון דעם פרעכ־טיגען בוקעט. ביז דעמאָלט האָט ער געזעהען נאָר אויסגעמאָלטע בלומען

איף די אלטע קליידער, וואס זענען געלעגען ביי דער באבען אין קארב, אדער טויטע בלומען, מיט אבגעקראכענע פארבען, צעקנייטשטע אין מאטע — די וועלכע האבען בעפוצט די אלטע צעריסענע קאפעליושען, וואס האבען זיך געוואלגערט איפ'ן מיסט. זינט ער לעבט האט ער נאך ניט געזעהען קיין אמת'ע, לעבעדיגע בלומען. איצט האט ער זיי דערזעהען דאס ערשטע מאל און האט אזש געציטערט פאר גרויס ענטציקונג. אין איילעניש האט ער אפילו פערגעסען אן זיין פריינד מענדעלע'ן, וועלכער האט ניט געקענט לויפען אזוי שנעל, ווי ער, און האט זיך דעריבער אוועקגעזעצט אינמיטען בולוואר און גענומען שרייען און וויינען אויף א קול. די איבעריגע יונגלעך, וואס האבען געהאט ווייניגער העזה אדער ס'האט זיי ניט אזוי שטארק געצויגען צו שעהנע זאכען, זענען געלאפען נאך דער ווייסער פריצה פון וויטען, טייטענדיג אויף איהר בוקעט מיט די פינגער. נאר איין חיים'ל איז כסדר פערלאפען א פריהער און האט געשטרעקט צו די בלומען די הענד און געהויבען די אויגען מיט א געבעט צו דער פריצה. יענע האט פון אנפאנג זיך נאר ניט אומגעקוקט איפ'ן יונגעלע און אויף זיינע האלב אונזיכערע, האלב עזות־פנים'דיגע בעוועגונגען, נאר חיים'ל האט די פלוצלינג אנגעהאפט פאר'ן קלייד און פאמעליך א ציה געטהאן צו זיך. האט זי זיך אבגעשטעלט און מיט א שמייכעל געקוקט איפ'ן קינד. איהרע אויגען האבען זיך פריינדליך בעגעגענט מיט דעם קינד'ס אויגען, וואס האבען געגלאנצט, ווי שווארצע ברילאנטען. זי האט זיך אנגעבויגען א ביסעל, געפרעגט:

— וואס ווילסטו, קליינער?

חיים'ל האט מיט איין פינגער'ל אנגערירט איהרע בלומען. זי האט א לאך געטהאן, איהר האנד איז געלעגען אויף דעם קינד'ס געדיכטע לאקען.

— בעט שעהן — האט זי געזאגט.

חיים'ל איז געשטאנען אונבעוועגליך און געקוקט איהר אין די אויגען אריין מיט א ביסעל א דערשראקענעם קוק, זיינע ליפען האבען אנגעהויבען ציטערן, אקוראט ווי ער הויבט באלד אן וויינען. ער האט ניט פערשטאנען, וואס די פריצה זאגט איהם.

— זאג, קליינער: דאַ' קוויאַטעק!

חיים'ל האט זיך אנגעשטויסען, אז דאס לערענט איהם די פריצה איסרעדען עפיס אונפערשטענדליכע ווערטער. זיינע אויגעלעך האבען זיך

בריטער געעפענט, ווי געוועהנליך ביי אַ קינד וואָס הויבט אָן תופס זיין אַ אונפערשטענדליכע זאַך.

פון אָנפאַנג האָט ער עפּיס געבאָלבעט און געפּלאַפּעלט אונקלאָרע ווערטער, נאָר באַלד האָט ער מיט גרויס פרייד אַרויסגערעדט קלאָר און שאַרף, איבערמאַכענדיג די ווערטער אויף קינדעריש:

— דאַי קוויאַטעק.

די פּריצה האָט פרעהליך אַ קוק געטהאָן אויף אים אין די אויגעלעך מיט אַ טיעפען קוק. זי האָט אָבגעטיילט פון איהר ביקעט אַ הובשען טהייל בלומען און דיי הערלאַנגט דעם קינד.

חייב'ל האָט זיך אָנגעהאַנגען אָן איהר האַנד און זי בעדעקט מיט הייסע קושען.

אין אַ מינוט אַרום איז ער שוין געלאָפען צו דעם יודישען שטאָדט־טהייל. די בלומען האָט ער געהאַלטען הויך אין דער האַנד, געלאָפען איז ער שנעל, ניט געהערט די געשרייען פון די חברים, וואָס האָבען זיך נאָכגעיאָגט נאָך איהם; ווען איינער האָט איהם דעריאָגט, האָט ער זיך געבראָניעט מיט הענד און מיט פיס. און אַזוי איז ער דורכגעלאָפען עטליכע שמאָלע געסלעך, עטליכע פערשיעדענע הויפלעך, ביז ער איז אַריינגעפאַלען אין דער באָבע'ס שטיבעל.

פונקט דעמאָלט איז די זון פערגאַנגען. אַ שטראַהל פון איהר איז געפאַלען קאָסע אויף די קליינע שייבלעך און די פערפוילטע ראַהם פונ'ם פענסטער. אָ! געבענשט ביזטו, זון, וואָס דו בעדעקסט אַ מאָל מיט גאָלד די שוואַרצע ווענד פון אַזוינע נידעריגע הייזלעך, וואָס דו רינגעלסט אַרום מיט בורפורענע פאַסען אַזוינע אויסגעלומפּערטע לייהמענע אייוועס, וואָס דו קושט וואַרים און ליעבליך דעם צעקנייטשטען שטערען פון אַזאַ איינגעבויגענער, פערמאַטערטער אַלטער יודענע!

אין דעם רויטען ליכט פון דער פערגעהענדיגער זון, מיט בלומען אין דער אויפגעהויבענער האַנד, איז געשטאַנען חיים'ל פאַר זיין באָבען, וועלכע איז געזעסען אויפ'ן ביינקעל און מיט ציטערדיגע הענד איבערגעקליבען די צעריסענע שמאַטעס. שניי־ווייסע ליליען, סאַמעטענע רויזען, הימעל־בלאָהע פערגעס־מיך־ניט, הויכע גראָזען מיט זילבערנע קאַנטען — דאָס אַלעס האָט אַ שיין געטהאָן פאַר איהרע אויגען, ווי אַ שטיק רעגענבויגען, וואָס איז אַראָבגעפאַלען פונ'ם הימעל; דער מחוה'דיגער ריח האָט אָנגעפילט דאָס שטיבעל פון דער שוואַרצער סטעליע ביז דער ליי־

מענער פאָרלאַגע. חיה האָט אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענד, אידרע אויגען און איהר מויל האָבען זיך ברייט געעפענט.

— חיים׳קע!—האָט זי אויסגעשריען—אַי! אַי! חיים׳קע!—פון וואַנען האָסטו דאָס אַזאַ שעהנקייט? וואו האָסטו געפונען אַזוינע ברילאַנטען? גיעב זיי נאָר אַהער, איך וויל זיי אָנקוקען! אַי! ווי זיי שמעקען!

אַ געפיהל פון טיעפען נחת האָט זיך אויסגעגאָסען איבער׳ן פּנים פון דער אַלטער, ווען זי האָט אַריינגענומען די בלומען אין איהרע הענד. די האָט זיך צוגעקוקט צו זיי פון דער ווייטען און פון דער נאָהענט, האַלב פערמאַכענדיג די אויגען, די נאָז מיט די גרויסע ברילען אויבען האָט זי כמעט איינגאַנצען בעהאַלטען אין דעם בעכער פון די ליליען, און די ברייטע גראָזען מיט די זילבערנע ראַנדען האָט זי געגלעט מיט איהרע הענד, אַקוראַט ווי דאָס וואָלטען געווען געליעבטע קינדער, און כסדר האָט זי געהערדט:

— אַי! אַי! ווי שעהן! אַי, ווי דאָס שמעקט! און וואָס פאַר אַ קאָלירען!...

און ס׳איז שווער געווען צו זאָגען, ווער פון זיי ביידע: צו די באָבע, צו דאָס אייניקעל, פרייהען זיך מעהר מיט אָט די קונסט-ווערק פון דער נאַטור, וועלכע האָבען פּלוצים אַלייכט געטאָן אין זייער טונקעלער און ענגער שטאָהטישער תּפיסה, אַלייכט געטהאָן מיט דעם גלאַנץ פון לוקכוס און געמאַכט אַ ביסעל ליכטיגער די פינסטערניש פון זייער אָרימקייט. זיי האָבען זיך ביידע געפריידט אויף איינם נאַאיוו, קינדערש, הויך אויף אַ קול. נאָר חיים׳ל׳ס פרייד האָט לענגער געדויערט. די באָבע האָט אַ ביסעל שפּעטער אָנגעהויבען שאָקלען מיט׳ן קאָפּ אַזוי אומעטיג געזיפצט.

— ווען איך בין געווען יונג—האָט זי געשעפּטשעט—און לאַנג נאָך האָט זי עפּיס גערעדט צו זיך אַליין, געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ, געזיפצט, און חיים׳ל איז געשטאַנען אין ווינקעלע אויף דער איבערבעט, דערצעהלט דער באָבען ווי שעהן ס׳איז געווען די פּריצה און ווי ער האָט ביי איהר איבערגעבעטען די קוויטען, געקושט אַלעמאָל די ליליען און די רויזען. די באָבע איז אָבער נאָך דער גרויסער פרייד געווען איצט אומעטיג, און ביינאַכט האָט זי זיך אַלעמאָל אויפגעכאַפּט פונ׳ם שלאָף, געזיפצט, געקרעכצט און געהערט, ווי דאָס קינדערשע קול האָט אין דער פינסטער אַריינגערעדט מיט אַ געבעט: „דאַי קוויאַטעק!“

חיים׳לען האָט זיך גע׳חלומ׳ט אַ פּריצה אין אַ ווייסען קלייד און

כ'האָבען זיך איהם געחלומ'ט בלומען; דאָס איז ניט קיין חידוש, וואָרום שלאָפענדיג האָט ער איינגעאָטעמט זייער שמעקענדיגען ריח. די נאַכט איז ער, ווי אַ צווייטער העליאָגאַבאַל, געשלאָפען אויף בלומען. ער האָט מורא געהאַט, אַז מען זאָל זיי ביי איהם ניט צונעהמען, האָט ער אַרונטערגעלעגט אונטער'ן קישען,—אונטער'ן קליינעם ברידנעם קישעלע אין אַ בלאָהען ציכעל.

אויף אַנדערען טאָג האָט ער געהאַט אַ שווערען פריהמאָרגען! דאַוועננענדיג גאַנץ פריה, ווי געוועהנליך, האָט חיה דערהערט הינטער זיך אַ שווער כליפּען. זי האָט זיך אויסגעקירעוועט און דערזעהען אַזאַ מין בילד.

אויפ'ן דינעם איבערבעטעל, וואָס איז געלעגען אויסגעשפּרייט אויף אַ בינטעל שטרוי, איז געזעסען חיים'ל מיט צעשויבערטע האָר, נאָך אַ האַלב פערשלאָפענער, און אויף זיינע קניה, אויפ'ן אַלטען העמדעל אין אויף די קליינע פיסלעך האָבען זיך געוואַלגערט די טויטע בלימען. תיכף ווי ער האָט אויפגעעפענט די אויגען, האָט ער אַריינגערוקט די האַנד אונטער'ן קישען און אַרויסגענומען זיין אוצר, אָבער גאָט! וואָס פאַר אַ פּנים כ'האָבען בעקומען די בלומען! די אַטלאַסענע בלעטלעך פון די ליליען זענען געוואָרען געל און לעכערדיג, די רויזען זענען האַלב אָבגעפאַלען און ס'האָבען אַרויסגעשטעקט פון זיי די פערוועלקטע שטענגלעך, די ברייטע גרינע גראָזען האָבען זיך אַזוי פערענדערט, אַז ס'איז זיי ניט געווען צו דערקענען... דאָס איז שוין ניט געווען קיין בלימען, נאָר אַ זכר פון געוועזענע בלומען. חיים'ל איז געזעסען מיט אַראָבגעלאָזטע הענד, געקוקט אויף זיי אין געוויינט, ביטער געוויינט. אומזיסט האָט איהם די באָבע געטרייסט, נאָכדעם גערידעלט, געסטראַשעט, אַז ער וועט פון איהר בעקומען שמיץ... חיים'ל האָט גאָר ניט געהערט און גאָר ניט געזעהן! גרויסע טרעהרען האָבען זיך געגאָסען פון זיינע אויגען, געפאַלען אויף די פערוועלקטע בלומען און בעגאָסען זיי מיט אַ געדיכטען טהוי. נאָר איין צווייגעלע פערגעס-מיך-ניט איז געבליבען פרישער פון אַנדערע און האָט וועניג אָנגעוואָרען דעם קאָליער. די בלאָהע שטערענדלעך מיט די געלע אויגעלעך האָבען, דאַכט זיך, געקוקט מיט ליעבשאַפט אויפ'ן וויינענדיגען יונגעלע...

ס'איז געווען איינמאָל אַנ'אומעטיגע אָסיען-נאַכט. הינטער חיה'ס פענסטערל האָט אַ בייזער ווינד געבלאָזען, געפייפט און געיאָגט זיך איבער'ן שמאָלען הויף, און ווען ער פלעגט אַנשווייגען ווערען, פלעגט מען

הערען, ווי עס רוישט דער רעגען, פּאַלענדיג אויף די שטיינער פֿון דעם ברוק. חיה איז געלעגען אויפ׳ן בעט, געלעגען און געזיפֿצט. חיים׳ל איז געשלאָפֿען נעבען איהר. אַ פּאַס ליכט פֿון דעם לעמפּעל איז געפֿאַלען אויף זיין פּנים, און זי האָט כּסדר געקוקט אויפ׳ן שלאָפֿענדיגען אייניקעל, געקוקט און געזיפֿצט און גערעדט צו זיך אַליין:

— אוי! פֿינסטער יתומ׳ל מיינס, וואָס וועט פֿון דיר ווערען, ווען איך וועל צומאַכען אַנ׳אויג! וואָס וועט פֿון דיר ווערען, ווען דער אויבערשטער וועט רופֿען צו זיך מיין נשמה, זי זאָל זיך זעהען אין די הימלישע געצעלטען מיט די נשמות פֿון מיין מאַן ליב און פֿון מיין ברודער אַברהם, פֿון מיינע צוויי זיהן און מיין ליעבער טאָכטער מלכּה? וואָס וועל איך ענטפֿערן מיין געטרייער מלכּה׳ן, ווען זי וועט מיך פֿרעגען אויף יענער וועלט: מאַמע, וואו האָסטו אַהינגעטהאָן מיין קליין זוהנעלע חיים׳קען? האָסטו געלאָזט עמיצען נעבען איהם, אַז מען זאָל איהם דערלאַנגען אַ שטיקעל ברויט, ווען ער וועט זיין הונגעריג, האָסטו געזאָרגט, אַז מען זאָל אַכטונג געבען אויף איהם, כּדי ער זאָל אויסוואַקסען אַ מענש? ווען זי וועט מיך פֿרעגען, מיין טהייערע מלכּה, וועל איך זיך שעמען איהר קוקען אין די אויגען, און איך וועל זיך נאָר בעגיסען מיט ביטערע טרעהרען, וואָרום אַליין וועל איך איבערלאָזען איהר יתומ׳ל חיים׳קען, איינעם אַליין אויף דער גרויסער וועלט... ער איז אַזוי קליין און קען זיך אַליין ניט העלפֿען גאָר ניט... ער האָט אַזוינע פֿיצעלעך הענדטעלעך, אַז ער וועט מיט זיי ניט קענען פֿערדיענען, און דאָס קעפּעל איז נאָך אַזוי נאַריש, אַז ס׳וועט איהם אָנרעדען צו שלעכטע מעשים, צו ביטערע אומגליקען! אוי, פֿינסטערער מזל מיינער, אוי ביטערע יאָהרען!...

אַזוי האָט חיה געטראַכט און גערעדט. אין דעם אָבענד האָט זי געקלערט וועגען טויט, וואָרום אויף דער וועלט איז געווען פֿינסטער און טרויעריג, ווינדען האָבען געקרעכצט און געקלאָגט, און איהר האָבען וועה געטהאָן די ביינער און ס׳האָט וועה געטהאָן דער קאָפּ אונטער דעם געלען שאַל, און אונטער׳ן הארצען האָט אַלעמאָל אַזוי עפּיס געדריקט, אַז ס׳האָט זיך אויסגעדאַכט: אָט־אָט פֿליהט אַרויס די נשמה פֿונ׳ם גוף. אַחוץ דעם האָט זי שוין פֿון עטליכע טעג געהאַט שלעכטע געשעפֿטען. צו האָבען איהר קרעפֿטען געפֿעהלט אויף צו זוכען רעכטע מסחרים, צי איז איהר קאָנקורענטקע יענטע איבערגעגאַנגען דעם וועג אינ׳ם מסחר און אויף די סמיעטניקעס, ווי די מעשה איז—שוין פֿון אַ וואָך אַז זי

האָט כמעט גאָר ניט פֿערדיענט. זי האָט שוין אַפֿילו אַ פּאָר מאָל אָפֿען געזאָגט חיים'קען: נו, בעט היינט איהם ביי די פּריצים עטליכע גראָשען.

ס'איז שוין געווען שפּעט און ס'וואָלט שוין לאַנג צייט געווען זיך אויסטהאָן און זיך לעגען שלאָפֿען, נאָר די אַלטע באָבע איז נאָך אַלץ געלעגען אָנגעטהאָן און געבּרומט פֿאַר זיך, קוקענדיג כסדר אויפֿ'ן שלאָפֿענדיגען איינִיקעל. נאָכדעם האָט זי מיט גרוים מיה זיך אויפֿגעהויבען פֿונ'ם אָרט, אַרויפֿגעוואָרפֿען אויפֿ'ן קאָפּ און אויף די פּלייצעס דעם לעכערדיגען שאַל און אַרויסגעגאַנגען פֿון דער שטוב. ס'איז געווען פֿינסטער און דער רעגען האָט געשמיסען אין פּנים אַריין. אָבער זי איז אַלץ ווייטער געגאַנגען צווישען די קרומע הויפֿלעך און די שמאָלע געסלעך, אַנ'איינגעהויקערטע, מיט אַנ'אויסגעשטרעקטער האַנד. שטראָמען וואַסער האָבען זיך געגאָסען פֿון איבען און גערונען דורך די לעכער פֿון איהרע קליידער, איהרע פֿיס האָבען זיך אַלעמאָל אַראָבגעגליטשט פֿון די שאַרפֿע שטיינער אָדער אַריינגעפֿאַלען אין אַ טיעפֿע לוזשע, אָבער זי האָט דערויף זיך ניט אומגעקוקט. געגאַנגען איז זי זעהר פּאַוואָליע. ענדליך איז זי אָנגעקומען אַהין, וואוהין זי איז געגאַנגען. זי האָט זיך אַריינגעהוקט אין אַ פֿינסטער פֿאָרהויז פֿון אַ נידעריג שטיבעל, אָנגעטאַפּט די טהיר און אָנגעקלאַפּט.

— ווער איז דאָרט? — האָט פֿון אינעווייניג געפֿרעגט אַ מענערשע שטים.

זי האָט שטיל אַרויסגערעדט איהר נאָמען.

— געה אַריין!

די שטוב אין וועלכע חיה איז אַריינגעגאַנגען, איז געווען געווען גערויגע, נאָר אָרים. אַנטקעגען דער טהיר איז געזעסען ביי אַ טיש אויף אַ פּראָסטען שטוהל אַ יוד מיט אַ לאַנגער אָבגעטראָגענער קאַפּאָטע און מיט אַ טונקעל פּנים, וואָס איז געווען כמעט אינגאַנצען פֿערוואַקסען מיט שוואַרצע האָר. אויפֿ'ן טיש איז געלעגען אָפֿען אַ גרויסער ספֿר, און דער יוד איז קענטיג געווען אַריינגעטהאָן אין איהם מיט אַלע חושים, וואָר'ם אַז ער האָט אַ קוק געגעבען אויף חיה'ן, זענען די אויגען זיינע געווען נאָך האַלב פֿערהילט אין נעבעל, ווי געוועהנליך ביי מענשען, וועלכע קענען זיך ניט אָבּרייסען פֿון זייערע געדאַנקען. פֿונדעסטוועגען איז ער ניט אין כעס געוואָרען, וואָס מ'האָט איהם מבטל געווען פֿון זיין לערנען; ער האָט פֿריינדליך געפֿרעגט:

— וואָס איז עפּיס אַזוי שפּעט? ס׳האָט זיך עפּיס בײַ אײַך געטראָפען, חלילה, אַן אומגליק?

— זינט איך האָב פערלאָזען דאָס הויז פון מײַנע עלטערן, האָב איך פון קײַן גליק ניט געוואוסט—האָט זי געפליסטערט שטיל.

— אַזוי איז אײַך מסתמא בעשערט פון זײַן ליעבען נאָמען—האָט ער אָבגעענטפערט אַ ביסעל האַרטער, נאָכדעם האָט ער געפרעגט:—וואָס זשע ווילט איהר פון מיר?

חיה האָט זיך אָנגעבויגען און אַ קוש געגעבען זײַן טונקעלע האַנד *)

— רבי!—האָט זי געענטפערט—איך בין אײַך געקומען בעטען פאַר מײַן אייניקעל, פאַר אַ קליין אומשולדיג עופהלע, וואָס ס׳קען, חלילה, ווערען אומגליקליך, אויב איהר וועט זיך אויף איהם ניט מרחם זײַן!

די האָט אָנגעהויבען דערצעהלען פון איהרע זאָרגען, פון איהר פחד, וואָס זי האָט מורא, אַז איהר אייניקעל וועט מוזען בלײַבען אַליין אויף דער וועלט.

— רבי!—האָט זי געענדיגט— איך האָב געזינדיגט פאַר אײַך מײַן האַרץ. איך האָב געטהאָן אַ גרויסע עבירה, איך האָב אַליין געלערענט דאָס קינד בעטלען... רבי! זאָל אײַער אויג ניט קוקען אויף מיר מיט צאָרען... ס׳איז מיר זעהר שווער צו לעבען... אָבער פאַר׳ן קינד האָב איך מורא. ס׳האָט זיך שוין אויסגעלערענט בעטלען, און דאָס איז אַ שלעכטער דרך... עס קען איהם ברײַנגען דערצו, אַז ער זאָל אָנהויבען גנב׳נען! אוי! אוי! רבי! דערפאַר האָב איך מורא! דערפאַר האָב איך זעהר מורא!

די האָט זיך אָנגעהויבען טרייסלען מיט׳ן גאַנצען קערפּער, אַקוראַט ווי די וואָלט געהאַט פיבער.

— רבי! דאָס איז ניט מײַן איינציגע עבירה! עס פלעגט טרעפען, אַז אַ שלעכטען בגד האָב איך פערקויפט פאַר אַ גוטען, און געקויפט האָב איך אַ גוטע זאַך און געצאָהלט, ווי פאַר אַ שלעכטער. עס פלעגט טרעפען, אַז די מענשען האָב איך געוויזען מײַן סחורה, פון דער גאַנצער זײַט, און די לעבעדיגע זײַט האָב איך פערשטעלט, ווי ווײַט ס׳איז גע-

*) די פּערפאַסערין האָט דאַ אַ טעות: בײַ יודען קושט מען ניט דעם רב די האַנד. דאָס איז נור אַ מנהג בײַ קריסטען בנוגע צו זייערע גייסטליכע.

וען מעגליך! עס פלעגט טרעפען, אז איך האב אויף יענטע'ן, וואס האנדעלט אויף מיט שמאטעס, געטראגען א שנאה און א קנאה אין הארצען, געקריעגט זיך מיט איהר און געשלאגען זיך פאר א טריפה'נעם גראשען! איהר זעהט, רבי, איך עפען פאר אייך מיין הארצען, אבער איהר זאלט ניט קוקען אויף מיר מיט צארען דערפאר, וואס איך האב אזוי געטהאן, ווארום... ווארום ס'איז מיר אזוי שווער געווען צו לעבען!... בעטראכט זיך אבער, רבי, אז איך וויל ניט, אז מיין חיים'ל זאל געהן אין אזוינע דרכים, ווי איך בין געגאנגען! איך האב דערפאר אזוי מורא! האט רחמנות אויפ'ן קליינעם אומשולדיגען עופה'לע! עס איז אזוי שעהן און איז קלוג און עס איז נאך אזא פיצעל. נעהמט איהם, רבי, אונטער אייער השגחה, ווי איהר האט שוין געטהאן מיט א סך ארימע קינדער! זעהט, אז ער זאל זיך קענען לערנען און ווערען א מענש, און אז איך וועל צומאכען מיט אנ'אויג, זאל ער ניט בלייבען, חלילה, ווי אויפ'ן וואסער! איהר זענט, רבי, א בעל־רחמים, איהר האט רחמנות אויף ארימע לייט. אייער צדקה און אייער תורה זענען בעריהמט אויף דער גאנצער וועלט! לאם איך זשע אויך געפינען חן אין אייערע אויגען און רחמנות אין אייער הארצען!

דער רבי האט געשוויגען און אויפמערקזאם געהערט די ציטערדיגע רייד פון דער אלטער. ער האט געטראכט א ווייל'ע, נאכדעם האט ער געזאגט:

— זיי רוהיג! איך וועל ערפילען דיין בקשה און וועל נעהמען דיין אייניקעל אונטער מיין השגחה. איך וועל זעהן מאכען פון זיינטוועגען עפיס געלד. ער וועט געהן אין תלמוד־תורה און איך אליין וועל מיט איהם אויך לערנען!

חיה'ס פנים, וואס איז געווען אקארשט פול מיט אזוי פיעל צער און וועהטאג, האט אנגעהויבען שיינען פאר פרייד און גרויס דאנקבארקייט. זי האט זיך צעוויינט אויף א קול.

— וואס זשע וויינסטו? — האט דער רבי געפרעגט.

— אוי, רבי! האט קיין פאראיבעל ניט, וואס איך וויין! ס'איז נארישע טרעהרען, וואס זאל איך אבער טהאן, אז זיי רייסען זיך מיר פון הארצען און קאפען דורך די אויגען און איך קען זיי ניט פערהאלטען... אז איהר וועט צונעהמען חיים'קען צו אייך אין שטוב, וועל איך זיך

מוזען שייחען מיט מיין קינד... איך האב קיינעם ניט אויף דער גאנצער וועלט, אחוץ אידם איינעם... איך און ער, מיר האבען געלעבט ביז אהער, ווי צוויי טראפען וואסער, וואס דער ווינד האט זיי פערטראגען אויפ'ן זאמד און זיי קוקען כסדר איינס אויפ'ן אנדערען. ווען איהר וועט צונעהמען חיים'קען צו אייך אין שטוב, וועל איך בלייבען אהן איהם ווי אהן דעם שווארץ-אפעל פונ'ם אויג, ווי א גוף אהן א נשמה. זאל איך כאטש מעגען, רבי, אפט אריינקומען אין אייער שטוב און קוקען אויף מיין קינד און טרייסטען מיין אלטע נשמה...

דיף מארגען איז ר' נחום אריינגעקומען צו הה'ן אין שטוב, אנגענומען דעם איבערגעשראקענעם און פערוויינטען חיים'לען ביי דער האנד און אוועקגעפיהרט צו זיך.

ווער זשע איז ר' נחום? ר' נחום האט א גרויסען שם צווישען דעם פראסטען יודישען עולם פאר זיין למדנות, זיין פרומקייט און גוטהערציגקייט. ער איז א גרויסער בקי אין תלמוד און לערענט קבלה מיט דער גרעסטער התמדה. מען זאגט, אז ס'איז פאר איהם ניטא קיין פערבארגענע זאך אויפ'ן הימעל און אויף דער ערד, אבער צו דאס איז אמת—קען איך אייך ניט זאגען. דערפאר קען איך גוט זיין בארעמהערציגקייט, ווארום וואס ער האט געטהאן מיט ארימע לייט, האב איך אפט אליין געזעהען. איך האב געזעהען ווי ער האט פערזאמעלט ארום זיך און מיט ליעבע אכטונג געגעבען אויף גאנצע קאמפאניעס ארימע, אבגעריסענע, הונגעריגע יודישע קינדער; איך האב געזעהן, ווי ער האט אונטערגעהאלטען קראנקע, איינגעהויקערטע זקנים... נאר ניט איצט איז א צייט וועגען דעם צו רעדען... איך וויל נאר אנווייזען, וועלכע גייסטיגע אינטערעסען פערנעהמען רב נחום'ען, ווייל מיר דוכט, אז דאס וועט האבען א גרויסע ווירקונג אויף דער וויטערדיגער מאראלישער און גייסטיגער ענטוויקלונג פון חיים'קען. רב נחום פערשטעהט ניט קיין אנדער שפראך, אחוץ לשון קודש און דעם יודישען זשארגאן, וואס דאס פאלק רעדט. אין פרעמדע לשונות האט ער ניט קיין שום ידיעה און קיינמאל האט ער ניט איבערגערעדט קיין איין איינציג גוי'איש ווארט. שטענדיג פערזינקען אין זיינע רעליגיעזע למודים און אין די סודות פון דער קבלה (גלויבט מיר רבותי, אז די דאזיגע למודים זענען גאר ניט קיין קאטאוועס) האט ער, אפשר, פשוט קיין צייט ניט געהאט זיך פערנעהמען מיט דער שפראך פון דעם לאנד, וואו עס האבען געוואהנט שוין זיינע עלטער-עלטער זיי-

דעם. און אפשר האָט די אונזיסענהייט זיינע געהאַט נאָך אַנ'אַנדער סבה...

אפשר וועלען אָבער די ווייסע ליליען, וואָס חיים'ל איז אויף זיי געשלאָפען איין נאַכט, אפשר די פערגעס-מיך-ניט, וואָס האָבען, דאַכט זיך, גערעדט צו איהם מיט זייערע בלאָהע אייגעלעך: „געדענק!...“

... חיים'ל וואָהנט ביי רב נחומ'ן און געהט אין תלמוד-תורה, אָבער אין אָבענד לערנט מיט איהם אָפּט רב נחום אליין. ער פיהרט מיט'ן קינד לאַנגע שמועסען, ער דערצעהלט איהם פערשיעדענע מעשיות פון די הייליגע יודישע ספרים, און דאָס איז ניט קיין קליינע טובה פון זיין זייט, וואָרום צוליעב דעם מוז ער זיך אָפּרייסען פון זיינע ספרים און פון זיינע תפלות. נאָר וואָס וועט רב נחום ניט טהאָן, ווען ער זעהט, אַז עמיצער דאַרף האָבען זיין טובה, אָדער אַז ער קען אין א קליין הערצעלע אָנצינדען (א) הייסע ליעבע צום יודישען פאָלק און צו דער יודישער אמונה!

איינמאָל איבערנאַכט האָט רב נחום געלערענט מיט חיים'קען. ביידע זענען געזעסען אין דעם נידעריגען גראָהען שטיבעל איינער אַנטקעגען דעם אַנדערען; דער יוד מיט דעם טונקעלען פּנים און דער גע-דיכטער באָרד האָט אָנגעשפּאַרט דעם עלענבויגען אויפ'ן טיש און די האַנד האָט ער אויפגעהויבען אַרויף; דאָס קינד מיט דעם קיילעכדיגען קלוגען פּנימ'על איז געזעסען אויף אַ הויכען ביינקעל, די פיס אין דער לופטען, די צונויפגעלעגטע הענדטעלעך אויפ'ן טיש; עס איז געזעסען אַנ'אויס-געגלייכטע, מיט אַנ'ערנסטע מינע, אַריינגעשפּאַרט די גרויסע אויגען אין דעם רבינ'ס פּנים.

רב נחום איז אַ מיסטיקער. *) ער גלויבט אין אַלע איבערנאַטירליכע בעשעפעניסען, וועגען וועלכע עס שרייבען די ספרים, און צו איינינע מלאכים פיהלט ער אַ בעזונדערס געטרייע ליעבשאַפט. די דאָזיגע ליעבשאַפט וויל ער איצט איבערגעבען זיין תלמיד. ער דערצעהלט איהם וועגען דעם מלאך סנדלפון, וועלכער שטעהט אין די טויערן פונ'ם הימעל און כאַפּט אונ-טער די תפלות, וואָס דערהויבען זיך פון דער ערד, און מאַכט פון זיי וואונדערבאַרע שענע בלומען, פון די בלומען פלעכט ער קרענץ צו אַוועק-לעגען זיי פאַר דעם כסא הכבוד.

---

*) אַ מיסטיקער—אַ מענש, וועלכער האָט ליעב צו טראַכטען וועגען די סודות פון דער וועלט, וואָס מיט'ן שכל קען מען זיי ניט משיג זיין.

חיים׳ל האָט געהערט. זײַן הערצעל איז געווען פֿול מיט דער גרעס־טער התפּעלות. ער האָט אױפֿגעהױבען די אויגען, גלײַך ווי ער וואָלט געוואָלט דערזעהן דעם מלאך פֿון די תּפלות. פּלוצלונג האָט זיך איהם פֿאָרגעשטעלט די פּריצה, מיט׳ן ווײַסען קלײד, וועלכע ער האָט אַמאָל גע־זעהען אױף דעם שטאָדט־בולוואַר. ער האָט דערזעהן, ווי איהר שענער פּנים בויגט זיך אַריבער צו איהם און איהרע אויגען גלאַנצען מיט אַ זילבערנעם שימער. חיים׳ל האָט געקוקט אַרױף און האָט פּלוצלונג אַרױסגערעדט הױך, אױף אַ קול:

— דאַ׳ קוויאַטעק.

רב נחום האָט זיך שטאַרק פֿערוואונדערט, ווען ער האָט דערהערט די דאָזיגע אומבעקאַנטע ווערטער...

# גדליה.

דער זומערדיגער פארנאכט האט גענומען שפרייטען איבער דער וועלט זיין טונקלען מאנטעל; די קלארע לופט איז שוין געווארען פינסטערער, אבער אלצדינג ארום און ארום האט מען נאך געקענט זעהען דייטליך. די אבגעשניטענע פעלדער זענען נאך געווען געל און שארסטקע, די וועגען האבען זיך אויסגעטיילט פון צווישען די פעלדער מיט זייערע זאמדיגע ליניעס, די בליהענדיגע גריקע איז געלעגען אויסגעשפרייט אין ווייכע פאסען, די בארען-בוימער האבען אויסגעזעהן ווי פיערעקעלדיג, און די טאפאליעס האבען זיך געהויבען, ווי זיילען, איבער די בנינים פון דער קליינער פערמע. אויף איין זייט הימעל האבען נאך ארומגעבלאנדזשעט פורפור-רויטע פלאמען; אויף דער אנדערער זענען די געדיכטע כמארעס געלעגען, ווי א פינסטערע וואנד, און ס'האט זיך אויסגעדאכט: פון דארטען געהט ארויס די נאכט און שפאנט איבער דער ווייטער וועלט. די לופט איז געווען שטיל און ווארים. פון דער ווייטענס האבען פעלד-הינער זיך געלאזט הערען; איבער דער ווייסער גריקע האט זיך ציטערנווייז בעוויזען א שווארצע פלעדערמויז און מאכענדיג אין דער לופטען א האלבע ראד, איז די תיכף פערשוואונדען; אויף די נאהענטע לאנקעס האבען געהירזשעט פערד. אלע איבעריגע חיות און פויגלען און פליגען זענען געשלאפען; קיין מענשען האט מען ניט געהערט און ניט גע-

זעהען. נאָר פֿון די געבײַדעס אין זײער פֿערמע האָבען געבלישטשעט עטליכע פֿײַערלעך און האָבען בעוויזען, אַז דאָ לעבען מענשען.

אין דער שטילער פֿינסטערניש פֿון די ברייטע פֿעלדער איז נאָר איין מענש געגאַנגען איבער דעם וועג, וואו אַלטע ווערבעס האָבען פֿון ביידע זייטען געבויגען זייערע דיקע, אויסגעדרעהטע און פֿערפֿלאָנטערטע צווײַגען. דער מענש איז, קענטיג, ניט געגאַנגען צו דער פֿערמע, וואָרום ער האָט זי אויסגעמײַדט און איז אַרויסגעגאַנגען פֿון אונטער די געדיכטע ווערבעס אויף דאָס פֿרײַע פֿעלד, דאָ האָט דער רעשט הנען-שײַן, וואָס האָט זיך נאָך אַרומגעבלאָנקעט איבער'ן הימעל אין מעריב-זײַט בעלויכטען דעם וואַנדערער פֿון קאָפּ ביז די פֿיס. ער איז געווען אַ הויכער, דאַרער מאַנסבפערשוין, מיט אַן'אַיינגעהויקערטען רוקען אונטער אַ שווערען קלומעק. אָנגעטהאָן איז ער געווען אין אַ לאַנגען בגד, ביז דער ערד, אין אַ צוקנײַטשטע היטעל מיט אַ צעריסענעם דאַשעק און אין שווערע שיך, וועלכע זענען ווײַט געוואָרען פֿון שטויב. אין דער האַנד האָט ער געהאַלטען אַ שטעקען, אויף וועלכען ער האָט זיך כסדר אָנגעשפּאַרט. געגאַנגען איז ער זעהר פּאַוואָליע. שוין עטליכע וואָכען איז אין דער געגענד געווען אַ טרוקעניש, זענען די וועגען געוואָרען זאַמדיג; אַחוץ דעם איז אויפ'ן וועג געווען אַ סך שטיינער. די פּיס פֿונ'ם וואַנדערער האָבען זיך אַלעמאָל אָנגעשטויסען אָן די שטיינער אָדער זיי זענען פֿערקראָכען אין זאַמד, אויפֿהויבענדיג דערבײַ קליינע וואָלקענדלעך שטויב; און אַזוי ווי ער איז געגאַנגען אָנגעבויגען אונטער דער משא פֿונ'ם קלומעק און האָט געמוזט האַלטען דאָס פּנים אַראָב, איז איהם דער שטויב פֿערקראָכען אין מויל און אין האַלז; געאָטעמט האט ער שווער און גיך, מיט אַ כריפּען און אַ געהויש, וואָס נאָר די פֿעלד-היהנער האָבען דאָס איבערגעריסען פֿון צײַט צו צייט. וואַרפֿענדיג פֿון זער ווײַטענס זייערע קלאָרע, פֿרעהליכע טענער. איינמאָל האָט דער בלייכער שיין פֿון דער פֿערגאַנגענער זון אויף אַ פּאָר מינוט בעלויכטען דעם וואַנדערערס פּנים. דאָס איז געווען אַ לענגליכער פּנים, בעוואַקסען מיט טונקעלע האָר; ער האָט אויסגעזעהען ווי ווײַסער פּאַרמעט, אַרומגעקלעבט מיט וואַקס; די קין-באַקען האָבען אַרויסגעשטאַרטשעט, די ליפּען זענען געווען האַלב-אָפען און די אויגען אַראָבגעלאָזט צו דער ערד.

ער האָט זיך אָבגעשטעלט צו כאַפּען דעם אָטעם, אָבער אויסגלײַכען זיך האָט ער ניט געקענט, וואָרום ער האָט דעם קלומעק ניט אַראָבגענומען פֿון די פּלייצעס. ער איז געשטאַנען אַן'אַיינגעהויקערטער, אָנגעשפּאַרט אויף

דעם שטעקען, און נאָר די אויגען האָט ער אויפֿגעהויבען און געקוקט אַ ה׳, אַהין, וואו דער מאַנטעל פֿון פֿינסטערניש איז געוואָרען אַלעמאָל טונקעלער און אַ פּאַס ווייסער נעבעל האָט זיך געצויגען פֿון אויבען. ס׳האָט אויך איהם אַ הויך געטהאָן די קיהלקייט פֿון דער נאַר וואָס אויסגעפֿאַלענער ראָסע, אויסגעמישט מיט דעם פֿרישען ריח פֿון זאַפֿטיגע געוויקסען. עפּעס האָט אָנגעהויבען רוישען צווישען די געדיכטע גראָזען, אַקוראַט ווי אַ קאַץ אָדער אַ האָז וואָלט זיך גערוקט שטילערהייד, אָדער אפֿשר האָט אַ פֿויגעל זיך איפֿגעכאַפּט אין זיין נידעריגער נעסט און אַ מאַך געטהאָן מיט די פֿליגעל. דער וואַנדערער האָט אַ קוק געטהאָן אַרום זיך. אַ פֿייכטע קיהלקייט האָט געצויגען פֿון דעם פֿעלד, וואָס איז געווען בעדעקט מיט געדיכטען גרינעם אַרבעס און האָט געמישט מיט די שלעפֿעריגע שטימען פֿון טויזענדער לעבעדיגע בעשעפֿענישען. ערטערווייז האָט מען נאָך געקענט זעהען פֿערשפּעטיגטע ווייסע בלומען צווישען די גרינע צווייגען פֿון די קרעפֿטיגע געוויקסען; לאַנגע, פֿערפּלאָנטערטע שטיינגלאַך האָבען געדריקט איינס אויפֿ׳ן אַנדערען און געבויגען זיך צו דער ערד אונטער דער משא פֿון גרויסע פֿאַרטיגע סטראָנטשקעס.

בײַם ברעג פֿון דעם זאַמדיגען וועג האָט דער אײַנגעבויגענער מענש אונטער׳ן שווערען קלומעק זיך אַיינגעבויגען נאָך מעהר; דער שטעקען איז אַרויסגעפֿאַלען פֿון זײַנע הענד; בײדע אָרעמס האָבען זיך אויסגעשטרעקט צום גרינעם פֿעלד, אַקוראַט ווי אַ פֿרעמדע קראַפֿט וואָלט זיי געשטופּט. ער האָט זיי פֿונדעסטוועגען אײַנגעהאַלטען, און ס׳האָט זיך אויסגעדאַכט—אָט נעהמט ער זיך געהן ווײַטער; די פֿיס זענען אָבער ווי צוגעבונדען געווען צו דער ערד.

— אַי. אַי! אַי! אָך!

דאָס איז געווען אַ זיפֿצען פֿון גלוסטונג. ער האָט אַ שאָקעל געטהאָן אויף רעכטס און אויף לינקס מיט׳ן קאָפּ, אַ קנאַק געטהאָן מיט דער צונג אָן גומען, אַראָבגעוואָרפֿען דעם קלומעק פֿון די פּלייצעס אויפֿ׳ן וועג און, פֿאַלענדיג אויף אַלע פֿיער, אַרײַנגערוקט בײדע הענד אין דעם געדיכטען אַרבעס. איצט האָט מען נאָר געקענט הערען, ווי עס קנאַקען די סטראָנטשקעס, ווען זיי ווערען אָבגעבראָכען פֿון דער צווײַג, און ווי זיי טרעשטשען אונטער די גיעריגע ציינער. ער האָט זיך גערוקט אַלץ ווײַטער, זײַנע קין־באַקען האָבען זיך שנעל בעוועגט און די הענד האָבען זיך געהויבען פֿון דעם אַרבעס צום מויל און פֿונ׳ם מויל ווידער זיך געשטרעקט צום גרינעם אַרבעס. די סטראָנטשקעס זענען געווען בענאָסען

מיט כהי, און ס'איז שווער געווען צו זאָגן, וואָס איז מעהר אויסען דער דאָזיגער מענש, וועלכער האָט מיט אזא חשק געביסען די סטראָנטשקעס: צו וויל ער מעהר איינשטילען זיין הונגער, צי זיין דורשט. דער אמת איז, אז ער האָט געגעסען און געטרונקען צוזאמען, אפשר מעהר אפילו געטרונקען, ווי געגעסען. זיין שטערען איז געווען פערברענט פון דער היץ פון א גאנץ טאָג און זיין מויל איז געווען פול מיט שטויב; האָט ער זיך איינגעביגען אזוי נידעריג, אז ער האָט אריינגעטהאָן דאָס גאנצע פנים אין די נאסע געוויקסען; ווען ער האָט אויפגעהערט עסען, האָט אויסגעזעהען, אקוראט ווי ער רוהט זיך אָב און שטילען פערגעניגען.

אין דער זעלבער מינוט האָט ניט ווייט, עטליכע צעהנדליג טריט פון דעם וואנדערער, זיך אויפגעהויבען פון דער ערד אן אנדער מענש. א ווייל־ע האָט ער זיך איינגעקוקט און איינגעהערט אין דעם טונקעלען אָבענד, נאָכדעם האָט ער זיך מיט אן אויפגעהויבענעם שטעקען א לאָז געטהאָן צום וועג און שפרינגענדיג לייכט און עלאסטיש, צוגעלאָפען צום איינגענורעטען מענשען און איהם אָנגעכאפט פאר'ן קאָלנער פון זיין בגד. א יונגע פרישע שטימע האָט אָנגעהויבען שרייען:

— וואָס טהוסטו דאָ, פארך, ליידאק! טרעטסט אונזער ארבעס און רייבסט מיט א פולען פיסק! מסתמא נאָך אָנגעשטאָפט פולע קעשענעס אויך! וואַרט זשע, פסיא קרעוו, איצט האָב איך דיך געפאקט. שטעה אויף! נו! קום, וועסט האָבען א שעהנעם משפט, נישקשה! שטעה אויף, א ניט גיעב איך דיר מיט'ן שטעקען, וועסטו אָנהויבען לויפען גאלאָפ, ווי א גוטער פערד!

צי ער וואָלט געקענט לויפען גאלאָפ אפילו ווען מען דערלאנגט איהם א קלאפ—איז א שאלה. פון דער ערד איז ער אָבער אויפגעשפרונגען זעהר שנעל, ציטערענדיג פאר שרעק פון קאָפ ביז די פיס. אזוי פלוצלונג האָט מען איהם געכאפט, און אזא טהייערע מינוט! עטליכע מאָל האָט ער זיך נידעריג פערנויגט פאר'ן יונגען מאן, שטאמלענדיג מיט א הייזעריגער שטימע:

— אי, אי! זאָל מיך דער טהייערער פאניטש לאָזען! איך געה אויף נאכט־לאגער צום שענקער אין שטמנע! אי, אי! דער ארבעס... גלאט אזוי ביים וועג... אזא ווא־ילער ארבעס... איך האָב מיר נאָר א ביסעלע... זאָל מיר דער טהייערער פאניטש מוחל זיין און מיך אָבלאָזען... ס'איז דען אזא גרויסער שאָדען, וואָס?

דער שייגעץ האָט געשריען, ניט הערענדיג כמעט, וואָס יענער זאָגט:

— אַ גרויסער שאָדען? האַ! וואָס רעדן? אפֿשר ניט קיין שאָדען? אפֿשר איז עס גאָר אַ טובֿה פֿאַר אונז, וואָס אַזוינע גנבֿים ווי די פֿרעכען איך דעם גאַנצען אַרבעס ביי׳ם וועג? פֿאַר וואָס האָסטו נאָך ניט אָנגעגראָבען קיין קאַרטאָפֿליעס איך?... וואָלסט געבראַכט דיין „באַלאַבאָכטע" אַ מתנה אויף שבת. צוליעב אַזוינע ווי דו מוז מען זיך וואַלגערן, ווי אַ הונד, אַ גאַנצע נאַכט אין פֿעלד, היטען דאָס ביסעל פֿערמעגען, און דאָ שרייט נאָך דער טאַטע, פֿאַר וואָס איך האָב קיין איינציגען גנבֿ ניט געכאַפּט. וואַרט זשע, וואַרט! טאַקי געכאַפּט! טאַקי געכאַפּט! קום צום טאַטען! וועסט האָבען דיין פּסק! וועסט שוין האָבען צו געדענקען! וואַרט!

ער האָט ברייט געקנייטשט מיט די אַקסלען און געשריען אַזוי הויך, אַז ס׳האָט אַזש געקלונגען איבער׳ן פֿעלד. אַ הייזעריגע שטילע שטים האָט גערעדט אין איין אָטעם:

— אוי! אוי! זאָל מיך דער פּאַניטש אָבלאָזען... איך געה צום שיינקער קיין שומנע נעכטיגען... אוי, אַ פּסק! דער אַרבעס וואַקסט נעבען סאַמע וועג! פֿאַר וואָס זשע וואַקסט ער נעבען וועג? איך קען דעם טהייערע פּאַניטש׳ס טאַטען... זאָל אידם אַזוי גאָט העלפֿען, ווי איך ווינש אידם... זאָל ער זיך דערלעבען קויפֿען נאָך אַזאַ פֿערמע... זאָל אידם וואַקסען גאָלד אויף די פֿעלדער... זאָל ער, נו! זאָל ער אויסבאָוען הונדערט אַזוינע פֿיינע זיהן, ווי דער פּאַניטש איז.

אין דער פֿינסטערניש האָט מען זיעם אויסדרוק פֿון זיין פּנים ניט געקענט זעהען, אָבער ביי יעדע עטליכע ווערטער האָט ער זיך נידעריג אַ נייג געטהאָן. דער געזונטער שייגעץ אין דער קורצער סוערמענגע איז, קענטיג, שוין אָבגעקיהלט געוואָרען פֿון זיין כעס, אָדער אפֿשר איז ער בטבֿע ניט געווען קיין בייזער, וואָרום ער האָט זיך צעלאַכט אויף אַ קול.

— אַ פֿיינע ברכה! — האָט ער אויסגעשריען. — הונדערט זיהן! כוואָלט געוועהן שעהן, ווען איך וואָלט געהאַט ניין און ניינציג ברידער! נו, טריפֿה׳נע צורה, ס׳וועט ניט העלפֿען גאָר ניט, וועסט ביי מיר ניט פּועל׳ן קיין זאַך מיט דיינע ברכות! מאַרש! דו געה, און איך וועל דיר נאָכגעהן, ווי אַ סאָלדאַט אַן אַרעסטאַנט. צום טאַטען! וועסט האָבען דיין פּסק! איינס, צוויי, דריי, מאַרש!

נאָכמאַכענדיג, ווי עס טהוט א סאָלדאַט, האָט ער אַרויפגעלעגט דעם שטעקען אויף דעם אַקסעל און צוגעטרעטען צום יודען, וועלכער האָט מיט מאַטערניש, קרעכצענדיג, געשלעפּט דעם קלומעק אויף די פּלייצעס. דערזעהען, אַז דער שייגעץ איז פרעהליך, האָט דער יוד בעקומען מעהר מוט און אָנגעהויבען ריידען מיט אַ שטיל געלעכטערעל:

— נו, כ'וועל געהן, כ'וועל געהן! פּאַרוואָס זאָל איך ניט געהן? כ'קען אפשר ניט דעם פּאַניטש'ס טאַטען, וואָס? כ'וויים אפשר ניט, אַז ער וועט גדליה'ן קיין ביז ניט טהאָן? איך האָב דעם פּריץ איגנאַץ קאַרייבאָ נאָך געקענט, ווען ער האָט געלעבט אין קאַרייבע... אין זיין כבוד... איצט איז שוין פינף יאָהר, אַז ער האָט געקויפט די פּעדמע... זאָל דאָס איהם זיין מיט מזל! איך האָב פאַר איהם ניט מורא! ער איז אַ וואוילער פּריץ!

ער האָט אָבער יאָ מורא געהאַט—דאָס האָט מען געקענט דערקענען אָנ'ם ציטערען פון זיין קול און אַפילו אָן זיין שטיל געלעכטערל. ער האָט זיך ווידער געלאָזט געהן מיט אַנ'איינגעבויגענעם רוקען און אַראָבגעלאָזענע אויגען. זיין אָטעם איז געוואָרען הילכיגער, דאָס קול זעהר הייזעריג, עטליכע מאָל האָט ער זיך פערהוסט און אויסגעשפּיגען. זיין פּייניגער איז געגאַנגען הינטער איהם. באַלד זענען זיי ביידע דערגאַנגען צו דער אַלעע פון ווערבעס.

נאַ פּראַוואָ, מאַרש!—האָט געקאָמאַנדעוועט אויף סאָלדאַטסקען שטייגער דער שייגעץ—דעם בעל הבית'ס אַ זוהן.

דער געפאַנגענער האָט זיך הייזעריג צעלאַכט:

—כי, כי, כי, כי! ס'אַראַ פרעהליכער פּאַניטש! זאָל גאָט געבען דעם פּאַניטש געזונד!

— וועסט מיר ווינשעווען, ווען דער טאַטע וועט דיר אַראָברייסען פון די ביינער די קאַפּאָטע, וואַרט!

— כי, כי, כי, כי!

ער האָט זיך ווידער פערהוסט און געבליעבען אויף אַ ווײַלע שטעהן.

— נו, געה גיכער, אַניט גיב איך דיר אַ בענש אין קאַרק, אַז דו וועסט לויפען:

ער האָט אויפגעהויבען זיין קולאַק איבער דעם יודענס איינגעבויגענעם רוקען; געשלאָגען האָט ער איהם ניט, אַ שטיק צייט האָט ער איהם געשטראַשעט מיט אַ קלאַפּ.

אין די פינצטערע שאָטענס פון די ווערבעס האָט זיך געלאָזט הע־רען אַ לאַנגער זיפץ.

— אָך, אָך, אָך!

* *
*

דאָס הויז אין אינגאַנץ קאָרייבאָ׳ס פערמע איז ניט גרויס, עס איז בעדעקט מיט שטרוי און צעטהיילט מיט אַ פּאָרהויז אויף צוויי העלפט: אין איינער וואָהנען די אַרבייטער צוזאַמען מיט די היהנער און מיט די גענז, אין דער אַנדערער—דער בעל־הבית פון דער פערמע מיט זיין הויז־געזינד.

די טאָג־אַרבייט האָט זיך אָקאָרשט געענדיגט. אין דער שטוב פון די אַרבייטער האָט מען ביי אַ גרויסען פייער געקאָכט וועטשערע פאַר די פּאַראָבקעס, די פּאַסטוכער און די שיקסעס. ס׳האָט זיך געהערט דאָס רוישען פון גראָבע מענערשע שטימען. דאָס פערשייטע געלעכטער פין די שיקסעס, צייטענווייז האָט זיך אַריינגעמישט דאָס פרעהליכע בילען פון אַ הונד אָדער דאָס דערשראָקענע קוואָקען פון די היהנער, וועלכע האָבען זיך איינגעכאַפּט מחמת דעם ליכט און די קולות און האָבען זיך גע־פּאָרקעט אין זייערע נעסטער הינטער דעם אויבען. אין דער צווייטער זייט פון דעם פּאָרהויז, וואו די שטוב איז געווען גרים, די פּאַדלאָגע געמאַכט פון ברעטער, די ווענד אויסגעקאַלכט און די סטעליע אַ ביסעל פערדרוי־כערט, האָט אויך געברענט אַ פייער, אָבער ניט אין אַזאַ אומגעלומפּערטען אויווען, ווי ביי די אַרבייטער, נאָר אין אַ ברייטען טיעפען קאַמין. ביי׳ם פייער האָט זיך עפּעס געקאָכט אין אַ היבשען טאָפּ; דער העלער שיין פון דעם פלאַם איז געפאַלען אויף די בילדער פון היילינע, וואָס זענען געהאַנגען אַרום און אַרום, אויף די רויטע בּינק, די טישען און די שטוהלען, אויף אַ וועב־שטוהל, וואָס האָט פערנומען אַ ווינקעל פון שטוב; חוץ אַני־אָפענער טהיר האָט מען אינ׳ם צווייטען צימער געקענט זעהען ביי׳ם שיין פונ׳ם פייער די אונקלאָרע פאָרמען פון אַ פּאָר שעהן פערבעטע בעטען, עטליכע קאַסטענס, בעשלאָגענע מיט אייזען, עטליכע זעק, אָנגעשטאָפּט מיט וואָל אָדער מיט מעהל, אַ גאַנצע רייה קישען, קערב, פּאַסמעס פאָדים און אויך עטליכע היילינע בילדער, וועלכע זענען געהאַנגען אויף די ווענד.

דער צווייטער צימער האָט געדינט אי צום שלאָפֿען, אי פֿאַר אַ שפּייַזלער; אין דעם ערשטען האָט מען געקאָכט און געגעסען.

איגנאַץ קאָרייבאַ איז ערשט פֿריהער מיט אַ פֿיערטעל שעה געקומען פֿון דעם פֿעלד, וואו ער האָט צוזאַמען מיט די שקצים געלעגט גערשטען אויף די וועגען. איצט האָט ער אויסגעטהאָן, מחמת דער היץ, זייַן סורדוט און איז געזעסען בייַ'ם טיש אין אַ לייַנוואַנטענעם קאַמזויל. אויפ'ן טיש האָט געשמעקט אַ לאַבען ראָזעווע ברויט, געשטאַנען פֿאַיאַנסענע טעלער און געלעגען צינערנע לעפֿעל. קאָרייבאַ איז געווען אַ נידעריגער, אַנ'איזען, מיט ברייטע פּלייצעס, מיט אַ פּנים אַ קיילעכדיגען ווי אַ לבנה אין מיטען חודש, און מיט האַלב-גראָהע האָר קורץ געשאָרענע, אויפ'ן קאָפּ. די הויט אויפ'ן פּנים און אויפ'ן האַלז איז געווען אַזוי אָבגעברענט פֿון דער זון, אַז זי איז אַזש געווען טונקעל רויט, דער שטערען פֿול מיט קנייטשען און די הענד גראָבע, מיט דיקע מגושם'דיגע פֿינגער—דאָס אַלעס איז אַ סימן, אַז אָט די קליינע, נאָר פֿרוכטבאַרע פֿערמע איז איהם אָנגעקומען ניט אַזוי גרינג, אַז ער האָט געמוזט האָרעווען מיט'ן בלוטיגען שווייס און אויסשטעהן אַלערליי יסורים. פֿונדעסטוועגען איז די גאַנצע פֿיגור פֿון דעם אויפֿגעקומענעם גוטס-בעזיצער געווען פֿול מיט אונגעוועהנליכער קראַפֿט און געזונדקייט, און פֿונ'ם פּנים האָט זיך ממש געגאָסען אַ גראָבע פֿרעהליכקייט און אַ צופֿרידענהייט מיט זיך אַליין און מיט אַלצדינג, וואָס ער האָט דערגרייכט.

גאַנץ אַנדערש האָט אויסגעזעהן דער עקאָנאָם פֿון שומנע, וועלכער איז אויך געזעסען בייַ'ם טיש. דאָס איז געווען אַ מענש אין די מיטעלע יאָהרען, אַ הויכער און אַ דאַרער, מיט לאַנגע פֿיס און אַ לאַנגען פּנים, מיט לויפֿענדיגע אויגעלעך און מיט צוויי געדיכטע וואָנסעס, ווי שוואַרצע בערשטלעך, איבער די כיטרע ליפּען. אָנגעטהאָן איז ער געווען אין אַ שוואַרצען סורדוט, אַרום האַלז אַ רויטער שליפּס. אַלע האָבען געוואוסט, אַז ער איז וועהר אַ פּוסטער מענש, ער איז אָבער געווען קלוג און איבערגעשפּיצט אין פֿון אַלצדינג אויף דער וועלט פֿלעגט ער מאַכען חוזק. פֿאָהרענדיג היינט פֿונ'ם נאָהענטען דערפֿעל, וואו ער האָט געדונגען אַרבייטער, האָט ער צוגעבונדען דאָס פֿעטע פֿערדעל צום פּאַרקאַן און איז אַרייַן צו די קאָרייבאַ'ס—מעשה שכן, שמועסען אַ ביסעל און אַגב עסען אַ פּאָר יונגע קאַרטאָפֿליעס, פֿון חי וואָס האָבען זיך גראָה געקאָכט בייַ'ם פֿייַער. ריידענדיג מיט'ן אַלטען קאָרייבאַ וועגען דער תבואה, האָט ער כסדר געכאַפּט מיט די לויפֿענדיגע אויגעלעך אַ קוק אויף די יונגענקע קאָריי-

באַ'ם טעכטערל, וועלכע איז ערשט אַלט געווען פופצעהן יאָהר, נאָר צוליעב וועלכער ס'האָט שוין ניט איין גאַסט געפונען אַהער דעם וועג; דער עקאָנאָם איז איהר אָבער, קענטיג, ניט געווען צום האַרצען.

דאָס האַלב דערוואַקסענע מיידעל איז געווען אָנגעטהאָן אין אַ קלייד פון פערקאַל, וועלכעס האָט ניט פערדעקט ניט איהרע באָרוויסע פיס, ניט איהר גאַקעטען האַלז; זי איז געשטאַנען נעבען פייער, מיט'ן פראָפיל צו דעם עקאָנאָם, און געפיהרט מיט אַ פינגער איבער דעם שאָרסטקע ווענטעל פונ'ם קאַמין. דאָס פייער האָט געוואָרפען אַ גאָלדענעם שיין אויף איהר פנימ'ל, וואָס האָט אויסגעזעהן ווי אַ רויט עפּעלע, עס האָט אַריינגעקוקט אין איהרע גראָהע אויגען און צוגליהט די רויטע פאַרב פונ'ם סטיינגעלע, וואָס האָט אַרומגענומען איהרע גאָלדפאַרביגע, נאַכלעסיג פערקעמטע האָר.

אינ'ם שיין פון דעם זעלביגען פייער איז געשטאַנען אויך קאָרייבאַ'ס ווייב, אַלטונג געבענדיג אויף די טעפליך און ניט אַריינמישענדיג זיך אינ'ם שמועס פון די מאַנסבילען. דאָס איז געווען אַ הויכע, ביינערדיגע פרוי, מיט אַזאַ צעקנייטשטען שטערען, ווי ביי איהר מאַן, און מיט אַזוינע גראָבע הענד, ווי ביי איהם, נאָר ניט אַזאַ געזונטע און אַ שטאַרקע; פערקעהרט, זי איז אפשר גאָר געווען אַ ביסעל קראַנק, אפשר גאָר פערשריען, ניט איבעריג קלוג, שטענדיג מיט אַנ'אָפענעם מויל. אַ סך יאָהרען האָט זי געהאָרעוועט אין שטוב און אויפ'ן פעלד, אַ סך קינדער געבוירען, אויסגעהאָדעוועט און בעגראָבען אויפ'ן דאָרפישען בית=עולם. פון אַלע קינדער זענען ביי איהר אויסגעוואַקסען נאָר דריי: אָט דאָס יונגע מיידעל, וואָס פיהרט מיט אַ פינגער איבער דעם ווענטעל פונ'ם קאַמין, און נאָך צוויי זיהן.

וועגען די זיהן האָט דאָס איצט קאָרייבאַ געפיהרט אַ שמועס מיט זיין גאַסט. ער האָט געהאַט אַ שווערע זאָרג. סטעפאַן, וועלכער היט איצט אין פעלד די קאַרטאָפליעס און דעם אַרבעס, איז היינטיגען פעטער און פאַול *) געוואָרען צוואַנציג יאָהר. נאָך אַ יאָהר—מוז ער געהן דיענען! און ווי וועט ער זיך בעגעהן אין בעל=הבית'ישקייט אָהן דעם זוהן? ער ווערט שוין אַלט—וועט דאָס איהם זיין ניט אַזוי גרינג. און אַזוי פיעל יאָהרע! ווען סטעפאַן איז געווען אַ קינד, איז זיי נאָך ניט געגאַנגען אַזוי גוט, ווי איצט. האָט ער זיך געלערנט לייענען און שרייבען אין דער היים

*) אַזאַ יום=טוב ביי קריסטען.

און איז ניט געגאַנגען אין קיין שקאָלע. איצט האָט ער ניט קיין שום לגאָטע. אויף זעקס יאָהר וועט ער אַוועק אין סאָלדאַטען.—אפשר וועלען מיר איהם שוין גאָר ניט דערלעבען זעהן... ס׳קען זיך טרעפען אַ מלחמה... און דאָ וועט דערווייל פעהלען דעם טאַטען זיין רעכטע האַנד...

די קאָריבעכע האָט זיך איבערגעדרעהט מיט׳ן פנים צום פענסטער און אַ פיהר געטהאָן מיט זקעם אַרבעל פונ׳ם העמד איבער די אויגען. דער שומנער עקאָנאָם האָט מיט אַ דים קול׳כעל געפרעגט זיין שוועסטער (*:inspe

— ט, און יאַנעק? דער וועט שוין געווים פערשפאָרען דיענען, ווען ער וועט ענדיגען די שקאָלע?

אויף דעם רויטען פנים פונ׳ם אַלטען האָט ווי אַ זונען=שטראַהל אַ לייכט געגעבען.

— יאַנעק, זאָגט איהר! אָהאָ! ער וועט אויך געהן, געווים וועט ער געהן... אָבער ניט אין סאָלדאַטען... אין אַדוואָקאַטען... כאַ, כאַ, כאַ! אַנ׳אַייזערנעם קאָפ האָט ער, העֶר שנעק, אַז דער איבערשטער זאָל היטען, און צו די ביכלעך ציהט עס איהם, ווי אַ יודען צום חומש. „איך וויל זאָגט ער, ווען איך וועל ענדיגען די שקאָלע, אַריין אין אוניווערזיטעט טאַטע!“ „פאָהר, זאָג איך, אַדרבא, לערען זיך; וועסטו ווערען קיסר“. מאַכט ער: „ניט קיסר, טאַטע, נאָר אַדוואָקאַט!“ זאָל זיין אַזוי, איב דו ווילסט! זאָל כאָטש איינער פון די קאָריבעס ווערען אַ מענש. אַ דאַנק דעם איבערשטען! אויף צו לערנען דעם זוהן וועט מיר קלעקען... כטעפעק׳ן האָב איך ניט געלערענט. וואָס האָב איך געקענט טהאָן? געווען שלעכטע צייטען. דערפאַר, אַז ער וועט ענדיגען בשלום די כלוזשבע, וועט ער בעקומען מעהר ערד... אַזוי וועט עס זיין ריכטיג... איך וויל קיינעם פון מיינע קינדער ניט קריוודען און וועל אַלעמען געבען גלייך, אַלע דריי צעטהיילען גלייכע חלקים... ביי מיר איז אַ מיידעל אויך אַנ׳אייגען קינד, ווי דען! זי וועט האָבען פונקט אַזוי פיעל ווי די ברידער... אָט!

פאַראַן וואונדערבאַרע פיזיאָלאָגישע ערשיינונגען: ווען דער שומנער עקאָנאָם האָט דערהערט, אַז דער אַלטער קאָריבאַ וויל צעטהיילען זיין מאַיאָנטעק אויף גלייך צווישען אַלע דריי קינדער, האָבען זיינע רויטע אוי=

---

*) inspe („אין ספק“) — בוכשטעבליך: אין דער האָפנונג. מיט אָט דעם לאַטיינישען אויסדריק בעצייכענט מען דאָס, וואָס מען ערוואַרטעט, אויף וואָס מען ריכט זיך.

ערען, וועלכע כטארטשען צווישען די שווארצע האר, זיך אזוי לעבהאפט א ריהר געגעבען, אז יעדערער האט דאס געקענט בעמערקען. זיינע לויפענדיגע אויגעלעך זענען פול געוואָרען מיט פוטער און האָניג און האָבען זיך איבערגעדרעהט צום מיידעל, וואס איז געשטאנען ביי'ם פייער. פלוצלונג דערהערט אין טהיר א טעמפער קנאַק און צוויי יונגע שטימען האָבען אלטער קאָרייבא האט אוש געעפענט מיט פערוואונדערונג די אויגען:

— פאניע יאדוויגע, לאָמיר שפיעלען אין טרעפעניש *).

דאס איז געווען זעהר א בעקוועמער מיטעל, צו פערפיהרען א שמועס מיט דעם יונגען בעשעפעניש. דאס מיידעל האט אבער ניט געענטפערט, ווי דער שטייגער איז, מיט א פראגע: וואס פאר א קאָליער? פערקעהרט, זי האט זיך איבגעריסען פון איהר אָרט ווי א וויכער, אוועק צו דער טהיר און שוין געזאָלט ארויס פון דער שטוב, האט זיך אבער פלוצלונג דערהערט אין טהיר א טעמפער קנאַק און צוויי יונגע שטימען האָבען ארויסגעזעצט א קלינגענדיגען געלעכטער. דער קנאַק האט זיך גענומען דערפון, וואס ס'האָבען זיך צוזאמענגעשטויסען צוויי יונגע קעפ, און געווען איז ער אזוי שטאַרק, אז כ'האָט אוש א הילך געטהאָן אין שטוב. מילא, כ'מאַכט ניט אויס! דאס מיידעל האט זיך געהאלטען ביי'ם שטערען און אזוי געלאַכט, אז זי האט אוש ניט געקענט איינשטעהן אויף די פיס, געלאַכט האט אויך דער זעכצעניאָהריגער בחור'ל, וועלכער איז אריין אין שטוב אנגעטהאָן אין א ליינוואנדענער בלוזע און מיט א ביקס אויף די פלייצעס; מיט איין האַנד האט ער ארויסגעריסען פינ'ם קאָפּ דאס פאָרמענע היטעל מיט'ן הערב, און מיט דער אנדערער א וואָרף געטהאָן אויפ'ן טיש צוויי געשאָסענע פייגלען. נאָך איהם איז אריין א הונד—האלב יאגדהונד, האלב געוועהנליכער דאָרפס־הונד—און זיך אָנגעהויבען דרעהען מיט א פרעהליכען בילען איבער'ן שטוב; געווען איז ער אזוי פערבלאָטיגט, אז כ'איז שווער געווען צו דערקענען זיין קאָליער. אָן דעם יונגעלס קליידער האט מען געקענט דערקענען, אז ער האט זיך אָקאָרשט אומגעקעהרט פון דער יאַגד; זיינע שטיוועל זענען געווען פערבלאָטיגט, די קליידער אָנגעזאַפט מיט דער פייכטקייט פון די נאַסע לאָנקעס. אויף זיין פנים,

---

*) אזא פוילישע שפיעל. איינער פערטראַכט א נאָמען פון א מענשען און דערביי א געווויסען קאָליער. דער אנדערער דארף טרעפען דעם קאָליער, טרעפט ער איהם, האט ער דערמיט געטראָפען דעם נאָמען פון זיין צוקונפטיגער כלה (אָדער חתן, ווען מען שפיעלט מיט א מיידעל).

וואָס איז געווען פּונקט אַזוי קיילעכדיג און קליין, ווי ביי דער שוועסטער, נאָר אַ ביסעל מאָגערער, זענען געשטאַנען גרויסע טראָפּענס שווייס און ס'האָט געשיינט די פרייד פון נצחון. דאָס האָט דער פאָטער צום ערשטען מאָל איהם ערלויבט אין דער צייט פון קאַניקול אַראָבנעהמען די ביקס פון דער וואַנד און געהן אויף יאַגד.

און ער האָט דאָס איצט דערשאָסען צוויי בעקאַסען! *) צוליעב דעם טהייערן תכשיט האָבען אַלע אין שטוב בעקומען גרויס התפעלות. דער פאָטער האָט געטאַפּט און געקוועטשט די פייגלען מיט זיינע גראָבע הענד.

— פּעטע, אויף מיין וואָרט, דיקע, ווי בעגאָסען מיט שמאַלץ; זעהט נאָר, ווי דער שנעק שיסט אַ ביסעל... כאַ, כאַ, כאַ!

און ער האָט געלאַכט אויפ'ן פולען האַלז, און דער עקאָנאָם פון שכנע האָט איהם אונטערגעהאַלטען מיט זיין באַס-שטים, און האָט אַלץ כסדר געפרעגט ביי יאַנעק'ן, וואו איז ער געווען, אויף וועלכע לאָנקעס, נע'עצה'ט איבערקלייבען בעסערע מקומות, פערשפּראָכען לייהען זיין הונד, אַנ'אמת'ן, „אויף עהרען-וואָרט“, אַנ'אמת'ן יאַגד-הונד, אַ פּאָינטער **).

די קאָרייבעכע האָט אַראָבגענומען ביי'ם זוהן די ביקס פון די פּלייצעס און האָט איהם אויסגעווישט דעם שווייס מיט איהר פאַרטוך. יאַדוויגע, וועלכע האָט נאָך ניט אינגאַנצען אויפגעהערט לאַכען, האָט זיך גענומען פּאָרען מיט'ן טעפּעל ביי'ם פייער. דער יונגער יעגער איז אַרויסגעגאַנגען באַלד נאָך מיטאָג און איז מסתמא געווען הונגעריג.

אויפ'ן טיש האָבען זיך באַלד בעוויזען פולע טעלער מיט זויער-מילך און אַ גרויסע שיסעל מיט קאַרטאָפליעס, בעגאָסען מיט געפּרעגעלטער חזיר-שמאַלץ. העי! ס'אַראַ פרעהליכקייט ס'איז געוואָרען אין שטוב! און ווי ליכטיג:

דאָס פייער אין קאַמין האָט כסדר געברענט מיט אַ ברייטען פלאַם, און די קאָרייבעכע האָט נאָך דערצו אַוועקגעשטעלט אויפ'ן טיש אַ ליכט אין אַ מעשענעם לייכטער. לכבוד דעם גאַסט האָט מען אַרויסגענומען פון דער שאַפע צינערנע לעפעל — האָבען זיי געבלאַנקט, ווי זילבערנע, קלינגענדיג אָן די פאַיאַנסענע טעלער און שעפענדיג זויער-מילך מיט אַ דיקען הייטעל פון ראָזע סמעטענע אויבען.

---

*) אַזוינע וואַלד-פייגלען.

**) אַזאַ סאָרט הונד.

קאַרייבע האָט געטרונקען מיט׳ן שכן היימישע ווישניק. די קאַרייבעכע האָט מיט אַ ברייטען שמייכעל אונטערגעטראָגען און אונטערגעלעגט אין די טעלער דעם גאַסט און די קינדער. דער עקאָנאָם פון שומנע האָט כסדר גע־ווישט פון זיינע וואָנסעס די זויער־מילך, דערביי האָט מען געקענט זעהן דאָס גאָלדענע פינגערל אויף זיין פינגער. ער האָט געוואָרפען האָניג־זיסע בליקען אויף יאַדוויסיען, וועלכע איז געשטאַנען מיט די קניה אויף דער באַנק, דעם איבערשטען האַלבען קערפער אַרויפגעלעגט אויפ׳ן טיש, און געגעסען פון איין טעלער מיט׳ן ברודער, קלאַפענדיג צום טאַקט מיט די באָרוויסע פיס אויפ׳ן ראַנד פון דער באַנק. זי איז געווען אַזוי אויפ־געלעגט, אַז זי האָט אַפילו אָבגעענטפערט מיט האַלב־ברוגז׳ע ווערטלעך אויף די רייד פון דעם מאוס׳ען עקאָנאָם.

-- עפיס איז די פאַננאַ יאַדוויגאַ היינט ברוגז.

— איך בין גאָר ניט ברוגז, נאָר דעם פאַן טאָמקעוויטש דאַכט זיך דאָס אַזוי.

— ווייסט דען ניט די פאַננאַ יאַדוויגאַ, אַז כעס שאַדט צו שעהנ־קייט...?

— טאָ זאָל פאַן טאָמקעוויטש קיינמאָל ניט זיין אין כעס, וואָרום ער וועט אָנווערען זיין חן...

— הייסט עס, אַז אין דער פאַננאַ׳ס אויגען האָב איך יאָ חן...?

אַלע האָבען געלאַכט, עסענדיג, און נאָר יאַנעק האָט זיך גאָר ניט אומגעקוקט אויף דעם שמועס צווישען טאָמקעוויטש׳ן און זיין שוועסטער; ער האָט אַלץ כסדר דערצעהלט פון דער היינטיגער יאַגד. זיין קלינ־גענדיגע, דינע האַלב־קינדערשע שטימע האָט פערהילכט אַלע איבעריגע. ער האָט געגעסען, געמאַכט מיט די הענד און דערצעהלט אין איין אָטעם. דערהויפט האָט ער זיך געווענדט מיט די מעשיות צום פאָטער, וועלכער האָט געהאַט פולע באַקען אָנגעשטאָפט מיט קאַרטאָפליעס און דאָס פנים האָט ביי איהם געשיינט פאַר היץ און פאַר נחת.

— פלוצלונג, איך זעה... טרעזאָר שטעהט... היט!—שריי איך.— ער שטעהט ווי איינגעגראָבען! די ביקס צום אויג... איך נעה... ווייטער!— דאָג איך... טרעזאָר געהט ווייטער! געה זשע! אַ פויגעל פליהט! פיף, פאַף!... אַראָבגעפאַלען...

טרעזאָר, הערענדיג זיין נאָמען, איז אַרומגעלאָפען אַרום טיש און פרעהליך געבולען. מ׳האָט איהם געגעבען אַ טעלער זויער־מילך.

— כאַ, כאַ, כאַ, כאַ!—האָט זיך צוגאָסען איבער׳ן גאַנצען שטוב

קאָרייבע׳ס געלעכטער.—ווי דער שנעק טויג דיר אָבער צו אַלצדינג: אי צו די ביכלעך, אי צום ביקס... זאָלסט זיך נאָר אַליין ניט דערשיסען,סמאַרק איינער...

אין דער מינוט האָט זיך געעפענט די טהיר און, געשטופּט פון עמיצענס האַנד, איז אַריינגעפאַלען אין שטוב אַריין אַ מענש אין אַ לאַנגער צעריסענער קאַפּאָטע, אין שיך, ווייסע פון שטויב, מיט אַ קלומעק איוף די פּלייצעס און מיט אַ שטעקען און אַ היטעל אין די הענד. צו האָט מען איהם אַזוי שטאַרק אַ שטופּ געטהאָן, צו איז ער אַליין געווען זעהר שוואַך, נאָר ער האָט זיך אָנגעהויבען וואַקלען, ווי אַ שכור׳ער, און איז ערשט דאַן געבליעבען שטעהן, ווען ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט מיט דער האַנד אָן וואַנד; ער איז געבליעבען שטעהן צווישען דער טהיר און דעם קאַמין, אַ ביסעל אין שאָטען, אַנ׳איינגעהויקערטער אונטער זיין משא, און האָט אַרויסגעשטעקט זיין קאָפּ אַנטקעגען דעם גאָלדענעם ליכט פון׳ם פייער.

די גאַנצע מאָגערע פיגור, אָנגעטהאָן אין צעריסענע קליידער, מיט אַ משא איוף די פּלייצעס, מיט אַ שטעקען אין האַנד, מיט צעשויבערטע האָר און מיט אַ פּנים, וועלכער האָט אויסגעזעהן ווי געלבליכער פּאַרמעט איבערגעצויגען איבער די בולט׳ע קינבאַקען,—די גאַנצע פיגור, ווי זי איז געשטאַנען און האָט זיך הכנעה׳דיג געניגט אינמיטען דער פרעהליכער, ליכטיגער שטוב, פאַר די שטאַרקע, צופריעדענע מענשען מיט געזונדע אָבגעברענטע פּנימ׳ער, מיט אַ סך פלייש און אַ סך שמאַלץ איוף די קרעפּטיגע ביינער, מיט אַ הילכיגען, לעבעדיגען, קלינגענדיגען געלעכטער, האָט אויסגעזעהן ווי דער מלאך פון צער, וועלכער איז פּלוצלונג אויסגעוואַקסען פון דער ערד.

— גאָט איז מיט אונז...—האָט אָנגעהויבען די קאָרייבעכע אויפהויבענדיג די האַנד צו דעם שטערען.

— שמע ישראל!—האָט טאָמקעוויטש אויסגעשריען מיט אַ שפּאָטישען געלעכטערל.

— יעזוס, מאַריאַ!—האָט יאַדוויסיע אַ קרעכץ געטהאָן און האָט בעהאַלטען די אויגען הינטער׳ן העם ברודערס רוקען. יאַנעק האָט אַוועקגעלעגט דעם לעפעל איפּ׳ן טעלער און האָט אַריינגעשפּאַרט זיינע לעבעדיגע שטיפערישע אויגען אין די איינגעפאַלענע גלאַנצענדיגע אויגען פון׳ם יודען, וועלכע זענען געווען איבערראַשט און פערבלענדעט פון דער ליכטיגקייט.

צום טיש איז מיט ברייטע טריט צוגעגאַנגען אַ קרעפּטיגער יאָדער־דיגער שייגעץ אין אַ קורצער הערמענגע און הויכע שטיוועל. דאָס איז געווען אַ לעבעדיגער פּאָטרעט פֿון זיין פֿאָטער. מסתמא האָט פּונקט אַזוי אויסגעזעהן דער אַלטער קאָרייבאַ פֿריהער מיט יאָהרען. דעם בחור'ס בלאָהע אויגען האָבען געבלישטשעט; דער ווייסער שטערען האָט אויסגעזעהן נאָך ווייסער אין פֿערגלייך מיט דעם ברוין־אָבגעברענטען פּנים; האָר האָט ער געהאַט בלאָנד־גאָלדענע, ווי די שוועסטער, און הענד פֿערגרעבטע פֿון דער אַרבייט אין פֿעלד, ווי זיין פֿאָטער און זיין מוטער. נאַכלעסיג האָט ער אַ שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ אין דער זייט פֿון דעם עקאָנאָם און האָט זיך אַוועקגעשטעלט פֿאַר'ן פֿאָטער.

— אַ גנב געכאַפּט, טאַטע... ער האָט געפֿרעסען אונזער אַרבעס, אַז מ'האָט איהם אַזש געקנאַקט הינטער די אויערען, און אָפֿשר האָט ער אָנגענומען פֿולע קעשענעס אויך. טהו מיט איהם, וואָס דו ווילסט. זיי איהם מקים פּסוק. איך האָב מיינס געטהאָן.

ער האָט נאָך ניט געענדיגט רעדען, האָט איהם די מוטער שוין אַריינגעשטופּט אין דער האַנד אַריין אַ טעלער מיט קאַרטאָפֿליעס און גרי־ווען, און איגנאַץ קאָרייבאַ האָט זיך אונטערגעהויבען אַ ביסעל פֿון דער באַנק און אַזאַ קנאַק געטהאָן מיט'ן קולאַק אָן טיש, אַז די טעלער אין די לעפֿעל זענען אַזש אונטערגעשפּרונגען. אויפֿ'ן נידעריגען, קנייטשיגען שטערען פֿונ'ם אַלטען האָבען די אָדערן זיך אָנגעבלאָזען, ווי בלאָהע שניר־לעך. די אויגען האָבען אָנגעהויבען פֿלאַמען, די באַקען געוואָרען רויט, ווי פֿייער. מ'האָט געזעהן אָן איהם, אַז זיין כעס קען זיין שרעקליך.

— אַ, דו הונט פֿאַרשיווער! וועסט מיר מאַכען אַ תל פֿון מיין בלו־טיגער פּראַצע!

דער געשריי האָט דערמאָנט אָנ'ם ברום פֿון אַ לייב, בשעת סטע־פּאַנ'ס קול איז געווען גלייך צו דעם מרוקען פֿון אַ יונגען בער. כאָטש זיי זענען שוין רייך געוואָרען, האָבען פֿונדעסטוועגען ביידע, אי דער טאַטע, אי דער זוהן, נאָך אַליין געאַקערט, געזייהט, געקאָסעט; האָבען זיי געהיט זייער פּראַצע, ווי אַ וואָלף היט דעם ביסען, וואָס איז איהם אָנגעקומען מיט שווערער מיה. פּלוצלונג האָט אָבער דער אַלטער קאָרייבאַ אויפֿ־געהערט שרייען און פֿערשטעלענדיג די אויגען מיט דער האַנד, ווי עס טהוען געוועהנליך קורצזיכטיגע, האָט ער זיך גענומען איינקוקען אינ'ם געפֿאַנגענעם.

— וואס איז דאס?—האט ער געפרעגט—גדליה, צו וואס? דאס ביזטו גדליה פון וואלפע? זאג זשע, נו! ביזט שטום געווארען?

דער ייד האט א פאר מאל געמאכט מיט די ליפען און ערשט שפעטער מיט עטליכע סעקונדען האט ער ארויסגעשטאמעלט, פערביגענדיג זיך זעהר ניעדעריג פארן פריץ:

— גדליה! טהייערער פריץ! איך... גדליה פון וואלפע... דער אייגענער, וואס דער פריץ פלעגט ביי איהם אמאל קויפען זאלץ און אייזענווארג... דער אייגענער, וואס האט געהאט די בריקע און די פאר פערד... וואס דער פריץ ווייסט... אוי...

ער איז א ביסעל געקומען צו זיך פון שרעק און האט טרויעריג געשאקעלט מיט דעם קאפ. קארייבא האט איהם, קענטיג, גוט דערקענט, ווארום ער האט זיך, סאפענדיג, ווידער אראבגעלאזען אויף דער באנק און נאך אלץ מיט כעס, אבער שוין א ביסעל גלאסענער, אויסגעברומט:

— א שעהנער תכלית פון דיר געווארען... גאר א גנב, וואס נעהמט ארום און לקח'נט אויף פרעמדע פעלדער...

דער ייד האט מיט זיין מאגערער האנד זיך א קלאפ געטהאן אין הארצען.

— טהייערער פריץ! איך האב נישט גע'גנב'עט... זאל מיך גאט שטראפען, אויב איך האב גע'גנב'עט! זאל איך ניט דערלעבען מארגענדיגען טאג...

— וואס דען האסטו געטהאן?—איז צוגעשפרונגען צו איהם סטעפאן, האלטענדיג איין האנד דעם טעלער און מיט דער אנדערער מאכענדיג א קולאק.—וואס דען האסטו געטהאן, טריפה'נע פארצע דו, ווען איך האב דיך געכאפט ביי'ם ארבעס? הא?

— נו! האט קיין פאראיבעל ניט!... זאל אויף מיר דער טייערער פאניטש ניט זיין ברוגז... איך האב דעם ארבעס ניט גע'גנב'עט...

— וואס דען האסטו געטהאן?—האט קארייבא זיך ווידער אנגעצונדען.

טאבקעוויטש, וועלכער האט געקוקט אויפ'ן יודען מיט אן'אייגעהאלטענעם עקעל, האט זיך אנגעהויבען וויצלען:

— ער האט מסתמא געקוקט, צו עס וואקסען ניט אינ'ם ארבעס קיין קערבלעך...

דער ייד האט שטיל ארויסגערעדט:

— איך האב איהם געגעסען... דאס איז אמת...

קאָרייבאַ האָט ווידער גענומען שרייען:

— וואָס מיינסטו דיר, איך זייה אומישנע דעם אַרבעס, כדי יעדער שלעפּער זאָל אידם פרעסען, וואָס? וואַרט איס... איך וועל עס דיר ניט שיינקען... בעצאָהל, אַניט וועל איך דיר שלעפען צום מיראָוואָי...

דער יוד האָט נאָך אַמאָל זיך נידעריג פערנויגט.

— אוי!—האָט ער געקרעכצט,—זאָל דער פּריץ לעבען און געזונד זיין הונדערט און צוואַנציג יאָהר... וואָס וועט ער זיך אָנהויבען מיט אַזאַ אָרימאַן, ווי איך... איך בין געגאַנגען קיין שומנע אויף נאַכט-לעגער און האָב בעגעגענט דעם אַרבעס... ער וואַקסט ביי'ם וועג! צו וואָס וואַקסט ער ביי'ם כאַמע וועג? אוי! כ'האָב דען אַסך געגעסען! אַקאַפּעטשקע...

טאָמקעוויטש, וועלכער האָט, קענטיג, געוואָלט נושא חן זיין ביי דער געליעבטער מיט זיינע וויצען, האָט שקצ'עוואַטע אַוואונק געטהאָן צו יאַדוויגיע מיט אַנ'אויגעל און האָט אויסגעשריען מיט אַגראָבען נעלעכטער:

— הער נאָר יוד! איך שווער ביי וואָס הייליג איז, אַז אייער אמונה ערלויבט אייך נאָר ניט קיין גרויסע גנבות, אָבער אַקאַפּעטשקע יאָ! האַ, וואָס?

דער יוד האָט עפּיס מאָדנע אַגלאַנץ געטהאָן אויפ'ן עקאָנאָם מיט זיינע אויגען און האָט אַווײַלע געשוויגען מיט פעסט געשלאָסענע ליפּען. נאָכדעם האָט ער אָבגעענטפערט, קוקענדיג צו דער ערד:

— וואָס איז דאָ שייך די אמונה? זי ערלויבט קיינעם ניט גנב'נען.

און נאָך שטילער האָט ער געענדיגט.

— איך בין געווען הונגעריג...

— אַז דו ביזט געווען הונגעריג, האָסטו געזאָלט בעטען, ניט גענעמען אָהן אַערלויבניש...—האָט ווידער אָנגעהויבען קאָרייבאַ.

נאָר טאָמקעוויטש האָט אידם איבערגעריסען די רייד, נאָכמאַכענדיג דעם יודישען אַקצענט:

— און וואָס וועט זיין, אויב דער אַרבעס איז גאָר געווען טריף?

גדליה'ס געלע באַקען האָבען זיך אונרוהיג בעוועגט; קענטיג, טאָמקעוויטש האָט אָנגערידהרט אַשמערצליכען פּונקט אין זיין נשמה. ער האָט געקוקט צו דער ערד און געטראַכט, קנייטשענדיג דעם פערוועלקטען שטערען אונטער די אַראָבהענגענדיגע האַלב-גראָהע האָר. פּלוצלונג האָט ער זיך אויסגעגלייכט אויף אַזוי פיעל, אויף וויפיעל ס'האָט אידם ערלויבט דער קלומעק אויף די פּלייצעס, אויסגעשפּרייט די הענד מיט אַזאַ בעוועגונג,

ווי איינער איז זיך פֿון עפּיס מיאוש און פּועל׳ט ביי זיך עפּיס אויף זי־כֿער, נאָכֿדעם האָט ער אויפֿגעהויבען די אויגען צו דער סטעליע און צום ערשטען מאָל, זינט ער איז אַריין, האָט ער אויסגעשריען הויך און פֿעסט:

— אַי, אַי! ווען אַפֿילו דער רבֿ וואָלט געגאַנגען נעבען דעם אַרבעס, וואָלט ער אויך געגעסען אַ ביסעל... אַזאַ אַרבעס!...

אין דעם אויסגעשריי איז געווען אַזוי פֿיעל התפּעלות, אַזוי פֿעסט האָט זיך דער הונגעריגער מאָגען אָנגענומען פֿאַר׳ן געשמאַקען אַרבעס, אַז קיינער אין שטוב האָט זיך ניט צעלאַכֿט; פֿערקעהרט, דער אַלטער קאָריבאַ און זיינע צוויי זיהן זענען אַ ביסעל געוואָרען אומעטיג. איין טאָמ־קעוויטש האָט נאָך חשק געהאַט צו שיטען מיט זיינע וויצען, נאָר ער האָט זיך איינגעהאַלטען, ווארום ער האָט דערזעהן, אַז דאָס מיידעל איז אַראָב פֿון דער באַנק און, שטעהענדיג ביי׳ם קאַמין, געקוקט אויף דעם יודען מיט איהרע גרויסע גראָהע אויגען זעהר נייגעריג און ערנסט.

— זעהט נאָר! — האָט זיך אָנגערופֿען אַ ביסעל שפּעטער דער בעל־הבית—אַזוי אָרים ביזטו געוואָרען, גדליה׳קע! שוין אַ סך־הכל פֿון אַ יאָהר צעהן, אַז איך האָב דיך ניט געזעהן; נאָר איך געדענק, ווען איך פֿלעג נאָך זיין אַנ׳אָפּטער גאַסט אין וואָלפֿע איז דיר געגאַנגען גאַנ׳ץ גוט...

— כ׳בין אָרים געוואָרען, פּאַניע, אָרים געוואָרען...

טאָמקעוויטש האָט זיך שוין ניט געקענט איינהאַלטען.

— דאָס איז פּונקט אַזאַ אמת, ווי ס׳איז אמת, אַז אַ בלינדער גנבֿ׳ט ביי אַ נאַקעטען! ער—אַנ׳אָרימער? ס׳איז דען דאָ צווישען זיי אָרימע? זיי זענען אַלע פּיאַווקעס, אָנגעטרונקען מיט מענשען־בלוט... אויף מיין עהרען־וואָרט.

גדליה האָט לאַנגזאַם אויסגעקירעוועט זיין פּנים צום עקאָנאָם און קוקענדיג אויף אידם אָהן כעס, מיט אַ פֿערטראַכֿטען, אונבעוועגליכֿען קוק, האָט ער אַרויסגעלאָזט דעם שטעקען פֿון די הענד, אויפֿגעהויבען ביידע הענד צו דער ברוסט און געעפֿענט דעם צעריסענעם כאַלאַט. פֿון אונ־טער דעם כאַלאַט האָט זיך אַרויסגעזעהן אַזאַ צעריסען העמד, אַז דאָס טונקעלע, מאָגערע לייב האָט אַרויסגעקוקט דורך די גרויסע לעכֿער. די ברוסט האָט זיך געטרייסעלט פֿון אַ קורצען, הייזעריגען הוסט. פֿון די צעריסענע אַרבעל פֿון דעם כאַלאַט האָבען זיך אַרויסגעזעהן די נאַקעטע אָרימס.

— כ'אַראַ מאָס'קייט! — האָט טאָמקעוויטש אַרויסגעבּרומט און הילכיג איסגעשפּיגען אויף אינמיטען שטוב.

די קאָרייבּעלע, וועלכע איז געשטאַנען בּיים קאַמין, האָט אָבּגעקירעוועט דעם קאָפּ און געשעפּטשעט: „דערבּאַרעמדיגער גאָט!“ קאָרייבּאַ האָט מיט די גראָבּע פֿינגער געפּיקט איבּער'ן טיש, און יאַנעק האָט פּלוצלונג, גאָר אומגעריכט, אַרויסגערעדט מיט זיין דינעם יונגעלשען קול:

— פֿאַר וואָס נעהמט דער פּאַן ניט אַראָבּ די טאָרבּע פֿון די פּלייצעס? זאָל דער פּאַן זיין אַזוי גוט און אַראָבּנעהמען פֿון זיך די טאָרבּע.

טאָמקעוויטש האָט איסגעשאָסען אַ געלעכטער.

— דער פּאַן! נו אַ פּאַן! כאַ, כאַ, כאַ, כאַ! איך מיין עהר'ען־וואָרט, זינט איך לעבּ האָבּ איך נאָך ניט געהערט, אַז מען זאָל אַזוינע לאַפּסערדאַקעס געבּען דעם טיטול פּאַן. מען דערקענט גלייך, אַז פּאַן יאַן האָט אין שטאָדט זיך איסגעלערענט הלכות העפֿליכקייט.

דאָס בּחור'ל איז רויט געוואָרען, ווי אַ קאַרש, און אויפֿהויבּענדיג דעם קאָפּ מיט דער שטאָלצקייט פֿון אַ זעכצעהניאָהריגען גימנאַזיסט, האָט ער אָבּגעענטפֿערט:

— ס'קען זיין, אַז פּאַן טאָמקעוויטש האָט פֿון אַסך זאַכען ניט געהערט; מיר אָבּער ווייסען שוין לאַנג, אַז אַ ציוויליזירטער מענש דאַרף זיך מיט אַלעמען בּעגעהן העפֿליך.

— שטילער, יאַנעק, שטילער! — האָט קאָרייבּאַ בּערוהיגט זיין ליעבּלינג; נאָר בּאַלד האָט ער אַליין געזאָגט פֿריינדליך:

— נו, גדליה, נעהם זשע אַראָבּ דעם זאַק פֿון די פּלייצעס און גלייך איס דעם רוקען, ווען זהער פּאַניטש וויל אַזוי.

גדליה איז, קענטיג, געוואָרען רוהיגער. ער האָט אָנגעהויבּען אויסטהאָן איבּער'ן קאָפּ און איבּער די פּלייצעס די גראָבּע שטריק פֿון דעם קלומעק; נאָר מיט אַמאָל האָט ער דאָס ניט געקענט טאָן: די הענד האָבּען איהם געציטערט און ער האָט זיך שטאַרק פֿערהוכט.

— יאַדווישע! העלף זשע איהם! — האָט יאַנעק אַ קאָמאַנדעווע געטהאָן.

דאָס מיידעל, וועלכע איז געשטאַנען נעהענטער פֿון אַלע צום ייִדען, איז צוגעשפּרונגען צו איהם און מיט איהרע גאָר ניט קליינע הענד האָט זי אין איין מינוט אַריבּערגעוואָרפֿען איבּער זיין קאָפּ דעם קנוט פֿון דעם גראָבּען שטריק. טאָמקעוויטש איז געוואָרען אין כעס.

— יעזוס, מאַריאַ! — האָט ער איסגעשריען, — עס פֿעהלט נאָך, אַז

די פאַננאַ יאַדוויגאַ זאָל זיך פּערפּאַטשקען די הענדטלעך אָן די יודישע לאַפּסערדאַקען! וואָס־וואָס, איך מײַן עהרען־וואָרט—דאָס טויג שוין גאָר אינגאַנצען אויף כפּרות!

אָבער יאַדוויסיע, וועלכע האָט אַזוי גערן געפּאָלגט איהר ברודער דעם גימנאַזיסט, האָט פאַר אַנדערע געהאַט גאָר אַ שאַרף צינגעלע אינ׳ם רויטען פּיסקעל.

— זאָל פאַן טאָמקעוויטש זיך ניט זאָרגען פאַר מײַנע הענד! אויב איך וועל די פּערפּאַטשקען, וועל איך אַליין אָבוואַשען, און קײַן וואַסער וועל איך צו אײַך ניט געהן בעטען.

— וואָס זשע האָט איהר אין דער טאָרבע? איהר געהט אַרום אין די הײַזער? — האָט די קאָרייבעלע געפּרעגט מיט אַן׳אויסגעצויגענעם קול, עפּענענדיג ברייט דאָס מויל.

גדליה האָט אַ שאָקעל געטהאָן מיט׳ן קאָפּ אויף ניין.

— איך בין ניט קײַן בעטלער...

— וואָס זשע דען איז דאָ אין דער טאָרבע?

— איך בין אַ קרעמער... איך געה אַרום איבער די פּריצישע הויפען נו, און איבער די פּויערשע הערפער אויך, און פערקויף סחורה.

— פונדעסטוועגען—האָט קאָרייבאַ אָנגעהויבען פערטראַכטערהייט — ווי האָסטו געקענט אַזוי אָרים ווערען, גדליה׳קע? איך געדענק דאָך, דײַן ווײַב האָט געהאַט אין וואָלפּע אַ קלייט פון זאַלץ און אייזען און אַנדערע קלייניגקייטען און דו האָסט געהאַט אַן׳אייגענע שטוב און ביזט געווען אַ בעל־עגלה. איך געדענק, האַ! איך געדענק גוט די צײַטען, ווען איך פלעג נאָך קומען קײַן וואָלפּע אין לאַפּציעס און אַרײַנגעהן צו אײַך. בײַ דײַן ווײַב פלעג איך קויפען, וואָס איך האָב געדאַרפט האָבען. אַן׳אשת־חיל געווען דײַן מערקע און אַ שעהן ווײַבעל... און אין דײַן בריקע בין איך אַמאָל געפאָהרען צו אַ שוועסטער־קינד אַוש הינטער סלאָנים. וואָס זשע איז דאָס דיר געשעהען?
2

גדליה איז איצט געשטאַנען גלײַך, אָנגעשפּאַרט אָן געזימס פון קאַ־מין, שוין כמעט אינגאַנצען אַ זיכערער, אַז סוועט איהם דאָ קײַן בייז ניט געשעהען. אויף קאָרייבאַ׳ס פראַגע האָט ער געענטפערט:

— וואָס? אָט וואָס... גאָט׳ס ווילען. מײַן שטוב אין וואָלפּע איז אָבגעבּרענט געוואָרען.

— אַ שאָד! אַ שאָד!—האָט קאָרייבאַ איהם מיטגעפיהלט.

— אַ מצוה!—האָט אויסגעשריען טאָמקעוויטש.—אַ וואָלף בײַסט יע־

נעם—בייסט מען איהם. ווייניג געביידעס האָבען די אידען אונטערגעצונדען ביי די קריסטען? אין קושעווגע האָבען זיי היינטיגע וועסנע פערברענט א בראַנפען־פּאָדוואל און אין פּאוואָלאָקע אַ קרעטשמע.

קנייטשענדיג מיט די פּלייצעס האָט גדליה שטיל געענטפערט:

— איך האָב ניט אונטערגעצונדען.

— ווארום חז האסט ניט געקענט; וואָלסטו נאָר געקענט, וואָלסטו געוויס אונטערגעצונדען.

— ער וואָלט ניט אונטערגעצונדען—האָט קאַרייבאַ זיך אָנגענומען פאַר׳ן יודען—איך האָב איהם אַמאָל גוט געקענט; געוועזען אַ שטילער מענש. און וואָס מאַכט דיין מערקע? האַלט זי שוין ניט קיין קלייט אין וואָלפּע?

— געשטאָרבען.

— געשטאָרבען! אוי־וואַ!—האָט די קאָרייבעלע ווידער אויפגעעפענט איהר מויל;—זעהט נאָר! נאָך גאָר ניט קיין אַלטע! פון וואָס זשע איז די געשטאָרבען?

דער יוד האָט געקוקט צו דער ערד.

— גאָט׳ס ווילען... ניט דאָ געדאַכט, פון אַ שלעכטער קרענק...

— הייסט עס, פון כאָלערע—האָט קאַרייבאַ געזאָגט.

און דער עקאָנאָם האָט זיך שנעל אויסגעקירעוועט צום יודען, דרע־הענדיג מיט זיינע גערילכטע וואָנסען:

— הער נאָר, יוד! — האָט ער אויסגעשריען,—ווערסט געהן מאָרגען איבער שומגע, קום צו מיר, וועל איך דיר, אויף מיין עהרען־וואָרט, גע־בען אַ גאַנצען טאָפּ אַרבעס, נאָר זאָג תיכף, דאָ אויפ׳ן אָרט, ווי הייסט די קרענק, וואָס פון איהר איז דיין ווייב געשטאָרבען? כאַ, כאַ, כאַ!

גדליה האָט אומרוהיג געמאַכט מיט די ליפּען:

נו, ניט היינט געדאַכט, אַ שלעכטע קרענק...

— זאָג זשע מיר, ווי הייסט זי?

— ווי זי הייסט? צו וואָס זאָל מען אַרויסריידען, ווי זי הייסט?

— ער וועט ניט זאָגען, דער כלב! כאָטש בראָקן איהם, וועט ער ניט זאָגען!—האָט טאָמקעוויטש אויסגעשאָסען אַ געלעכטער.

— שוין אַזאַ נאַרישער מנהג ביי זיי—האָט נאָכגעזאָגט סטעפּאַן.

יאַנעק איז ווידער רויט געוואָרען און האָט אַרויסגערעדט מיט דעם טאָן פון אַ עלטערען, וואָס לערענט קינדער דרך־ארץ:

— ס׳איז ניט מענשליך צו נויטען עמיצען ער זאָל טאָן דאָס, וואָס ס׳איז איהם ניט אָנגענעהם און ס׳ברייננט קיינעם ניט קיין נוצען.

קענטיג. ער האט זיך גענומען צום הארצען דעם יודס לאגע. א חוץ דעם האבען איהם אינטערעסירט די פערד, וואס דער יוד האט אמאל געהאט.

— און די פערד?—האט ער געפרעגט.

— איינס געפגר׳ט, דאס אנדערע בלינד געווארען, האב איך עס פערקויפט פאר פופצעהן רובל.

— האסט, דאכט זיך, געהאט א סך קינדער?—האט קאריבא געפרעגט;—איך געדענק, ווען איך פלעג צו אייך קומען, האבען זיך ארום מערס פארטוך געדרעהט אנערך פינף קינדער.

— זיעבען...—האט גדליה איהם פערריכט.

— גאט!—האט די קאריבעלע געקרעכצט,—זיעבען קינדער איסכאווען אין אויסהאדעווען, עפיס א קאטאוועס?

אנשפארענדיג די ביינערדיגע באק אויף דער גראבער האנד, האט זי רחמנות׳דיג געשאקעלט מיט׳ן קאפ. זי האט גוט געוואוסט, וואס הייסט כאווען און האדעווען קינדער אפילו ביי גרעסערען וואוילטאג, ווער שמייעסט נאך אין אזא ארימקייט. און איהר שטים האט געקלונגען ווי א מין אבשיי צו דעם פאטערס צרות און הארעוואניע, ווען זי האט איהם ווייך א פרעג געטאן:

— ווי אלט זענען זיי?

ער האט אנגעהויבען דערצעהלען וועגען זיינע קינדער, שמייכלענדיג אמאל ביטער, אנאנדער מאל כמעט פרעהליך. פון אלע קינדער איז נאר דא איינס א דערוואקסענס: דאס מיידעל, וואס האט נאך דער מאמעס טויט געכאוועט און געהיט די קלענערע קינדער; פון די איבעריגע לערענט זיך איין יונגעל ביי א שוסטער, דאס אנדערע געהט אין תלמוד-תורה—אזא מין שקאלע פאר ארימע יודישע קינדער—א דריטער לערענט גאר ניט, ווארום גאט האט איהם קיין פערשטאנד ניט געגעבען, דער פיערטער, חיימקע, איז זעהר א קלוג יונגעלע, אבער ער איז נאך צו קליין; די צוויי קלענערע מיידלעך האבען געוואלט געהן דיענען, וועט זיי אבער קיינער ניט נעהמען, ווארום זיי קענען גאר ניט און זענען זעהר שוואכע.

— זיצען זיי אין שטוב און ארבייטען זאקען אויף צו פערקויפען. איינע פון זיי מלכה, איז אלט פופצעהן יאהר און איז זעהר שען, נאר זי איז אזוי בלייך, ווי די וואנד, און רעדט קיינמאל ניט.—פאר וואס רעדט זי ניט? פון וואנען זאל ער וויסען. אפשר פאר אומעט, און אפשר פאר צרות, ווארום זי וואלט געדארפט גוט עסען און אננעהמען זיך מיט פרעה-

ליכקייט; אָבער וואו נעהמט מען? זיי לעבען אַלע אַלט אין איין קאַמער און האָבען דריי קערבלעך אַ וואָך, די דריי קערבלעך, וואָס ער פערדיענט פון זיין מסחר. געבליעבען איז איהם פון זיין גאַנץ פערמעגען אַכציג רובל; האָט ער אָנגעקויפט סחורה; אַלע וואָך קומט ער אַהיים צו די קינ-דער אויף שבת און ברייננט זיי דריי קערבלעך... נו, ווען גאָט העלפט, איז דאָ אַמאָל פיער אָדער גאַנצע פינף, אָבער זעלטען... ס'רוב ברייננט ער דריי, איז מאַכט שלעכט; כדי זיי זאָלען קענען לעבען ווי מענשען, וואָלטען זיי געדאַרפט האָבען גאַנצע אַכט קערבלעך אַ וואָך. אָך! אָך! ווען ער וואָלט געהאַט אַכט קערבלעך אַ וואָך, ס'אַראַ גליק דאָס וואָלט געווען פאַר איהם און פאַר זיינע קינדער!...

ער וואָלט גערעדט ווייטער, נאָר ער האָט אָנגעהויבען הוסטען. אויף די שפיץ פינגער איז ער איבערגעגאַנגען די שטוב און אויסגעשפיגען אין אַ ווינקעל, נאָכדעם האָט ער זיך אומגעקעהרט צוריק צו זיין אָרט. אַלע האָבען געשוויגען. ס'האָט זיך אויסגעהילט: דער מלאך פון רחמנות איז הערגעפלויגען דורך דער שטוב און אָנגעריהרט מיט אַ ווייכען פלי-געל די אַלע גראָבע פנימ'ער.

קאָרייבאַ האָט געפויקט מיט די פינגער איבער'ן טיש און האָט גע-טראַכט... וועגען וואָס? אפשר וועגען דער צייט פון זיין אָרימקייט, ווען ער איז נאָך געווען אַ יונגער מאַן און פלעגט אין לאַפּצעס אַריינקומען צו גדליה'ן אין שטוב און פרעהליך שמועסען מיט זיין ווייב מערע'ן. די קאָרייבעכע, מיט דער באַק אויף דער האַנד, האָט אפשר אויך גע-טראַכט וועגען איינער פון איהרע געשטאָרבענע טעכטער, וועלכע איז אַ יאָהר פאַר'ן טויט אויך געוואָרען אַזוי בלייך, ווי גדליה'ס מיידעל, און האָט געשוויגען, ווי אַ צעקוועטשטע פויגעלע, סטעפּאַן ביים פענס-טער, אָנגעשפאַרט דעם קאָפּ אויף דער האַנד און קייטשענדיג דעם וויי-סען שטערען, און געטראַכט. ער האָט זיך געהאַט זיין אייגענע זאָרג: נאָך אַ יאָהר, מוז ער אַוועק פון דער שטוב, ווערען אַ סאָלדאַט! הערענ-דיג וועגען פרעמדע צרות, איז ער אַליין אויך געוואָרען אומעטיג. יאַדוויס-יע, וועלכע האָט נאָך פון קיין שום צרות ניט געוואוסט, האָט זיך אַני-דערגעזעצט אויף דער ערד, פערוואָרפען אויף הינטען די גאָלדענע גזשיווע האָר און געקוקט אויפ'ן יודען פון אונטען אַרויף מיט איהרע גראָהע, פערוואונדערטע אויגען. נאָר איין טאָמקעוויטש, קענטיג אונצופריעדען פון דער גאַנצער מעשה, האָט ווידער אויסגעשאָסען מיט אַ מימרא:

— אין וועלכער שוואַרץ יאָהר האָט דיר, יוד, געהייסען אָנפּלאָדזען אַזוי פיעל קינדער?

גדליה האָט געענטפערט:

— געווים... ביי קבצנים איז שטענדיג מעהר קינדער, ווי אומעטום.

אין דער מינוט האָט זיך ווידער געלאָזט הערען יאַנעקים יונגעלשע, אָבער זיכערע שטים:

— זאָל זיך דער פאַן זעצען, פאַן גדליה; פאַר וואָס זיצט איהר ניט?

גדליה האָט זיך אַנויג געטאָן, און קאָריבאַ האָט ווידער אָנגעהויבען רעדען פערטראַכטערהייט:

— אָט, ווי עס טרעפט זיך אויף דער וועלט! אַזאַ שטילער מענש און אַ עהרליכער און אַ האָראָפּאַשנער, איז געוואָרען צו נישט, און דער לייַדאַק מענדעל פון שומנע, אַזאַ שווינדלער, אַז איין גאָט זאָל אויסהיטען, ווערט אַ גביר, און נאָך וואָס פאַר אַ גביר! איך האָב געהערט, ער וויל נעהמען שומנע אין אַרענדע.

זיינע אויגען האָבען בעקומען אַ בייזען אויסדרוק און ער האָט פון דער זייט אַ קוק געטאָן אויפ'ן עקאָנאָם. ס'איז אַרומגעגאַנגען אַ קלאַנג, אַז טאָמקעוויטש מאַכט מיט דעם רייכען מענדלען אַלערליי טריפה'נע געשעפטען און בידע מאַכען בדיל־הדל דעם בעל־הבית פון שומנע. דער עקאָנאָם איז אַ ביסעל צעמישט געוואָרען, און קאָריבאַ האָט וויַטער גערעדט.

— האַ? פאַר וואָס איז דאָס אַזוי? דער האָט קיין שלעכטס ניט געטאָן, און פונדעסטוועגען איז איהם שלעכט, און יענער, אַ טויגעניכטס, איז געוואָרען אַ גביר... אָט אַזוי פיהרט זיך עס אויף דער וועלט: דעם גוטען איז שלעכט, דעם שלעכטען גוט.

גדליה איז צוגעגאַנגען אַ פּאָר טריט נעהענטער און האָט געזאָגט:

— ביי אונז איז וועגען דעם דאָ אַ משל.

יאַדוויסיע האָט זיך אַ ריהר געטאָן מיט'ן גאַנצען קערפער; זי איז געווען אַ גרויסע ליעבהאָבערין פון מעשיות און משלים. דער יוד האָט זיך אויסגעגלייכט און האָט אָנגעהויבען דערצעהלען:

— ביי אונז שטעהט געשריעבען אַזוי: ווען גאָט האָט געוואָלט געבען די תורה דער וועלט, האָט ער געהייסען, אַז אַלע בערג זאָלען קומען צו איהם. די בערג האָבען פערשטעהט זיך, געפאָלגט, וואָס נאָט

האָט זיי געהייסען; אָבער די בערג, וואָס זענען געווען העכער פֿון אַלע זענען געשטאַנען פֿאָרענט און זענען געווען גרוים בײַ זיך, וואָס זיי זענען העכער, און האָבען געוואַרט, ווען פֿון זיי וועט גאָט געבען די תורה. גאָט ברוך הוא האָט געקוקט, געקוקט און האָט צוגערופֿען צו זיך דעם קלענסטען באַרג, אַזוינעם, וואָס האָט זיך בעהאַלטען הינטער די גרעסערע און האָט געמיינט, אַז גאָט וועט איהם גאָר ניט דערזעהן. גאָט האָט איהם אָבער צוגערופֿען און האָט געזאָגט: „איך וועל דיר געבען די תורה, וואָרום כאָטש דו ביזט קליין, ביזטו מעהר ווערט און מײַנע אויגען פֿון יענע גרויסע בערג. און פֿאַר וואָס ביזטו מעהר ווערט? וואָרום זיי האַלטען זיך גרויס און דו האַלסט זיך ניט גרויס, פֿון זיי איז אַראָבגעפֿאַלען פֿיעל שטיינער אויף די מענשען און פֿון דיר איז קײַן שטיין אויף מענשענ׳ס קעפּ ניט געפֿאַלען". און גאָט האָט געגעבען די תורה דעם קלענסטען באַרג. און איינער פֿון אונזערע גרויסע געלעהרטע, בן־יהודה, האָט געזאָגט, אַז דער משל בעווײַזט, ווי אַ קליינער מענש קען זײַן מעהר ווערט פֿון אַ גרויסען, אויב דער קליינער האַלט זיך ניט גרויס און ברייגגט קיינעם ניט קײַן שאָדען און יענער האַלט זיך גרויס און טהוט יאָ אַ סך רעות די מענשען.

קאָריבאַ האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער האַנד אָן טיש און מיט אַ גלאַנץ אין די אויגען אויסגעשריען:

— אמת, אויף מײַן וואָרט! אָט איהר געדענקט, פּאַן טאָמקעוויטש, ווען דער פּאַן פּאַליצקי האָט מיך געוואָרגען מיט דעם פּראָצעס און האָט געוואָלט בײַ מיר אָבנעהמען מיט פֿאַלשקײַט מײַן שטיקעל נחלה, האָב איך געהאַט, פּאַני, אַזוי פֿיעל האַרץ־קלעמעניש, אַז איך בין אַזש שיער ניט קראַנק געוואָרען פֿאַר צרות. פֿונדעסטוועגען פֿלעג איך מיר ניט איינמאָל טראַכטען: כאָטש ער איז אַ גרויסער פּריץ און איך בין אַ פּראָסטער שלאַכטשיטש אין לאַפּציעס, בין איך פֿאָרט לײַטישער פֿון איהם, וואָרום ער איז אַ בלוט־צאַפּער און אַ הונד, און איך האָב קיינעם ניט געקריוודעט אַ האָר... מיט מײַן אייגענער בלוטיגער האָרעוואַניע האָב איך זיך דערשלאָגען צו דעם וואָס איך פֿערמאָג, און אָפּטמאָל האָב איך נאָך געהאָלפֿען אַנדערע אויך...

— דאָס וואָס דער פּאַן האָט איצט געזאָגט—האָט זיך אָבגערופֿען גדליה—דאָס איז אַזוינע ווײַנטרויבען, וואָס וואַקסען אויף שטעכעדיגע קוסטעס... איך האָב פֿערגעסען, ווי די קוסטעס הייסען... אַזוינע שטעכעדיגע...

מיט אַ פֿראַגע אין די אויגען האָט ער געקוקט אויף די אַרומיגע.

— אפֿשר דאָרנשטרויס? *)—האָט יאַדוויסיע איהם אונטערגעזאָגט.

— אַהאַ! די פּאַנענקע ווייסט טאַקי... דאָרנשטרויס! דאָרנשטרויס! וועגען דעם איז בײַ אונז אויך פֿאַרהאַן אַ שענער משל.

דאָס מיידעל האָט אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענד. גדליה האָט אַ קוק געטאָן אויף איהר מיט זײַנע האַלב־פֿערלאָשענע אויגען און האָט, שמייכלענדיג, אָנגעהויבען:

— אַי! ס'אַ פֿרעהליכע די פּאַנענקע איז! ס'אַ פֿערגעניגען עס איז צו קוקען, ווען עמיצער איז אַזוי פֿרעהליך! אָך! ווען מײַן מלכּה וואָלט אַמאָל געווען אַזוי פֿרעהליך! זי איז אין איינע יאָהרע מיט דער פּאַנענקע און איז פּונקט אַזוי גרויס, נאָר זי איז ווײַס ווי די וואַנד און רעדט ניט קיינמאָל. אויב די פּאַנענקע וויל, וועל איך דערצעהלען דעם משל אויך... בײַ אונז שטעהט געשריעבען אַזוי: ווען די יודען זענען געווען אין גלות בּבל, האָט געלעבט איינער אַ גרויסער למדן און אַ פֿרומער, מיט'ן נאָמען אוריאל. און ער איז געווען זעהר אַ גוטער, האָט ער בשום אופֿן ניט געקענט איבערטראָגען דעם גלות. און ווען ער פֿלעגט זעהען, אַז מען טהוט שלעכטס די יודען, פֿלעגט ער אַזוי וויינען, אַז דאָס גאַנצע האַרץ פֿלעגט זיך איהם פֿאַר גרויס צער אויסגיסען אין די טרעהרען. און ער פֿלעגט געהן צו די, וואָס האָבען אומזיסט געליטען, און פֿלעגט זיי אָבגעבען אַלצדינג, וואָס ער האָט געהאַט. איינעם האָט ער געגעבען אַ ביסעל פֿון זײַן שׂכל, דעם אַנדערן אַ ביסעל געלד, דעם דריטען האָט ער געגלעט איבער'ן באַק, ווי אַ מוטער איהר קראַנק קינד. דאָס האָט אָבער גאָר ניט געהאָלפֿען, און ס'האָט איהם אַרומגעכאַפּט אַזאַ אומעט, אַז ער האָט אָנגעהויבען שרײַען צו גאָט, ער זאָל איהם גיכער געבען דעם טויט. דעם טויט האָט איהם גאָט ניט געגעבען, נאָר ער האָט אַראָבגעשיקט אויף איהם אַ שלאָף. ס'האָט זיך איהם געחלומ'ט, אַז ער געפֿינט זיך טאַקי אַליין אין גלות־בּבל, מיט'ן גאַנצען יודישען פֿאָלק, און איינער פֿון פֿאָלק קומט צו איהם פֿרעגען אַן עצה, און ער קען ניט אָבענטפֿערן. וואָרום זײַן צונג איז פֿערגליווערט געוואָרען אין זײַן מויל; און אַן אַנדערער קומט און זאָגט איהם: רבּי אוריאל, לערען אונז מײַן

*) דאָרנשטרויס אויף פּויליש Glóg אַזויגע שטעכעדיגע קוסטעס, אויף וועלכע ס'וואַקסען געוויסע יאַגדעס.

קינד לייענען די הייליגע תורה, און ער קען ניט לערנען, וואָרום ער האָט אַליין פֿערגעסען אַלצדינג, אַפֿילו עבֿרי; און אַ דריטער קומט און זאָגט: רבי אוריאל, גיעב מיר עפּיס עסען, און ער וואָלט איהם גערן געגעבען, נאָר ער קאָן ניט, וואָרום ער האָט ערגיץ אָנגעוואָרען זיין גאַנצען פֿערמעגען. האָט רבי אוריאל אַ געשריי געטאָן מיט גרויס שרעק און האָט זיך איפֿגעכאַפּט פֿון זיין שלאָף און האָט דערפֿיהלט, אַז זיין שכל איז נאָך ביי איהם און אַז זיין פֿערמעגען האָט קיינער ניט צוגענומען ביי איהם. איז ער געפֿאַלען אויף זיין פנים פֿאַר'ן רבונו=של=עולם און האָט געבעטען: „שיק מיר נאָך ניט דעם טויט, האַר פֿון דער גאַנצער וועלט, וואָרום כאָטש איך בין אומגליקליך, בין איך פֿאָרט גליקליך, וואָס איך קען ברייגען פֿרייד צו די וואָס זענען אומעטיג!“... און איינער פֿון אונזערע גרויסע [געלעהרטע, מיט'ן נאָמען בן=עקיבֿא, האָט געזאָגט, וואָס דער משל בעדייט: אויב עמיצער איז אומגליקליך און האָט גרויס עגמת=נפֿש, זאָל ער זיך נאָר גוט אַרומקוקען אַרום זיך, וועט ער דערזעהן, אַז אויף דעם דאָרנשטרויס, אויף וועלכען ער זיצט, וואַקסט זיסע וויינטרויבען.

— זעהט נאָר! — האָט געזאָגט קאַרייבאַ, — ס'אַראַ וואוילקענענדיגער דו ביזט, גדליה! אַזוי פֿיעל מעשיות קענסטו אויף אויסווענינ!... אין גאָר פֿיינע מעשיות! אויף מיינע נאמנות, פֿיינע מעשיות, כאָטש יודישע. זעץ זיך נאָר, זעץ זיך, וועלען מיר איצט רעדען וועגען דעם אַרבעס!

גדליה, וועלכער איז פֿריהער אַ ביסעל געקומען צו זיך מחמת דער פֿריינדליכקייט וואָס מ'האָט איהם אַרויסגעוויזען, האָט זיך איצט ווידער דערשראָקען, ווען קאַרייבאַ האָט דערמאָנט דעם אַרבעס. ער האָט אונרוהיג געפֿינטעלט מיט די אויגען, גענויגט זיך און געמורמעלט, אַז ס'מאַכט ניט אויס... ער קען בעשטעהן... דאָ איז יאַדוויסיע איפֿגעשפּרונגען פֿונ'ם אָרט, געכאַפּט אַ ביינקעל, אַוועקגעשטעלט עס נעבען יודען און שמייכלענדיג פֿריינדליך מיט איהרע רויטע ליפּען, האָט זי געזאָגט:

— זעצט זיך! איך טהוען שוין מסתמא וועה די פֿיס פֿון שטעהן! וואָס איז דאָרט, נו, זעצט זיך!

„וואָס איז דאָרט“ איז געווען אַנ'ענטפֿער אויף דעם יודענס בעוועגונג, וואָס ער האָט געמאַכט, כדי אַ קוש צו געבען דאָס רויטע הענדטעל פֿון דער פּאַנענקע.

— זעץ זשע זיך, צו אַל די רוחות! — האָט קאַרייבאַ אויסגעשריען מיט אַ בעפֿעהל.

דער יוד האָט אַ ציטער געטאָן פֿאַר שרעק און האָט זיך תיכף אַוועק=

געזעצט אויפ'ן שטול. איצט איז ער געווען נאָהענט צום פייער, און מ'האָט געקענט דייטליך זעהן, אַז זיינע הענד און פיס ציטערען, די ברוסט הייבט זיך פון שנעלען אָטעם און די אויגען זענען אַזוי איינגעפאַלען, אַז געבען דער אוידעלער, געלבליכער הויט פון דעם שטערען און פון די באַקען האָבען זיי אויסגעזעהען, ווי צוויי שוואַרצע, ברענענדיגע פונקען.

— זעהסט אָבער שלעכט אויס! אַנ'אמת'ער בר-מנן,—האָט געזאָגט קאָרייבאַ.—ביזט קראַנק, צו וואָס?

— קראַנק, טהייערער פריץ, קראַנק!

ער האָט אָנגעהויבען דערצעהלען, אַז זינט ס'האָט איהם אָבגעברענט די שטיב און ס'איז געשטאָרבען דאָס ווייב, האָט ער אָנגעהויבען הוס-טען און אָנגעוואָרען די כחות, אָבער די לעצטע צוויי יאָהר איז איהם געוואָרען גאָר שלעכט; עפּיס דריקט איהם שרעקליך די ברוסט, און שוואַך איז ער געוואָרען, ווי אַ קינד! ווען ער וואָלט ניט געווען קראַנק, וואָלט ער געקענט געהן גיכער און וואָלט מעהר פערדיענט,—אָדער אפשר וואָלט ער אַ טראַכט געטאָן וועגען אַנ'אַנדער פרנסה. ס'איז אָבער אַזאַ קרענק, וואָס נעהמט צו די כחות...

קאָרייבאַ'ס קליינע, ביסטרע אויגעלעך האָבען בעקומען אַ פייכטען גלאַנץ. ער האָט זיך דערמאָהנט גדליה'ס אַמאָליגע יאָהרען, זיין ווייב'ס קלייט, די רייזע, וואָס ער האָט איינמאָל געמאַכט קיין סלאָנים אין גדליה'ס בויד,— און אַ גרויסען רחמנות האָט ער דערפיהלט צו איהם. אַליין אַ קינד פון אָרימקייט, אַ מענש וואָס האָט מיט אייגענער פראַצע זיך דערשלאָגען אַ פערמעגען, האָט ער גוט געקענט אַלע צרות און אין זיין האַרטען גוף האָט געוואָהנט אַ ווייכע נשמה.

— סיפּאָטע, צו וואָס?—האָט ער שטיל געפרעגט.—פאַר וואָס זשע קורירסטו זיך ניט, צו אַל די רוחות, יוד איינער?

— איך בין געווען ביי'ם דאָקטאָר.

— וואָס זשע האָט דיר דער דאָקטאָר געזאָגט?

— וואָס זאָל ער זאָגען? ער האָט געזאָגט, איך זאָל עסען יעדען טאָג פלייש, טרינקען אַ סך מילך, ווייניג אַרומגעהן און אַלע וואָך זיך שטעלען באַנקעס.

אַ שמייכעל האָט זיך אַ גליטש געגעבען איבער זיינע ליפען און איז אַריבער אַזוש אויף דעם שטערען, וועלכער האָט זיך פערקנייטשט אינ-גאַנצען, ביז די האַלב-גראָהע האָר.

— עסען פלייש און טרינקען מילך קען איך ניט, וואָרום דאָס

קאָסט זעהר טײַער... אַסך געהן מוז איך, וואָרום דאָס איז מײַן פּרנסה... פאָלג איך דעם דאָקטאָר נאָר אין איין פּרט... איך שטעל מיר אַלע וואָך באַנקעס... דאָס קאָסט נאָר אַ גילדען... נו... אַ גילדען אַ וואָך איך קוראַציע קען איך אויסגעבען...

— יעזוס!—האָט זיך די קאַרייבעלע פערוואונדערט,—ווי אַזוי זשע קענט איהר אַזוי פיעל אַרומגעהן בײַ אַזאַ קראַנקהײַט?...

ער האָט אויפגעהערט שמייכלען און האָט געענטפערט:

— איך געה!

יאַדוויסיע, וועלכע איז אויף עטליכע סעקונדען געווען אַרויסגעלאָפען פון דעם צימער, איז איצט אַרײַנגעקומען מיט אַ ווײַסען הויכשען קריגעלע מילך אין האַנד און איז צוגעגאַנגען צום יודען.

— אפשר ווילט איהר אַ ביסעל מילך?—האָט זי געזאָגט און איהם אויסגעשטרעקט דאָס קריגעל.

בײַ גדליה האָבען תאוה׳דיג אָנגעהויבען פונקלען די אויגען. איין רגע האָט ער געקוקט אויף דעם קריגעלע, וואָס איז געווען פול מיט פרישער, נאָר וואָס אָנגעמאָלקענער, וואַרימער מילך, און האָט אַ שאָקעל געטאָן מיט׳ן קאָפּ.

— אַ דאַנק דער פּאַנענקע; איך טאָר דאָס ניט.

— וואָס? טריף?—האָט מיט אַ געלעכטער אויסגעשריען טאָמקעוויטש.

— איך טאָר דאָס ניט...

— טאָ אפשר כאָטש ברויט מיט פּוטער?—האָט זיך יאַנעק אָבגערופען.

גדליה האָט שוין גאָר ניט געענטפערט און נאָר געשאָקעלט דעם קאָפּ אויף נײן.

— נעהם כאָטש עטליכע קאַרטאָפליעס מיט זאַלץ, אַניט וועט איהר דאָך גאָר אײַנגאַנצען פערפליאַנעט ווערען,—האָט געבעטען די קאַרייבעלע, אַרײַנקוקענדיג אין טעפּעל, וואו עס איז נאָך געווען עטליכע קאַרטאָפליעס.

גדליה איז, קענטיג, געווען אין פערלעגענהײַט; ער האָט אַ ביסעל אָבגעקירעוועט זײַן פּנים פון די אַרומיגע און האָט אָבגעענטפערט:

— איך דאַנק די טהײַערע פּריצים פאַר אַלצדינג... איך וועל שוין מאָרגען עפּיס עסען בײַם שיינקער און שומנע.

— הײַנט געה לעב מיט אַזוינע מענשען!—האָט אויסגעשריען דער עקאָנאָם מיט זײַן גראָבען באַס,—אַז זיי ווילען אַפילו אַ שטיקעל ברויט

ניט נעהמען פון אונזערע הענד, אַקוראַט ווי אַלצדינג, וואָס ס'געהער צו אונז, איז אָנגעשטעקט מיט אַמאוס'ער קרענק! הא! אויף מיין ערד'ען וואָרט! אַ הינטישע אמונה האָבען זיי! זאָל זיי דער שוואַרץ יאָהר נעהמען מיט אַלע זייערע טריפה'ס און מיט אַלע זייערע הונגעריגע לייַדאַקעס!

— דאָס איז אמת! — האָט קאָרייבאַ איהם פּאַטאַקעוועט. — אָט נעהמט דעם, למשל: עסען האָט ער ניט וואָס, קורירען האָט ער זיך ניט פאַר וואָס, און אַז אַ גוטער מענש וויל איהם אַביסעל אונטערפאַשען, האָט ער עפּיס אַזעלכע ווילדע חומרות, וואָס לאָזען איהם ניט נעהמען דאָס, וואָס מען גיעט איהם. ניט ווילענדיג ווערסטו אָבגעקיהלט, ווי דו זאָלסט אַפילו אויף זיי ניט האָבען רחמנות...

גדליה האָט אויסגעהערט די רייד זעהר ערנסט, מיט אַנ'אַראָבגעלאָזטען קאָפּ און מיט שווערע זיפצען, וואָס האָבען זיך אַלע מאָל געריסען פון זיין ברוסט. ווען ער האָט אַביסעל שפּעטער ווידער אויפגעהויבען דעם קאָפּ, איז אויף זיין פּנים געלעגען דער שטעמפּעל פון אַ טיעפען געדאַנק. אין דעם בליק, וועלכער איז ביז אַהער געווען האַלב דערשראָקען, האָט זיך בעמערקט דער גלאַנץ פון אַ וויכטיגער אידעע; מיט אַ פעסטערער שטימע, אַביסעל הייזעריג און ניט גאָר הויך, האָט ער אָנגעהויבען רעדען:

— דאָס איז אמת, וואָס די פּריצים זאָגען. פיעל אומגליקען איז דאָ אויף דער וועלט, אַזוי פיעל, וויפיעל זאַמד אויפ'ן ברעג פונ'ם ים. איין אומגליק נעהמט זיך פון אָרימקייט, אַנ'אַנדערס פון קראַנקהייט, נאָך אַנ'אַנדערס פון מחלוקת, און נאָך אַנ'אַנדערס נעהמט זיך דערפון, וואָס דער מענש האָט קיין פערשטאַנד ניט. אָבער ניט אויף אייביג וועט אַזוי בלייבען. עס וועט קומען אַ צייט, ווען אַלצדינג אויף דער וועלט וועט ווערען בעסער. און ווער וועט די צייט ברייגנען? וועגען דעם איז אויך ביי אונז פאַראַן אַ שענער משל.

ער האָט זיך אויסגעגלייכט, צונויפגעלעגט די הענד אויף די קניה און אַביסעל אויפגעהויבען דעם קאָפּ. מ'האָט געזעהן, אַז עס לאָזט זיך אויף איהם אַראָב אַ לויטערע התלהבות. אפשר איז די מעשה, וואָס ער האָט געוואָלט דערצעהלען, געווען ביי איהם טהייערער פון אַלע מעשיות, און אפשר האָט דאָס פייער און די מענשליכע פריינדליכקייט צעוואַרימט זיין גוף און זיין נשמה.

— ביי אונז שטעהט געשריעבען אַזוי: אין דער אַלטער שטאָדט

ישרים. אויף אַ הויכער שטוהל, איז געזעסען אין זיין גרויסער ישיבה דער גרויסער רבי משה בן־מימן, און אַרום איז געזעסען הונדערט, און אפשר טויזענד און אפשר צעהן טויזענד תלמידים. ער האָט גערעדט צו זיי אויף אַראַביש און אויף גריכיש און אויף אַלערליי לשונות; וואָרום דאָס איז געווען אַזאַ געלעהרטער, וואָס האָט ניט געפיהלט קיין פיינדשאַפט צו קיין שום אמונה ולשון, און יעדע חכמה, וואו ער זאָל זי ניט געפי־נען, איז ביי איהם געווען פונקט אַזוי חשוב, ווי דאָס זאָל זיין יודישע חכמה. ווען ער האָט געענדיגט זיין דרשה, איז אויפגעשטאַנען פון דער באַנק זיין בעסטער תלמיד, מיט'ן נאָמען בן־יהודה, און האָט געזאָגט: „רבי, איך פערשטעה ניט איין אָרט אין דער הייליגער תורה! אפשר וועסטו מיר דאָס געבען צו פערשטעהן".—„און וואָס פערשטעהסטו ניט?"—האָט גע־פרעגט בן־מימן,—בן־יהודה האָט געענטפערט: „איך פערשטעה ניט, ווער זענען געווען די מלאכים, וואָס האָבען זיך געחלומ'ט יעקב אבינו, אַז זיי געהען אַרויף אויפ'ן לייטער ביז'ן הימעל און לאָזען זיך אַראָב צו־ריק".—בן־מימן האָט אַ טראַכט געטאָן און אָנגעהויבען ריידען: „די מלאכים—דאָס זענען די גרויסע מענשען, וועלכע ווערען אַלעמאָל בעסער און קליגער, דאָס הייסט זיי געהען אַרויף, אין דער הויך. שווער איז זיי צו געהן אין דער הויך, נאָר זיי געהען, וואָרום אַזאַ כח ליעגט שוין אין זיי און אַזאַ חשק האָבען זיי צו דערגרייכען אַהין, וואו זיי וועלען איינזאַפען אין זיך אַ סך זיסקייט. זאָלען זיי הייסען נביאים, אָדער למדנים, אָדער בעלי־צדקה, אָדער מענשען מיט אַ גרויסער דעה,—זיי אַלע זענען דאָס די מלאכים, וועלכע געהען אַרויף אויפ'ן לייטער צום הימעל".—אַזוי האָט געזאָגט בן־מימן. בן־יהודה איז אָבער אַליין ניט גע־ווען צופריעדען און האָט געפרעגט: „רבי, פאַר וואָס זשע געהען זיי אַ מאָל אַרויף און אַ מאָל אַראָב? אויב עס ציהט זיי אַזוי צו זיין אין דער הויך, פאַר וואָס בלייבען זיי ניט דאָרטען און געהען ווידער אויף דער ערד אַראָב?"—בן־מימן האָט אַ טרייסעל געגעבען מיט זיינע ווייסע האָר, ווי אַ ליוב, און האָט געענטפערט: „ווען זיי זאָלען בלייבען אויבען און ניט אַראָבקומען מעהר אויף דער ערד, וואָלטען זיי קיין מלאכים ניט גע־ווען! אין דער הויך זאַפען זיי איין אין זיך אַ סך זיסקייט און ליכטיג־קייט, און לאָזען זיך נאָכדעם אַראָב, כדי צו זייהען דאָס איבער דער ערד. און דאָרט, וואו זיי זייהען, וואַקסען די תבואות בעסער, און קריעג וואַקסען דאָרט ניט, נאָר עס וואַקסט שלום, און די מענשען טהוען וועניגער וויינען און מעהר זיך פרעהען. אָט צוליעב וואָס זיי לאָזען זיך אַראָב

איף דער ערד, כאָטש דאָס איז זיי שווער, און אָט דעריבער, בן־יהודה, זענען זיי מלאכים".—בן־מימן האָט אויפגעהערט ריידען, און בן־יהודה און אַלע, וואָס זענען דערביי געווען, האָבען זיך זעהר געפרייט און האָבען איהם געדאַנקט, וואָס ער זיי געזאָגט אַזאַ שענע נבואה. בן־מימן האָט גע־פרעגט: „וואָס פאַר אַ נבואה האָב איך אייך דען געזאָגט?"—און בן־יהודה האָט געענטפערט: „די מלאכים, רבי, וועלען מיט דער צייט מאַכען אַזוי, אַז ס'זאָל אין ערגיץ ניט זיין ניט קיין הונגער, ניט קיין קריעג, ניט קיין מענשען, וואָס האָבען ניט קיין פערשטאַנד, און ניט קיין מענשען, וואָס וויינען און שרייען אין זייער האַרצען, און ס'איז זיי זעהר שלעכט!"

קענטיג, ניט נאָר בן־יהודה פון ישורם, נאָר אויך זיין עלטער־עלטער־אייניקעל גדליה פון וואָלפע, האָט זיך געפריידט מיט דער נבואה, וואָס איז בעהאַלטען אין די רייד פון רבי מימן. ער האָט זיך מערקווירדיג געביטען. די פיס אין די אויסגעקרומטע, פערשטויבטע שיך האָט ער פעסט אָנגעשפאַרט אָן דער פאָדלאָגע, די הענד מיט די צעריסענע אַרבעל האָט ער אויפגעהויבען צו דער סטעליע, אַזוי אַז די שפיצעכיגע, גראָהע באָרד האָט געשטעקט איבער זיין דינעם נאַקעטען האַלז, ווי אַ זילבער־ווייסער פליגעל. דער ריהרעוודיגער גלאַנץ פון דעם פייער איז געפאַלען אויף זיין פנים. אויף די טויזענדער קנייטשען און קאַרבען, וואָס האָבען בעדעקט זיינע באַקען און זיין שטערען; פון די צעפלאַמטע אויגען און פון דעם פרעהליכען שמייכעל האָט אַרויסגעקוקט די זיסקייט פון מיסטישען עקסטאַז *).

פלוצלונג האָט אַ יונגע ווייכע האַנד אַרומגענומען אָט דעם נאַקעטען דינעם האַלז, און אַ פאָר רויטע ליפען האָבען זיך צוגעבויגען צום קנייטשיגען שטערען און איהם הילכיג אַ קוש געגעבען. דאָס איז געווען יאַנעק, וועלכער איז געווען אויפגעשטאַנען פון הינטער'ן טיש און פאַוואָליע גע־גאַנגען אַלע מאָל נעהענטער צו גדליה'ן, הערענדיג מיט גרויס ערנסט זיין לעגענדע; איצט האָט ער זיך אַנידערגעשטעלט פאַר איהם און ניט קע־נענדיג איינהאַלטען זיך, האָט ער האַלב אומגעריכט פאַר זיך אַליין, מיט אַ קינדערשער בעוועגונג איהם אַרומגענומען אַרום האַלז און אַ קוש געגעבען אין שטערען. נאָכדעם איז ער תיכף אָבגעגאַנגען אָן אַ זייט און שטעהענדיג אָנגעשפאַרט מיט דעם אַקסעל אָן דעם ווינקעל פון קאַמין, האָט

---

*) עקסטאַז — גרויסע התפעלות, גרויסע פערטיעפונג אין איין געפיהל, אַזוי אַז דער מענש פערגעסט, וואָס עס טוט זיך מיט איהם.

ער געהאלטען אראבגעלאזט דעם קאפ, א געהיטעלטער, א צומישטער וואס האט זיך אבגערופען אין דעם בחור'ל? צו וועך גרויסער רחמנות צום אריבען מענשען, וועלכער האט מיט אזא התלהבות געטרוימט וועגען דער אויסלעזונג פון דער מענשהייט? צו די ענטציקונג, וואס ס'האבען אין איהם דערוועקט די מענשען-מלאכים? צו די פלאמענדיגע האפנונג, אז ער וועט איך א מאל ווערען איינער פון אזוינע מלאכים?...

דורך דער טהיר האט זיך אריינגערוקט א ווייבערשע קאפ מיט א רויטען שאל איף די געלע האר; דער קאפ האט זיך א ווײַלע געסודע'ט מיט יאדוויסיען, וועלכע איז פרעהליך צוגעשפרונגען צו דער טהיר, ווען זי האט איהם דערזעהן.

— טאטע! די מיידלעך און די פאראבקעס ווילען אנקוקען דעם ידענ'ס סחורה. מעגען זיי אריינגעהן?

— ס'קען זיין, זיי וואלטען געמאגט; איז אבער א שאד, וואס דו ווילסט דאס ניט, הא?—האט דער אלטער קאריבא געטריעבען קאטאזעס.

יאדוויסיע האט אראבגעלאזט די הענד אויפ'ן קלייד און מיט א געבעט געקוקט אויפ'ן פאטער. זי האט זעהר געוואלט אנקוקען דעם קרעמער'ס סחורה.

— מענערשע קאמזוילען האסטו?—האט געפרעגט סטעפאן, אויפשטעהענדיג פון נעבען פענסטער.

— עפען, ייד, דיין קלומעק, ווען פאננא יאדוויסיע וויל!—האט א געשריי געטאן טאמקעוויטש.

א! לאנג בעטען דעם ידען איז ניט געווען נויטיג. א רידהרעוודיגער, אקוראט ווי מ'האט איהם אראבגענומען פון די פלייצעס א העלפט יאהרען און א העלפט צרות, א פלינקער, אקוראט ווי ער איז גאר קיינמאל קראנק ניט געוועזן, איז ער אויפגעשפרונגען פון דעם ביינקעל און זיך אוועקגעזעצט אויף דער ערד, צעבינדענדיג מיט ציטערדיגע הענד די שטריקלעך פון דעם קלומעק. ס'ארא גליק! געקומען איז ער אהער א געכאפטער, ווי א גנב; געדרעכענט האט ער, אז מען וועט איהם זידלען און געבען קלעפ, אויב ניט נאך איבערגעבען אין סוד; און דא האט מען ניט נאר כמעט אויף איהם ניט געשריען, נאר מ'האט איהם נאך געבעטען זיצען און גערעדט מיט איהם, ווי מיט א מענשען, און איצט הייסט מען איהם ווייזען די סחורות... אפשר וועט ער פערקויפען, עפיס פערדיענען... ס'איז היינט מיטוואך; איבערמארגען געהט ער א היים צו די קינדער,

און ביז די געוועהנליכע דריי הובל פעהלט נאָך אַ קנאָפּ קערבעל. פער־דיענען! פערדיענען! איך ברויט און באַנקעס פאַר זיך, אויף ברויט, קאַר־טאָפּליעס און אַ וועלכע ניט איז שמאַטעס פאַר זיינע קינדער.

דער מיסטיקער, *) וועלכער טרוימט וועגען אַ גן־עדן אויף דער ערד,— דער אונבעוואוסטער דיכטער, וואָס זיין זכרון איז פול מיט אַלערליי אַל־טע לעגענדעס,—דער אָרימער סוכאָטניק, וועלכער טראָגט אַרום מיט אַפּאַטיע *) און יאוש איבער דער וועלט זיין הונגער און זיינע צעריסענע קליידער,— דאָס אַלעס איז פערשוואונדען. פאַר די אויגען פון די אַרומיגע האָט זיך בעוויזען אַ דאָרפישער הענדלער, אַ רידהרעוודיגער, גרייט צו בעדיענען זיינע קונים, מיט אויגען, וואָס לויפען איבער פון איינעם צום אַנדערן, און מיט אַ צונג וואָס הערט ניט אויף צו שוטען ווערטער.

— מענערשע קאַמזוילען? אַוודאי! פאַר וואָס זאָל איך ניט האָ־בען? אפשר די פאַנענקע בלאָהע סטייגגעלעך? און דער פאַניטש זאַפּאָנ־קעס צו די אַרבעל? נאָדלען האָב איך, שפּילקעס, קנעפּלעך, אַלערליי טיכלעך, זעהר שענעם פערקאַל, גאָלדענע פינגערלעך, פינגערהוטען, פאָ־דים, טאַשטועס...

די פיס האָבען אידם אַפילו אויפגעהערט ציטערען און אין דער ברוסט האָט אויפגעהערט צו כריפען.

— העי, גדליהקע!—האָט זיך אָבגערופען קאָרייבאַ האַלב ערנסט האַלב אויף קאַטאָוועס.—און וואָס זשע ועט זיין מיט'ן אַרבעס, וואָס דו האָסט ביי מיר געגעסען? האַ? אפשר וועלען מיר אַ שמועס טאָן אַ ביסעל וועגען דעם ענין?

אָ! איצט האָט שוין גדליה קיין פיצעל מורא ניט געהאַט! מיט עלאַסטישע טריט, אָבער אָטעמדיג שווער, איז ער צוגעשפּרונגען צום טיש, זיך אַ נויג געטאָן פאַר'ן בעל־הבית און געזאָגט מיט אַ וויציגען שמייכעל:

— האָט קיין פאַראיבעל ניט פּאַני, איך הערויף איז ביי אונז אויך דאָ אַ משל.

— דער מלך שלמה האָט געהאַט אַ סך עשירות—האָט ער אָנגע־

---

*) אַ מענש וועלכער טראַכט וועגען די גרעסטע סודות פון דער וועלט, וועלכע מען קען ניט משיג זיין מיט'ן שכל.

*) אפּאַטיע—גלייכגילטיגקייט, ווען קיין זאַך ברייגגט דעם מענשען ניט אַרויס פון זיך.

הויבען צו דערצעהלען,—און ישוע דער פאַסטוך, האָט ניט געהאַט גאָר ניט. איינמאָל אום שבת איז ער אַריינגעגאַנגען אין דעם מלך׳ס פּאַלאַץ און (ה)ערזועהענדיג, אַז קיינער איז ניטאָ, האָט ער צוגענומען פון טיש אַ שטיק קוגעל. האָט זיך אָבער געפונען איינער דעם מלך׳ס אַ בעקאַנטער, וועלכער האָט געזעהן, אַז ער האָט גענומען אַ שטיקעל קוגעל; האָט ער איהם אָבגעפיהרט צו שלמה׳ן. און שלמה...

קאָרייבאַ, וועלכער האָט זיך אַזוש געהאַלטען פאַר די זייטען, קוקענדיג אויף זיין ריהרענדיגען פּנים, האָט איהם אויף דעם אָרט איבערגעהאַקט.

— האָ! האָ! גדלי׳ה׳קע! אָט דעם משל טראַכסטו שוין אַליין אויס; דאָס זעה איך אָן דיין צורה... די מעשה שטעהט ביי אייך ניט געשריעבען... אָבער ביי דיר אין קאָפּ שטעהט אַזוי: דער מלך שלמה האָט ניט געזידעלט ישוע׳ן פאַר׳ן שטיקעל קוגעל, נאָר ער האָט איהם נאָך געגעבען מעהל אויף לאָקשען? האַ, אמת?

— אמת, טהייערער פּריץ!

— נו, טאָ לאָמיך זשע היינט זיין שלמה המלך; זאָל מיינס איבערגעהן... צוליעב אונזער אַלטער בעקאַנטשאַפט. איך וועל דיך ניט טשעפּען פאַר׳ן אַרבעט, און אָסיען־צייט, ווען איך וועל האָבען אַ געלעגענהייט קיין וואָלפע, וועל איך דיר איבערשיקען אַ זעקעל קאַרטאָפליעס פאַר דיינע קינדער.

דער יוד האָט געכאַפּט קושען דעם פּריץ׳ס האַנד און פאַר גרויס פרייד האָט ער געשטאַמעלט אונקלאָרע ווערטער:

— זאָל דער פּריץ מצליח זיין, וואו ער וועט זיך קעהרען און ווענדען! זאָל דער פּריץ דערלעבען זיך קויפען נאָך אַזאַ נחלה, ווי די! זאָל דער פּריץ, נו, זאָל דער פּריץ האָבען נאָך הונדערט אַזוינע שענע זיהן און טעכטער, ווי אָט די פּאַניטשעס און אָט די פּאַניענקע...

די קאָרייבעכע האָט איבגעשאָסען מיט אַ געלעכטער, אַז די שטוב האָט אַזוש געהילכט, ווי זי האָט דערהערט די לעצטע ווינשעוואַניע.

— אַ, ניט געדאַכט זאָל ער ווערען! ס׳ט׳געהערט אַ פלוידערן! אַזאַ חולה, און די צונג—ווי אויף שרויפען.

נעבען קאַמין איז געווען ענג און רוישיג. כדי בעסער צו זעהן די כחורות, האָט מען אַריינגעלעגט אין קאַמין נאָך האָלץ. דאָס פייער האָט געפלאַקערט, גרויס און ליכטיג, און אין שטוב איז געוואָרען

הייס, ווי אין אַ באָד. אָבער קײנער האָט זיך דערויף ניט אומגעקוקט; וואָרום אַלע זענען דאָרט געווען געוואוינט צו אַלצדינג. צוויי יונגע שקצים, צוויי שיקסעס און אַנאַלטע גויע האָבען זיך פֿאַמעליך אַרײַנגערוקט אין שטוב און צוזאַמען מיט'ן בעל־הבית'ס פֿאַמיליע האָבען זיי געבילדעט איין גרופּע, אַ פֿרעהליכע און אַ פֿערגאַפֿטע.

אונמיטען דעם עולם, איבער אַ קופּע קאָלירענדיגע אָדער גלאַנצענדיגע שמאַטעס, איז געזעסען גדליה, אַלעבעדיגער, אַ ריהרעוודיגער, און געקירעוועט זיך איף אַלע זייטען, צעוויקעלט די העל־פֿאַרביגע שטאָפֿען און טיכלעך, צווישען צוויי פֿינגער געדרעהט אַנטקעגען פֿײַער מעשענע פֿינגערהוטען, שטאָהלענע קנעפּלעך, זילבערנע פֿינגערלעך. יאַדוויסיע און יאַנעק זענען אויך געזעסען איף דער ערד, געפּאָרעט זיך מיט די סחורות, אויסגעקליבען פֿערשיעדענע זאַכען, געפּלידערט איינס מיט'ן אַנדערען; די קאָרייבעכע און סטעפּאַן זענען געשטאַנען הינטער גדליה'ן און צונומען און בעטראַכט מענערשע קאַמזוילען און ווײַבערשע פֿאַטשיילעס; די שקצים און די שיקסעס האָבען אַרויסגערוקט אַנטקעגען פֿײַער זייערע ברייטע אַקסלען און רויטע פּנימ'ער; אַפֿילו די אַלטע גויע האָט אַריבערגעבריגען איבער יאַנעק'ן און יאַדוויסיע'ן איהר אײַנגעשרומפּענעם, לאַכענדיגען פּנים אָהן ציינער און האָט געשריען מיט איהר חייזעריגען קול, אַז מען זאָל איהר אָבמעסטען צוויי אַרשין פּערקאַל איף אַ פֿאַרטוך.

אַפֿילו טרעזאָר איז אַרויסגעקראָכען פֿון דעם ווינקעל און בילענדיג זיך אַרײַנגעמישט צווישען די מענשען; מ'האָט איהם כסדר אָבגעטריבען, און ער האָט אַלץ געוואָלט קריכען מיט די בלאָטיגע פֿיס איף די סחורות.

* *
*

די נאַכט איז געווען פֿינסטער, און נאָר איבען האָבען געפֿונקעלט טויזענדער שטערען, ווען גדליה איז ווידער אַרויסגעגאַנגען פֿון דעם טויער פֿון דער פֿערמע. באַלד ווי ער איז אַרויסגעגאַנגען האָט איהם בעגריסט דאָס געשריי פֿון די פֿעלד־גרילען. אין דער תבואה נעבען וועג, אין די גראָזען איף דעם פֿעלד האָבען זיי געגרילצט, ווי אַ גרויסער כאָר,

אין אַזוי גיך, אַזוי אײַלענדיג, אַקוראַט ווי זיי מזען אָבזינגען זייער ליעד וואָס גיכער, כדי פּאַר האַלבער נאַכט אַנטשווינגען צו ווערען. אויפ'ן וועג אונטער די געדיכטע ווערבעס איז געווען פינסטער חושך; איבער די ברייטע פעלדער האָט דער ווינד גערוישט שטיל, און איין טאָן. נעבען שטאַל, וואָס האָט זיך שוין פון יענער זייט טויער געצויגען ווי אַ לאַנגער שאָטען, איז געשטאַנען אַ שלאַנקע, אונבעוועגליכע טאָפּאָליע. דער יוד איז צוגעגאַנגען צו דער טאָפּאָליע, אַראָבגענומען דעם קלומעק פון די פּלייצעס און שעפּטשענדיג אַ ווײַלע, בערעכענט דאָס פערדיענסט פון דעם הײַנטיגען אָבענד. ער האָט פערקויפט ניט ווייניג,—פערדיענט אַ האַלבען רובל און איז געווען צופרידען. נאָר קאַלט איז איהם געווען און ער האָט געוואָלט עסען. מילא! מאָרגען וועט ער זיך אָנוואַרימען אויף דער זון און וועט אָבעסען בײַ'ם שיינקער אין שומנע. ער האָט אויפגעהערט רעכענען און אַ קוק געטאָן אויף די שטערען. אונטער דער אונבעוועגליכער טאָפּאָליע האָט ער אויפגעהויבען די הענד אין דער הויך און האָט געדאַווענט:

—געלויבט ביזטו גאָט, אונזער גאָט, דער האַר פון דער וועלט, וואָס די האָסט אויסדערוועהלט דאָס יודישע פאָלק צווישען אַלע פעלקער!

דער הוסט האָט איהם געוואָרגען; איבער'ן אויסגעדאַרטען טונקעלן לײַב אונטער דעם לעכערדיגען העמד איז אַלע ווײַלע דורכגעלאָפען אַ ציטער.

—געלויבט ביזטו גאָט, אונזער גאָט, דער האַר פון דער וועלט, וואָס די האָסט מיך בעשאַפען, ווי ס'איז געווען דײַן ווילען. *)

שפּעטער מיט עטליכע מינוט איז ער שוין געלעגען אויפ'ן רוקען, דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אָן קלומעק, די הענד צעוואָרפען איפ'ן פּײַכטען גראָז. פון דער ווײַטען, פון דעם פעלד, האָט זיך געהערט אַ פּײַפען: דאָס האָט סטעפּאַן ווידער געהיט דעם אַרבעס און די קאַרטאָפליעס. אין דער שוואַרצער פינסטערניש פון דער ווערבע־אַלעע האָט אַ פערד געקלאַפּט מיט די קאָפּיטעס: דאָס איז טאָמקעוויטש געפאָהרען אַ היים. דאָס קלאַפּען איז פערשוואונדען געוואָרען אין דער שטילער ווײַטקײַט. די פערמע איז געשלאָפען. ערגיץ האָט אַ פּאַסטוך געשפּיעלט אויף זײַן פּײַפעל. די גרילען האָבען אויפגעהערט זינגען.

---

*) קענטיג אַ טעות: די ברכה „שעשני כרצונו" איז ניטאָ ניט אין מעריב, ניט אין קריאת שמע, און בכלל איז דאָס אַ ווײַבערשע ברכה.

גדליה האָט ניט געשלאָפען. ער האָט געטראַכט וועגען דעם אומגעריכ־טען פערדיענסט, וואָס איז געווען ווי אַ ווייַנטרויב אויף זייַן דאָרנשטרויס. און אפשר האָט דאָס סוכאָטע־פיעבער איהם געמאָלט צווישען די שטערען איפ׳ן הימעל און זייַנע אָפענע אויגען—מענשען־מלאכים, וואָס געהען אַרויף און לאָזען זיך נאָכדעם אַראָב און זייהען זיסקייַט און ליכטיגקייַט אויף דער ערד, כדי מיט דער צייַט זאָל ניט זייַן ניט קייַן אָרימקייַט, ניט קייַן קריעג, ניט קייַן מענשען, וואָס וויינען און שרייַען אין זייערע הערצער, אַז ס׳איז זיי שלעכט און ביטער...



# שמשון הגבור.

ווען דו ווערסט אַמאָל, ליעבער לעזער, וועלען אָבזוכען אין דעם מענשענ'ס שפּראַך אַזאַ אויסדרוק, וואָס זאָל האָבען די אייגענע בעדייטונג, ווי דאָס וואָרט „ייד“, זאָלסטו נעהמען אַ היסטאָרישען ווערטערבוך און זאָלסט זוכען צווישען די ווערטער, וואָס הויבען זיך אָן מיט „קוף“, און ווען דו ווערסט געפינען דאָס וואָרט קרעזוס *), זאָלסטו עס אונטערשטרייכען און זאָלסט געדענקען, אַז דו ווייסט שוין, וואָס דו האָסט געוואָלט וויסען.

אַ ייד און אַ קרעזוס—דאָס איז פּונקט דאָס אייגענע. אַלע הייסען, אַז ביי יידען הויבט זיך אָן מיט רויטשילד'ס, נאָכדעם געהען אַלערליי אַנדערע באַנקירען, וועלכע פערמאָגען איך ווייס ניט וויפיעל מיליאָנען, מיט פּאַלאַצען, מיט גאָלד און זילבער, מיט געשניצטע טייערע מעבעל, מיט קאָברעצען, מיט גרויסע שפּיגלען א. אַז. וו. דערפון איז, דאַכט זיך, קלאָר, ווי צוויי מאָל צוויי איז פיער, אַז אַ אמונה, וואָס גיעט אַרויס אַזוינע רויטשילד'ן

*) קרעזוס—אַ לידישער קעניג, וועלכער איז געוועזען בערימט מיט זיין גרויסער רייכקייט. אין די אייראָפּעאישע שפּראַכען בעדייט „קרעזוס'ס רייכקייט“ דאָס זעלבינע, וואָס אין יודיש „קרח'ס אוצרות“.

און אַלערליי אַנדערע באַנקירען, איז אָנגעשטאָפּט מיט רייכקייט און איז פון איבען ביז אַראָב איינגעטונקט אין מיליאָנען, פּאַלאַצען, געשניצטע טייערע מעבעל, שפּיגלען א. אַז. וו. איבּ איינער פון דער אמונה איז ניט אַזאַ גרויסער עושר, איז דאָס נאָר דעריבער, וואָס ער אַליין וויל ניט, ווייל ער קען אויסקומען מיט וואָס ניט איז: וואָלט ער נאָר געוואָלט, וואָלט ער געוויס פערמאָגט די אַלע זאַכען.

אַרייכע אומה, אַגליקליכע אומה! איך קען גוט דאָס גליק איהרס, און איך וואונדער זיך נאָר, פאַר וואָס האָט שמשון בן גרשון, ציפּה'ס מאַן, ניט געוואוסט גאָר ניט פון אָט דעם רייכקייט און פון דעם גליק, וואָס עס ברייגנט מיט זיך די עשירות. קוקענדיג אויף שמשונ'ען, ווי ער מאַכט זיך ניט וויסענדיג פון די אַלע זאַכען, האָב איך ניט איינמאָל געדענקט, אַז ס'איז נאָר אַנ'אָנשטעל, אַגעמאַכטע זאַך, כדי צו קענען בעסער פערנאַרען די גוים: מסתמא האָט ער זיך שוין אויסגעקליבען צווישען אונז עפּיס אַמעראָפּיע, ד. ה. אַקרבן, וואָס קהל האָט פער'משפּט און איבערגעגעבען אין זיינע הענד, כדי ער זאָל פון איהם ציהען זיין חיונה. ווען איך האָב זיך אָבער צוגעקוקט נעהענטער, בין איך געוואָהר געוואָרען, אַז איך האָב געהאַט אַטעות; איך האָב מיט גרויס פערוואונדערונג דערזעהן, אַז שמשון האָט טאַקע באמת ניט קיין שום מעראָפּיע און ווייסט טאַקע ניט, וואָס הייסט עשירות און וואָהלטאָג. און וואָס איז שייך צו גאָלד און זילבער, געשניצטע מעבעל און שפּיגלען, איז ביי מיר אַגרויסער ספק, צו שמשון האָט דאָס גאָר ווען ניט איז געזעהן אין זיין לעבען, איב מיר זאָלען נאָר ניט רעכענען דאָס קליינע שפּיגעלע פון אַפּיערטעל איל די לענג, וואָס איז געהאַנגען איבער ציפּה'ס קאַסטען אין אַפראָסט הילצערען רעמעל דוקא אָהן גאָלד און שניצערייען; צו דעם שפּיגעל פּלעגט עטליכע מאָל אין טאָג אַרויפקריכען דאָס זעקס־יאָהריגע שמשונ'ס טעכטערל אסתר'קע, כדי בעסער אָנצוקוקען איהרע רויט־פייערדיגע לאָקען, די בלאָהע שמייכלענדיגע אויגעלעך און דעם בלאַסען פּנים פון דעם טאַטען, וועלכער האָט מיט אַשמייכעל געקוקט אויפ'ן שפּיגעלע און אויף דער קליינער.

אַחוץ דעם דאָזיגען שפּיגעלע, וואו עס האָט זיך שטענדיג אַרויסגעזעהן אַשטיק קיטיגע וואַנד און צייטענווייז זיך אָבגעשפּיגעלט אסתר'קעס שקצ'עוואַטען נעזעל, האָט שמשון פון קיין אַנדערע שפּיגלען ניט געוואוסט, ווי ער האָט איבערהויפּט ניט געוואוסט פון אַסך זאַכען, וועלכע זענען דוקא ניט קיין זעלטענקייט אויף דער וועלט. איך מוז מודה

זיין, אז דער קרייז פון ערשיינונגען און זאכען, וועלכע זענען שמשון'ען יא געווען בעקאנט, איז געווען זעהר קליין, ווארום פון אלדינג, וואס ס'איז דא איף דער ערד, האט ער גוט געקענט נאר זיין שטוב—א צימער פון צעהן טריט די לענג און פינף די ברייט; אין דער שטוב האט ער געקענט יעדעס פיצעלע, ערשטענס, ווייל ער האט אין איהר געוואהנט שיין א משך פון צוועלף יאהר, און צווייטענס, ווייל ס'איז ניט געווען וואס צו קענען, א חוץ צוויי בעטען מיט א סך טונקעל-רויטע קישענס, א גרויסען אויווען מיט א לאך, ווי א שווארצער אבגרונד, עטליכע שמאטעס, וואס טריקענען זיך שטענדיג ביים אויווען, א פענסטערעל מיט א פערפוילטער ראהם, א טיש אונטער'ן פענסטער, דריי בייגקלעך, איין קאץ און פינף קינדער.

די פינף קינדער קען שמשון בעסער ווי אלע אנדערע זאכען, ווייל ער האט זיי שטארק ליעב. און פאר וואס זאל ער זיי טאקי ניט ליעב האבען, אז דאס איז גאר ניט קיין געוועהנליכע קינדער: קלוגע ווי דער טאג, שענע ווי בני-מלכים, און גוטע!... עט, וואס אי גאר דא וועגען דעם צו רעדען!... פונדעסטוועגען רעדט וועגען דעם ציפה זעהר אפט, און נישלעווע הוקא ניט קיין רייד, און שמשון זאל עס איהר זאגען אנטקעגען איין ווארט. פערקעהרט, ער אליין פיהלט איך מיט'ן גאנצען הארצען, אז ער איז געבענשט מיט אויסערגעוועהנליכע קינדער, און ער פרעהט זיך ניט ווייניגער פון ציפה'ן, כאטש ער שווייגט כסדר בשעת זי האלט אין איין רעדען.

פון יעדען קינד האט ער אנ'אנדער מין נחת! אסתר'קע, למשל, איז א שפירט, ניט קיין מיידעלע. שיכלעך געדט זי נאר אום שבת, אי דאס כסדר צעריסענע. ס'איז א חרפה צו זאגען: די שיכלעך קויפט מען ביי דער יודענע, וועלכע האנדעלט מיט שמאטעס, ווען אנדערע, רייכערע קינדער ווארפען זיי שוין ארויס. ס'רוב איז דאס אטלאסענע אדער ווייכע לעדערנע שיכלעך, אפטמאל בלאהע אדער רויטע, אבער שטענדיג צעריסענע. נאך ווי די מעשה איז, צי אין שיכלעך, צי בארוויס, שטענדיג טאנצען אסתר'קעס קליינע פיסעלעך ארום איבער'ן שטוב, שפרינגען ארויף איף דער מאמע'ס קאסטען, טופען איבער די שטיינער, וואס בעדעקען דעם הויף, און אפטמאל הענגען זיי אריבער פון דעם פארקען, וועלכער צאמט-אב דעם הויף פון דעם שכנ'ישער הויז, אזוי אז ס'דאכט זיך, אז זיי הענגען אהן זייער בעל-הבית'טע, ווארום די אויבערשט העלפט פון דעם מיידעלע געפינט זיך איף איין זייט פארקען, די אונטערשטע—

איף דער צווייטער. איהרע האָר, וועלכע זענען שטענדיג צעשויבערט און צעפּאַטעלט ביז'ן לעצטען גראד, זעהען אוים ווי געשלענגעלטע פלעמלעך און זענען אַזוי געדיכט, אַז דאָס קיילעכדיגע פּנים'על מיט'ן רויטען פינ־טעלע איפּ'ן אָרט פון די ליפּען זעהט אוים צווישען זיי נאָר אַ קליינס, אַ פיצינקעלע, אַזוי איז אסתר'קע, דאָס דריטע פון שמשון'ס קינדער.

פונקט אַ פּאָר צו איהר איז דאָס יונגערע ברודערל מענדעלע; דער חלק איז נאָר, וואָס ער איז שטענדיג אָנגעטאָן אין אַ אַרבע־כנפות'ל פון ראָזע לייגוואַנד מיט לאַנגע ווייסע ציצית, וועלכע הענגען אַראָב ביז דער ערד, אַזוי אַז ער טרעט אויף זיי כסדר אָן מיט די פים. מענדעלע פּאַלט אָפט אָן צערייסט מיט זיין שרעקליכען געשריי דאָס ביסעלע לופט, וואָס פילט אָן די שטוב און דעם הויף; נאָר אַזוי ווי קיינער קוקט זיך לחלוטין ניט אום, דויערט ער געוועהנליך ניט לאַנג. מענדעלע שטעהט אַליין אויף אָהן עמיצענס הילף, מאַכט צורעכט די יאַרמולקע אויף די הערלעך, וועלכע זענען פונקט אַזוי רויט ווי ביי אסתר'קען, און נעהמט זיך ווידער קריע־כען מיט אסתר'קען צוזאַמען אויף די פּאַרקענס, אויף די הויפענס מיסט און אויף די ברעטער, וועלכע הוידען זיך פון יעדער בעוועגונג; דערביי מאַ־כען זיי אַלערליי שטיק, ווי אמת'ע אַקראָבאַטען, און שמשון קוקט דורכ'ן פענסטער מיט אַ שטילען פרעהליכען שמייכעל. ניט לאַנג וועט שוין אָבער דויערן אָט די גליקליכע צייט אין מענדעלע'ס לעבען. נעבעך! עס קומט אַ סוף צו זיין פרייהייט. אין אַ פּאָר חדשים אַרום ווערט איהם פינף יאָהר, וועט ער זיך מוזען אָנהויבען לערנען. ער האָט שוין אַזוי איך גענוג זיך פערשפּעטיגט. נאָך פּאַראַיאָהרען, ווען עס האָט איהם געזאָלט ווע־רען פיער יאָהר, האָבען זיינע טאַטע־מאַמע געשמועסט וועגען דעם, אַז מען דאַרף איהם שוין אָבגעבען אין חדר. דעמאָלט האָט אָבער מענדעלע איף דעם פאָרשלאַג בשום אופן ניט געוואָלט מוסכם ווערען. ער האָט זיך פשוט אָבגעזאָגט געהן אין חדר אַריין—און אַ סוף. ער האָט זיך אָנגע־כאַפּט מיט ביידע הענדטלעך פאַר דער מאַמע'ס קלייד, אַראָבגעלאָזט זיך איף דער ערד, אָנגעשפּאַרט די פים אָן דער פּאָדלאָגע און אַרויסגע־לאָזט אַ מוראדיגען געשריי; טייכען טרערהרע האָבען זיך איהם דערביי געגאָסען פון די בלאָהע איגען אויף די רויטע בעקלעך—און ער איז טאַ־קע געבליעבען אין דער היים! ציפּה איז פון אָנפאַנג געווען אין כעס; עס האָט זי פערדראָסען, וואָס איהר פיער יאָהריגער זוהן וויים אַרוים אַזוי ווענינ ליעבשאַפט צו דער תורה און צו איהר פערטרעטער—דעם איינגעהויקערטען מלמד מיט דער לאַנגער באָרד און מיט די אויסגעלאָ־

שענע איגען. שמשון האט איהר אבער אויסגערעדט דאס הארץ:

— ווען איך בין געווען אין זיינע יאהרען—האט ער געזאגט—בין איך נאך ארומגעלאפען אין גאס און האב זיך געשפיעלט... פונדעסט־וועגען זעהסטו, צו וואס איך האב דערגרייכט. גאט וועט העלפען, ער וועט איך צו עפיס דערגרייכען, דערווייל לאז ער נאך א ביסעל אינ־טערוואקסען.

הערפאר דאס עלטערע יונגעל שמשונ'ס, העניך, געהט שוין אין חדר פון פינף יאהר; ער קען זעהר גוט לערנען העברעאיש, ער איז דורכגעגאנגען און ווייסט אויף קלאר דעם גאנצען חומש און שוין פון א יאהר האט ער זיך איפגעהויבען אויף א העכערע מדרגה פון וויסענ־שאפט: ער לערענט גמרא מיט רש"י. ניט פיעל קינדער געהען אזוי שנעל אויף דעם וועג פון דער תורה. עס איז דעריבער קיין חדוש ניט, וואס די שווארצע איגען פון דעם שענעם יונגעלע זענען אונגעוועהנליך ברייט געעפענט און לייכטען פון דיערע טיעפע לעכער אויף דעם בלא־סען פנימ'על מיט אזא אונגעוועהנליך הייסען גלאנץ און מיט עפיס אזא טרויער, אקוראט ווי זיי קלאגען זיך אויף עפיס כסדר. העניך האט זיך טאקי געקלאגט פון אנפאנג אויף זיין בייזען מלמד, געוויזען די אויערען, וועלכע זענען פון דעם אפטען צופען געווען רויט ווי פייער און גע־שטעקט צווישען די געדיכטע שווארצע האר ווי צוויי העלע רובינען *). ער פלעגט איך זיך קלאגען שטילערהייט פאר דער מאמען, אז עס טהו־ען איהם וועה די פלייצעס און דער קאפ: די פלייצעס—פון דעם מלמד'ס קלעפ און דער קאפ—פון צופיעל תורה, וועלכע האט איבערגעפילט דעם בערך צו קליינעם פלאץ אינ'ם קינדערשען מח. נאר אזוי ווי פון דעם קלאגען זיך איז פאר העניך'ן קיין שום טובה ניט ארויסגעקומען, האט ער מיט דער צייט גאר אינגאנצען אויפגעהערט זיך קלאגען.

העניך'ס מלמד איז געווען דער וואלוועלסטער פון אלע מלמדים, וועלכע פערשפרייטען דאס ליכט פון תורה צווישען די קינדער פון אנ־גראד; אין כאטש דאס פאלק ישראל פערמאגט רויטשילד'ס און אנדערע זעהר רייכע באנקירען, פונדעסטוועגען האבען שמשון און ציפה ניט גע־האט בכח צו צאהלען א בעסערען מלמד, וועלכער וואלט געהאט א ווייכערען כאראקטער און מעהר ליעבשאפט צו די קינדער, נאר ער וואלט פערלאנגט מעהר שכר־למוד. העניך לערענט טאקי זעהר גוט און קען

*) רויטע טייערע שטיינער.

אַסך, נאָר ער פֿיהלט ניט די אינווענייגסטע צופֿריעדענהייט, וועלכע בעגלייט געוועהנליך די גליקליכע וואַנדערער איבער די פֿעלדער פֿון דער וויסענשאַפֿט. ער זעהט ניט אויס ניט גליקליך און ניט געזונד. געקומען פֿון חדר, זעצט ער זיך סיּרוב אַניִדער אין אַ ווינקעלע אויף דער ערד. דאָס אָבגעריבענע היטעלע רוקט ער אָן אויף די אויגען (וואָרום מען טאָר, חלילה, ניט בלייבען אַפֿילו איין רגע אָהן אַ היטעלע) און טיעף פֿערטראַכט גראָבט ער מיט אַ שטעקעלע דאָס מיסט, וואָס ליעגט אין ווינקעל שטוב, אָדער ער האַלט די ברוינע קאַץ אויף זיינע קניה, גלעטענדיג לאַנגזאַם איהר פֿעלכעל מיט זיינע קליינע, דאַרע פֿינגערלעך און אַריינקוקענדיג מיט די גרויסע אומעטיגע אויגען אין איהרע קאַצענע שוואַרץ־אַפּעל, וועלכע ווינקען צו איהם פֿריינדליך און בלישטשען מיט אַ גאָלדענעם אָבגלאַנץ. דאָס דאָזיגע בעשעפֿעניש, וועלכע ציפּה האָט אַ מאָל געפֿינען אין גאַס, ווען עס איז נאָך געווען אַ קליין קעצעלע, האַלב טויט פֿאַר הונגער, האָט זיך איינגעהאָדעוועט אין שטוב צוזאַמען מיט די קינדער. אַ חוץ העניך'ן פֿיהלט עס אַ בעזונדערע פֿריינדשאַפֿט נאָך צו איינעם פֿון שמשון'ס משפּחה.

דאָס איז שמשון'ס עלטסטע טאָכטער ליעבע — אַ שלאַנקע מאָגערע צעהניאָהריגע מיידעלע, וועלכע הוסט שוין פֿון פֿינף יאָהר. דער בלייכער פּנים איהרער בעווייזט, אַז זי איז ניט קיין געזונטע, און אין די העלגרויע אויגען ליעגט דער אויסדרוק פֿון וועהטאָג און געדולד; האָר האָט זי ווייסע, ווי פֿלאַקס, גלאַטע און פֿערפֿלאָכטענע פֿון הינטען אין אַ קורץ סטאַרטשענדיג צעפּעלע. אין דער היים קוקט מען אויף ליבע'ן, ווי אויף אַ דערוואַקסענעם מענשען; זי איז ערנסט און געשטעלט, ווי אַ גרויסער, גיעט אַכטונג אויף דער בעל־הבית'ישקייט אַנשטאָט דער מוטער, וועלכע איז גאַנצע טעג ניטאָ אין דער היים, און ניאַנטשעט די קלענערע קינדער. זי הייצט אין אויווען, טראָגט וואַסער פֿון דעם נאָהענטען ברונען, קאָכט וואַרימעס, קעהרט די שטוב איינמאָל אין וואָך און הונדערט מאָל אין וואָך שטעהט זי אויס די גרעסטע צרות פֿון אסתר'קען און מענדעלע'ן, וואָס מען מוז זיי כסדר זוכען, רופֿען, בעשטראָפֿען אָדער איינ־נעדהמען. דאָס אַלעס טהוט זי אויסערגעוועהנליך ערנסט און רוהיג, ווען זי האָט צייט דרעהט זי אין איהרע מאָגערע הענד די שפּולעך, מיט וועלכע זי אַרבייט וואָלענע, שוואַרצע אָדער בלאָהע, זאָקען, ווי ס'האָט זי אויסגעלערענט נאָך פֿאַר זעקס יאָהרען איהר מאַמע. אַ משך פֿון זעקס יאָהר אַרבייט זי זאָקען פֿאַר זיך, פֿאַר דער מאַמע און פֿאַר דער גאַנ-

צער משפחה אין אַמאָל, ווען עס ווערט גאָר ענג אין געלד, אויף צו פֿערקויפֿען.

אָפּט פֿיהלט זיך ליבע שרעקליך מיעד; זי זעצט זיך אויפֿ'ן נידעריגען בייַנקעל אונטער'ן איווען און לעגט צונויף די הענד מיט'ן זאַק אויף די קניה; לאַנג רוהען איז אָבער ניט מעגליך, ווייַל פּונקט דעמאָלט פֿערגלוסט זיך געוועהנליך דעם צוויי־יאָהריגען לייזער'קען שפּאַצירען איבער דער שטוב. ער געהט זיך אַרום, רעדט צו זיך אַליין, נאָכדעם פֿאַלט ער אין הויבט אָן שרייַען, און ליבע שטעהט אויף, נעהמט איהם אויף די הענד און וויעגט איהם אַזוי לאַנג, ביז ער בערוהיגט זיך ניט און הויבט ניט אָן שמייכלען צו דעם שוועסטערל'ס פּנים, וואָס איז איבערגעבויגען איבער איהם. לעגט איהם ליבע אַרייַן אין וויעגעל און וויל אַוועקגעהן, לאָזט לייזער'קע וויעדער אַרויס פֿון דער ברוסט אַ שרעקליך טרייערינען טאָן—אַ סימן, אַז ער פֿערלאַנגט, די שוועסטער זאָל ניט אַוועקגעהן. דאָס וויעגעל שטעהט נעבען ציפּה'ס בעט; דאָס בעט איז אַליין אויך גענוג הויך, נאָר מחמת עס ליעגען דערויף צוויי איבערבעטען, איז דאָס נאָך העכער. ליבע, כאָטש זי איז גענוג הויך פֿאַר איהרע צעהן יאָהר, קען ניט אַזוי לייַכט אַרויפֿקריכען אויפֿ'ן בעט. זי דראַפּעט זיך פֿונדעסטוועגען ווי עס איז אַרויף, זעצט זיך אַוועק אויף די איבערבעטען, די פֿיס שפּאַרט זי אָן אָן דעם ראַנד פֿונ'ם וויעגעל און, אַרבייַטענדיג דעם זאַק, קען זי שוין פֿון דעם הויכען פּלאַץ איהרען אַכטונג געבען אויף לייזער'לען. וועלכער ווערט אַנטשלאָפֿען, נאָר ער עפֿענט נאָך פֿון צייַט צו צייַט זייַנע אויגעלעך און קוקט, צי איז די שוועסטער חלילה ניט אַוועק. איך ווייס ניט, צי בעמערקט דאָס קינד, עפֿענענדיג אַלעמאָל די פֿערשלאָפֿענע אויגעלעך, ווי מאָדנע בולט עס זעהט אויס דער קאָפּ פֿון דעם ערנסטען מיידעלע מיט דעם בלאַסען פּנים, די אַראָבגעלאָזענע ברויען און דעם סטאַרטשענדיגען צעפּעלע אויף דער טונקעל־רויטער פֿאַרב פֿון די גרויסע איבערבעטען און קישענס, וואָס הויבען זיך אַרום איהר פֿון אַלע זייַטען.

אָט דאָס זענען שמשונ'ס קינדער: וואָס זשע איז אָבער שמשון אַליין?

וואָס איז ער?—מיט דער פֿראַגע מיינט מען געוועהנליך פֿון וואַנען שטאַמט דער מענש און וואָס פֿאַר אַנ'אָרט, אַ העכערען צו אַ נידעריגערען, ער פֿערנעהמט אויף דעם געזעלשאַפֿטליכען לייטער.

פון וואנען שמשון שטאמט, וועל איך ניט קענען זאגען גענוי. זיין טאטע איז מסתמא געווען א וואסער־פיהרער אדער א האלץ־האקער. וועגען דעם איז פאראן חלוקי דעות: איינע זאגען אזוי, די אנדערע אנ־דערש; אבער אלע זענען מוסכם, אז דער טאטע זיינער איז געווען א גרייסער קבצן, ווארום אנגעהויבען האט זיין זוהן שמשון זיך לערנען אין תלמוד־תורה. בנוגע אבער צו דעם פלאץ, וואס שמשון פערנעהמט איף דעם געזעלשאפטליכען לייטער, קענען מיר פערשטעהן, אז דאס איז געווען א הויכער פלאץ, ווארום מיר האבען דאך געהערט, ווי ער האט געזאגט צו זיין ווייב ציפה'ן: „ועהסטו, צו וואס איך האב דערגרייכט!" א מענש וואס רעדט ארויס אזוינע ווערטער מיט צופריעדענהייט און גדלות, האט מסתמא דערגרייכט צו עפּיס א הויכער און א וויכטיגער מדרגה. שמשון פערנעהמט טאקי אזא שטעל, וואס מיר אלע זענען געוואהנט צו האלטען די הויך און צו רעכענען, אז ס'קומט דערפאר כבוד און דאנקבארקייט פון אנדערע מענשען; שמשון איז... א געלעהרטער.

די לעהר־אנשטאלטען, וואו שמשון האט געשעפּט זיין וויסענשאפט, הייסען: תלמוד־תורה, ישיבה און בית־המדרש. זיי בילדען די זעל־ביגע שטופען, ווי: אנפאנגס־שול, גימנאזיע און אוניווערזיטעט.

ניט אלע ידען געהען דורך אלע דריי שטופען. פאראן אזוינע, וואס האבען ניט קיין פעהיגקייטען אדער קיין חשק, בלייבען זיי איף דער ערשטער אדער אויף דער צווייטער שטופע; שמשון איז ניט גע־בליעבען און איז דורכגעגאנגען אלע. אויף דער ערשטער שטופע איז ער אלט געווארען צעהן יאהר, איף דער אנדערער דרייצעהן, אויף דער דריטער אכצעהן; צו אכצעהן יאהר האט ער חתונה געהאט—און מערק־ווירדיג, ער האט אלץ ניט איפגעהערט לערנען. ער איז געגאנגען אין בית־המדרש און געלערענט, געזעסען גאנצע נעכט אין זיין שטוב, גע־בען טישעל ביים פענסטער און—געלערענט.

וואס האט ער געלערענט? זיין רעליגיע, איהר געשיכטע, איהרע אונצעהליגע פיינע שאטירונגען, *) די מעטאפיזיק, וועלכע איז אין איהר

---

***) שאטירונגען רופט מען געוועהנליך די פערשיעדענע מדרגות פון איין און דער זעלבער פארב: למשל, בלאה, העל־בלאה, וואסערדיג־בלאה, ווייסליך בלאה, טונקעל־בלאה, שווארץ־בלאה א. אז. וו. פון פארבען האט מען דאס ווארט אי־בערגעטראגען אויף אנדערע זאכען, וואו ס'איז פאראן זעהר פיינע, קוים־מערקבארע אונטערשיעדען.

אײנגעשלאָסען, *) די מסורות, ערצעהלונגען, שפּריכען, לעגענדעס, װעלכע בעפּוצען די און װעלכע מ׳קען ס׳רוב פֿערגלײכען—צו װעט איהר מיר גלויבען, רבותי?— מיט די פּערעל און בלומען פֿון דעם מענשליכען געדאנק. שמשון איז—װי זאָל איך דאָס זאָגען?—אַ טעאָלאָג **) — אַ מעטאַפֿיזיקער, טײלװײז אױך אַ היסטאָריקער, דאָרט װאו די היסטאָריע בעשעפֿטיגט זיך נאָר מיט דעם פֿאָלק ישראל און זײן אמונה. אַחוץ דעם דאָזיגען געביעט, װאו ער האָט בעקומען זעהר אַ גרױסע ידיעה, װײסט ער לחלוטין גאָר ניט, און אַחוץ כסדר שאַרפֿען דעם מח אין דעם דאָזיגען פֿאַך זײנעם, איז ער ניט פֿערנומען מיט גאָר ניט. דאָס שטענדיגע פֿערטיעפֿען זיך אין אַזאַ פֿאַך, װעלכע איז װײט אָבגעשײדט פֿון די בעדערפֿנישען פֿונ׳ם אַלטעגליכען לעבען, װאָלט געװיס אַרײנגעבראַכט דאָס אַלטעגליכע לעבען פֿון שמשונ׳ען און פֿון זײנע פֿינף קינדער אין אַזאַ קלעם, אַז ס׳װאָלט זיך שװער געװען אױסצודרעהען, װען שמשון װאָלט ניט געװען חתונה געהאַט צו אַכצעהן יאָהר מיט ציפּה׳ן, װעלכע איז דערמאָלט אַלט געװען זעכצעהן. מײדעלװײז האָט זי געדיענט אין אַ גרױסען באַקאַלײ־געשעפֿט, האָט זיך גוט אױסגעלערנט דעם מסחר מיט אַלע זײנע פּרטים; װען זי האָט חתונה געהאַט מיט אַ למדן, האָט זי זיך געפֿיהלט אַזױ גליקליך און געהױבען פֿון דעם שדוך, אַז זי האָט מיט לײב און לעבען זיך איבערגעגעבען צו דעם מאַן, װעלכער האָט איהר געשענקט אַזאַ ליכטיגען מזל; זי האָט איהם ליעב געהאַט מיט אַ ריהרענדער און שעמעװדיגער ליעבע, זי האָט איהם געשעצט, װי אַ בן־מלך, און איז גרייט געװען מיט אַלע כחות צו האָרעװען און צו מפקיר זײן זיך פֿאַר איהם ביז גאָר.

שמשון אַ װאַסער־פֿיהרער׳ס אָדער אַ האָלץ־האַקער׳ס אַ זוהן, אַן׳אָרימער תלמיד פֿון אַ אומזיסטיגער שול, אַ מענש אָהן שום פֿערמעגען, אַחוץ די צװײ הונדערט גילדען, װאָס מ׳האָט פֿון זײנטװעגען צונױפֿגעקליבען צװישען יודען בעלי־צדקה, װען ער האָט געדאַרפֿט חתונה האָבען,—אָט דער שמשון האָט זיך דאָך געגרעכענט אין די אױגען פֿון די יונגע מײדלעך און פֿון זײערע טאַטע־מאַמעס פֿאַר אַזאַ גאָלדענעם שדוך, אַז װען מ׳איז געװאָהר געװאָרען פֿון זײן חתונה מיט ציפּה׳ן, האָט מען זיך גע-

---

* מעטאַפֿיזיק—די לעהרע װעגען אַזױנע זאַכען (גאָט, נשמה און אַנדערע), װעלכע מען קען ניט תופס זײן מיט׳ן פֿערשטאַנד.

**) טעאָלאָג—אַ מענש, װאָס בעשעפֿטיגט זיך מיט רעליגיעזער װיסענשאַפֿט.

וואַנדערט איף דעם גליק פֿון דער קליינער פּריקאָשטשיצע, וואָס איהר מאַמע פּלעגט אַרומטראָגען איבער די גאַסען קוישען מיט אויבס און איהרע שוועסטער האָבען חתונה געהאַט פֿאַר שוסטערס, סטאָליערס און אַנדערע מענשען פֿון נידעריגען גראַד. אמת, די דאָזיגע שוסטערס און סטאָליערס האָבען געהאַט אייגענע הייזער, וואַרשטאַטען און שטענדיגע הכנסות. שמשון האָט ניט געהאַט ניט קיין הויז, ניט קיין מאַסטערסקאַיאַ, ניט קיין הכנסות, נאָר ער איז געווען אַ געלעהרטער און דערביי (דאָס איז אפשר ניט געווען דער עיקר) אַזאַ אידעלער און אַ שענער.

ווען שמשון און ציפּה האָבען חתונה געהאַט, האָבען זיי געהאַט אַ רום און אַ קאַפּיטאַל פֿון אַ רובעל דרייסיג. אַחוץ דעם האָט ציפּה געהאַט אויסשטייער, ד. ה. דריי העמדער, צוויי איבערבעטען, צוויי מלבושים און איין וואַטאָווען מאַנטעל.

אַחוץ יחוס האָבען זיי צו דער חתונה ניט פֿערמאָגט גאָר ניט, און פֿונדעסטוועגען לעבען זיי דאָך שוין אַ יאָהר צוועלף... אין דער צייט איז ביי זיי געבאָרען געוואָרען נײַן קינדער, פֿון וועלכע פֿיער זענען געשטאָרבען און פֿינף לעבען; ס'וועט מסתמא געבוירען ווערען נאָך עפּיס אַ פֿינף, פֿון וועלכע דריי וועלען שטאַרבען און אַ צוויי וועלען אויסוואַקסען... און זיי וועלען פֿונדעסטוועגען לעבען... ס'וועט אויסזעהן ווי אַ וואונדער, מען וועט אַפילו ניט וועלען גלויבען, אַז אַזאַ רייכע משפּחה — רייך אין דער צאָהל, נאַטירליך — זאָל קענען לעבען פֿון אַ קאַפּיטאַל פֿון דרייסיג קערבלעך. איך אַליין האָב זיך שטאַרק גע'חדוש'ט דעריבער, ביז איך האָב זיך נעהענטער ניט בעקענט מיט ציפּה'ן.

אַ קוק געבען איף איהר, איז דאָס אַ געוועהנליך יודיש ווייבעלע, ווי מען זאָגט דאָס: אַ פּראָסטער חי וקים. אַלט איז זי אַכט און צוואַנציג יאָהר, און אויסזעהן זעהט זי אויס ווי אַ יודענע פֿון אַריבער פֿערציג. אַ נידעריגע, אַ אויסגעבויגענע אויף פֿאָרענט, אָנגעטאָן אין אַ וואַטאָווען מאַנטעל, וואָס קנייטשט זיך אויף די אַיינגעהויקערטע פּלייצעס און גלאַנצט ניט אַזוי מחמת דער שטאָף איז טייער, ווי מחמת ער איז אָנגעשטאָפּט מיט יאָהרען, רוקט זי זיך צווישען דעם עולם איבער די גאַסען; איהרע טריט זענען קליין און גיך, און עפּיס ווי שרעקעדיג און פֿערגנב'עט.

אַ קוק געבען איף איהר, איז זי שטענדיג מיט עפּיס פֿערנומען, אין עפּיס פֿערטראָגען, פֿערהאַוועט, פֿערשמאַיעט, און נאָר די שוואַרצע אייגען לויפֿען גיך אויף דעם טונקעלען אָבגעבליאַקעוועטען פּנים. עס טרעפֿט איף ניט איינמאָל, אַז איהרע אייגען צינדען זיך אָן מיט אַ בייז פֿייערל,

דעמאָלט פּאַסען זיי צום נידעריגען שטערען, וועלכער איז בעדעקט מיט אַגאַנצער נעץ קנייטשען, אָנהויבענדיג פון די געדיכטע ברעמען אַזש ביז דעם ראַנד פונ'ם שוואַרצען פּאַרוק.

איהר זאָלט אָבער, רבותי, גאָר ניט לאַכען פון אָט דעם קליינעם, פשוט'ען ווייבעלע, וועלכע זעהט אויס אַזוי פּראָסט און אינעסטעטיש; זי האָט דערגרייכט אַגעוויסע, זעהר וויכטיגע זאַך; זי האָט פּראַקטיש געלעזט איינע פון די גרויסע געזעלשאַפטליכע פראַגען, וואָס די גאַנצע וועלט האַלט זי פאַר זעהר שוועריג: די פראַגע וועגען דער עקאָנאָמישער גלייכבערעכטיגונג פון די פרויען. ציפּה האָט די פראַגע געלעזט אויפ'ן אידעאַלסטען אופן, וואָרום מיט איהר פערדיענסט האַלט זי אויס שוין פי'ן צוועלף יאָהר זיך אַליין, איהר מאַן און איהרע פינף קינדער, געשטיצט אין אַלע איהרע אונטערנעהמונגען אויף אַקאַפּיטאַל פון דרייסיג רובל.

מיט אָט די דרייסיג רובל, וועלכע בילדען דעם פונדאַמענט פון דער גאַנצער פאַמיליע, האָט ציפּה געעפענט אַקלייטעל; דערביי האָט מען איהר, אמת, צוגעזאָגט קרעדיט אויף נאָך דרייסיג רובל אין דעם געשעפט, וואו זי האָט מיידעלווייז געדיענט. די וויכטיגסטע אויפגאַבע פאַר יעדע אונטערנעהמונג, וועלכע זוכט ריוח, איז—געפינען קליענטען. ציפּה, פון זינט זי האָט אויפגעעפענט דאָס קלייטעל און ביז היינטיגען טאָג, האַלט זי אין איין זוכען קליענטען—ניט דערפאַר, ווייל זי קען ניט געפינען, נאָר דערפאַר, ווייל היינט געפינט זי און מאָרגען ווערט זי זיי ווידער אָן. צווישען די פילע סבות, פאַר וואָס עס האַלטען זיך ניט ביי ציפּה'ן איהרע קליענטען, שפּיעלען ניט קיין קליינע ראָלע די געהיימניספולע מעשים, וואָס זי טהוט אָב ביי נאַכט, אין אַנ'ענגען ווינקעלע פון איהר קלייטעל, צווישען דער שאַפע, דער קאָנטאָרקע און דעם ווענטעל. ווען זי פערשליסט אין אָבענד די קלייט, הערט זיך פון דעם דאָזיגען ווינקעלע עפּיס אַשאָרך, עפּיס ווי עמיצער זאָל אָבקלאַפּען און ווידער צוקלעפּען פאַפּירלעך, עפּיס ווי מען זאָל איבערגיסען און איבערשיטען פון איין כלי אין דער צווייטער.

נאָר כאָטש דאָס אַלעס, וואָס די בעל-הבית'טע פון דעם קלייטעל טהוט אָב אין דער שטילקייט פון דער נאַכט, ביי'ם שוואַכען שיין פי'ן דעם לעמפּעל, וואָס ברענט אויף דער קאָנטאָרקע, מאַכט טאַקי אַגעהיימניספולען איינדרוק, פונדעסטוועגען וואָלט געווען פאַלש, ווען עמיצער וואָלט גערעכענט, אַז דאָס זענען עפּיס טראַגישע זאַכען. ציפּה געהערט ניט צו

קיין שום געהיימער חברה, זי מאַכט ניט בסוד קיין שום שעדליכע מיטלען געגען איהר מעראָפּיע, וואָרום זי האָט ניט קיין שום מעראָפּיע, און ס'איז ביי מיר אַגרויסער ספק, צו זי האָט גאָר ווען עס איז געהערט אַזאַ נאָמען. טהוען טהוט זי דאָרט אויף אייגענער ריזיקע, אָהן שום סאָלידאַריטעט מיט די איבעריגע יודען. איהר מעראָפּיע איז אַבעשעפעניש וואָס האָט אַסך קעפּ און טראָגט דעם נאָמען: קונים, און די קרעפטען וואָס צווינגען זי צו פערנעהמען זיך מיט איבערשיטען און איבערגיסען אַזוי לאַנג, ביז פון גוטער סחורה ווערט מיטעלמעסיגע און פון מיטעלמעסיגער אַזוינע, וואָס טויג אויף כפרות, זענען: אַמאַן אַלמן, פינף קינדער און דרייסיג רובל גרונד־קאַפּיטאַל אין דער גאַנצער אונטערנעהמונג.

ציפּה'ס מעראָפּיע, די קונים, האָבען אָבער, קענטיג, אַגוטען חוש־הריח און פערשטעהען אַטעם, וואָרום זיי אויספּייען נאָך ניט בעקענען זיך מיט ציפּה'ס סחורות, אַזוי הערען זיי שוין ווידער אויף צו קויפען (דערביי פעהלט ניט קיין געשרייען, קללות און געוואַלדען עד לב השמים), אַזוי אַז ציפּה מוז כסדר לויפען און נישטערען נאָך נייע קונים. לויפט זי טאַקי און נישטערט אויף אַלערליי אופנים: זי בעט מיט אַרחמנות־פּנים, זי קושט די הענד, זי איז אַנ'עבד כנעני יעדען, ווער עס פערלאַנגט נאָר. כדי צו נושא חן זיין ביי'ם עולם און פערדיענען פון צייט צו צייט אַנ'איבעריגען גראָשען. איז זי היינט אַקהל'שער שלית, מאָרגען אַבריעפטרעגער, איבערמאָרגען אַמעקלערקע פון יהוענסטען, שפּעטער אַפערמיטלערין צווישען די וואָס פערלייהען געלד און די וואָס לייהען, צווישען קויפער און פערקויפער. אין קלייט זיצט זי נאָר צייטענווייז, ווען זי רייסט אָב אַמינוט פון אַנדערע געשעפטען; עס העלפט איהר אין קלייט אַמאָל די מאַמע, אַמאָל אַשוועסטער, אַשכנה; זי אַליין לויפט אַרום גאַנצע טעג פון איינע טרעפּ אויף די אַנדערע, זי שלעפּט אונטער די אָרעמס שווערע פּעקלעך, אויף די פּלייצעס גאַנצע בערג אַלטע קליידער, זי שטעהט ווי אַנבנע פאַר אַלערליי שוועלען, האַלטענדיג צוויי גרויסע קוישען — איינס פול מיט באַקאַליינע סחורות, דעם אַנדערן מיט טהיי און פלעשער וויין, זי קריעגט זיך מיט די קעכינס און די סטרוזשען, וואָס ווילען זי ניט צולאָזען צו די בעלי־בתים, זי קויפט זיי אונטער מיט אַפּאָר פייגען אָדער אַזשמענע ניסלעך; אָפטמאָל פערגעהט איהר די געדולד, פערפיהרט זי אויפ'ן גאַס מיט איהרע קאָנקורענטקעס, אַזוינע אידענעס ווי זי, אַשרעקליכע קריגעריי מיט מורא'דיגע זלזולים, אַזוי אַז ס'קומען די היטער פון דער עפענטליכער אָרדנונג און צווינגען זי מיט דעם כח פון זייערע ידים

צו פֿערלאָזען דאָס קאַמפּפֿס-פֿעלד. איינמאָל האָט זיך אַפּילו געטראָפֿען, אַז אין די הענד פֿון די דאָזיגע גרוביאַנסקע פֿערטרעטער פֿון דער גרויסער אידעע איז געבליעבען אַ הובשער שטיק פֿון דעם אָבגעריסענעם קאָלנער, וועלכער איז אַ מאָל געווען געמאַכט פֿון סאַמעט און האָט בעפּוצט איהר וואַטאָווען מאַנטעל.

ציפּה האָט מיט ביטערע טרעהרען בעוויינט איהר צעריסענעם מלבוש... אַזאַ מינוט פֿון שטאַרקער אויפֿרעגונג איז אָבער ביי איהר געווען אַ זעלטענער צופֿאַל. געוועהנליך פֿלעגט זי זיך אויף קיין זאַך ניט קלאָגען, און ווען עמיצער פֿלעגט דערזעהן איהר אומעטיגען בליק און זי אַ פֿרעג געבען מיט מעהר אָדער ווייניגער מיטגעפֿיהל: „וואָס איז, ציפּה, צי האָט איך, חלילה, עפּיס געטראָפֿען אַנאומגליק?“—פֿלעגט זי קיינמאָל ניט ענטפֿערן מיט יאָ, נאָר זי פֿלעגט זאָגען: „נו, מילא, ווי גאָט גיעט, אַזוי איז דאָס“. עס פֿלעגען זיך אויך געפֿינען אַזוינע, וואָס האָבען אַ ביסעל בעסער געקענט איהרע פֿאַמיליען-פֿערהעלטנישען; דערזעהענדיג איהר צעקנייטשטען פּנים, וואָס איז אָפֿטמאָל געווען נאַס פֿון ביטערען שוויים און אויפֿגעריטעלט פֿון אַ נערוועזען ציטערן, פֿלעגען זיי צו איהר זאָגען:

— וואָס זשע איז ערגיץ דיין מאַן, צו אַלדי גוטע יאָהר? פֿאַר וואָס העלפֿט ער דיר ניט?

דענסטמאָלט פֿלעגט דער פֿערמאַטערטער אויסדרוק פֿערשווינדען פֿון ציפּה'ס פּנים, און עפּיס ווי אַ צאָרען פֿלעגט זיך אויף איהם בעוויזען.

— ער האָט זיך זיין אַרבייט,—פֿלעגט זי אָבענטפֿערן מיט אַ ברוגז'ן ברום— ער קען מיר אין מסחר ניט העלפֿען.

— ביזט דאָך, ציפּה, אַנאומגליקליכע יודענע, וואָס דו האָסט אַזאַ מאַן—אַ טויגעניכטס?

דערהערענדיג אַזוינע ווערטער, פֿלעגט ציפּה אויפֿהויבען דעם קאָפּ.

— ווען איך וואָלט געהאַט צעהן טעכטער, וואָלט איך געבעטען גאָט, ער זאָל זיי אַלע מאַכען אַזוי אומגליקליך, ווי איך בין.

דערביי פֿונקלען איהרע אויגען, אַ לעבעדיגער שמייכעל ציהט פֿאַנאַנדער די ליפּען, און דער שטערן רויטעלט זיך פֿאַר אויפֿרעגונג אַזש ביז אונטערן שוואַרצען פּאַרוק...

און ווירקליך! אַ וואונדער וואָלט בעוויזען דער מענש, וואָס וואָלט געבראַכט דערצו, אַז שמשון זאָל פֿערשטעהן צו העלפֿען ציפּה'ן אין איהרע

געשעפֿטען! די ערשטע יאָהרען נאָך דער חתונה, ווען ציפּה האָט נאָך
אַליין ניט געוואוסט, ווי גרױס עס איז איהר מאַנ'ס למדנות, פֿלעגט זי
איהם אַמאָל איבערלאָזען אין קלייט, ער זאָל אַלטונג געבען אויף דער
סחורה און פֿערקױפֿען, אויב ס'וועט קומען אַקונה. אַלטונג געבען—האָט
ער אַלטונג געגעבען חזקא געטרײַ, וואָרום ער איז געזעסען הינטער דער
קאָנטאָרקע אונבעוועגליך ווי אַשײַט האָלץ, און אָנשפּאַרענדיג דעם קאָפּ
אויף ביידע הענד, האָט ער אַלץ כסדר געטראַכט וועגען דער סתירה צווישען
רבן גמליאל און רבי אליעזר אין איינער פֿון די משניות און וועגען דעם,
ווי קען מען איבערגלײַכען די דאָזיגע סתירה, אָדער וועגען דעם, וואָס ס'קען
זײַן געדרונגען פֿון רב פּפּא'ס אַמימרא, כאָטש פֿון דער זעלביגער מימרא
האָבען שוין אַנדערע מפֿרשים געדרונגען ניט ווייניגער ווי הונדערט צעהן
פֿערשיעדענע פּשטים. שמשון איז פֿונדעסטוועגען שטאַרק געווען פֿערנו־
מען מיט דער פֿראַגע וועגען דעם הונדערט־עלפֿטען פּשט, און טראַכ־
טענדיג געשמאַק וועגען דער פֿראַגע, האָט ער געהיט דאָס קלייטעל אָהן
שום שאָדען און תרעומות. ווען ס'איז אָבער געקומען צו דער צווייטער
העלפֿט אַרבײַט—פֿערקױפֿען, איז דער עסק געוואָרען זעהר שווער, ווײַל
מ'האָט געמוזט האַנדלען אויף שטום־לשון, מחמת שמשון האָט ניט פֿער־
שטאַנען די שפּראַך אויף וועלכער דער קונה האָט צו איהם גערעדט.

אמת, אַפּאָר מאָל האָט געטראָפֿען, אַז ער האָט גיך געפֿונען אַ
דאָלמעטשער *) און מיט זײַן הילף זיך דורכגערעדט מיט'ן קונה און פֿער־
קױפֿט די פֿערלאַנגטע סחורה; נאָר ווען ציפּה איז געקומען אַהיים און
האָט דערזעהן, וואָס ער האָט דאָ אָבגעטאָן, איז זי געוואָרען ווי אַפֿער־
שטיינערטע פֿאַר עגמת־נפֿש, געשטאַנען ווי אַגולם, געשוויגען, ניט גע־
ריהרט זיך פֿון אָרט, און נאָר טרויעריג געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז ווערענדיג די סחורה, האָט שמשון
אָבגעוואויגען אָנדערטהאַלב מאָל אַזוי פֿיעל, וויפֿיעל מ'האָט גענויטיגט (ער
האָט נאָר זיך געמאַכט, אַקוראַט ווי ער פֿערשטעהט אויף דער וואָג, אין
אמת'ן האָט ער ניט פֿערשטאַנען אין איהר מעכאַניזם אויף כהוא זה)
און אַרויסגעבענדיג פֿון דער מטבע, וואָס דער קונה האָט איהם געגע־
בען, האָט ער אַטעות געהאַט אויף גאַנצע צוואַנציג גראָשען (אויף געלד
האָט ער פּונקט אַזוי פֿערשטאַנען, ווי אויף דער וואָג). דער גוי דער

*) אַמענש, וואָס פֿערמיטעלט צווישען צוויי מענשען, וועלכע רײדען אויף
פֿערשיעדענע שפּראַכען.

קונה, כאָטש ער האָט בעשיינפערליך געזעהן שמשונ׳ס טעות, האָט ער איהם פונדעסטוועגען ניט געפרובט פערריכטען, נאָר ער האָט, פערקעהרט, גאַנץ רוהיג אויסגעניצט דעם דאָזיגען טעות. פאַר וואָס ער האָט אַזוי געטאָן, ווייס איך ניט; אפשר דערפאַר, ווייל מעהר נאָך ווי די אייגענע אויגען האָט ער געגלויבט אין דעם כלל, אַז אַ יוד וועט זיך אָבנאַרען ניט אין וואָג, ניט אין צאָהל, און אפשר דערפאַר, ווייל ניט נאָר יודען, נאָר אויך אייניגע גוים האָבען ליעב אויסצונוצען די מעראָפּיע, ד. ה. די בעשעפעניש, וואָס לאָזט זיך מעלקען... ווי די מעשה איז, ציפּה האָט נאָר עטליכע מאָל זיך געשאַפט מיט׳ן מאַן אין די קליטזאַכען, נאָכדעם האָט זי זיך אויפגעהערט שאַפען. זי האָט איהם אַ גלעט געגעבען מיט איהר פערגרעבטער טונקעלער האַנד איבער די שוואַרצע האָר, געקוקט איהם אַ ווײַלע אין פּנים און שמייכלענדיג מיט אַ שעמעוודיגער ליעבשאַפט, האָט זי געזאָגט:

— נו! געה שוין געה, צו דיין אַרבייט! איך וועל זיך שוין אַליין געפינען אַנ׳עצה... זאָלסט גאָר וועגען קיין שום זאַך ניט האָבען קיין דאגה.

שמשון איז אַוועק צו זיין אַרבייט, ד. ה. צו זיינע ספרים און געדאַנקען. זיין קאָפּ איז געווען רוהיג, און דאָס האַרץ האָט זיך געשמאָלצען אין אַלערליי נחת־רוח. ער איז געווען גליקליך אויף פערשיעדענע אופנים. אַ גרויסער שטאָלץ און אַ צופריעדענהייט מיט זיך אַליין פלעגט אָנפילען זיין ברוסט, ווען צו איהם אין קליינע, ברודנע שטיבעלע פלעגען אָפטמאָל אַריינקומען אנשים מכובדים, גבירים למדנים, און מען פלעגט איהם בעטען, ער זאָל פערענטפערן אַ האַרבע קשיא אין דער הייליגער תורה, אָדער ער זאָל אַנ׳עצה געבען אין די פערשיעדענסטע אונבעדייטענדע פונקטען פון דער רעליגיעזער קאַזואיסטיק, *) אָדער ער זאָל זיי גלאַט דערצעהלען אַ געשיכטע פון דער אַגדתא, אַ לעגענדע, אַ משל אין אַז. וו. שמשון האָט פערענטפערט קשיות, ערקלערט שווערע סוגיות, געגעבען עצות, דערצעהלט מעשיות, ער פלעגט אַליין אָפט אַריינקומען אין גרויס התפעלות, שיער ניט אין עקסטאַז, און מיט ענטציקונג דער־

---

*) קאַזואיסטיק הייסט דאָס אויסזוכען אַלערליי קליינע פראַגען אין פערשיעדענע קלאָץ־קשיות, וואָס האָבען ניט קיין גרויסע פראַקטישע בעדייטונג און ווערען נאָר געשטעלט, כדי צו שאַרפען דעם מח.

פילען די הערצער פון זיינע צוהערער, וועלכע פלעגען פיהלען גרויס דרך־ארץ פאר זיין למדנות און זיין שענעם חתוך־הדבור.

דאָס איז געווען איינע פון שמשונ׳ס פריידען. אַן אַנדערע, ניט קיין קלענערע ווי די ערשטע, איז געווען זיין פאָטער־ליעבע, וועלכע איז געווען צעטיילט אויף גלייך צווישען פינף אָביעקטען; יעדערער פון די פינף האָט איהם ענטציקט מיט זיין בעזונדערען חן, געוועקט אין איהם אַ בעגייסטערטע און אייביג פרעהליכע ליעבשאַפט. די קלענסטע דאגה האָט ניט בעטריבט די דאָזיגע ליעבשאַפט. פאַר די געגענוואַרט פון די קינדער האָט שמשון ניט געזאָרגט קיינמאָל; דאָס איז געווען ציפה׳ס עסק, און אַזוי ווי די האָט איהם קיינמאָל פון איהרע זאָרגען ניט דערצעהלט, האָט ער פון זיי ניט געהאַט קיין שום ידיעה. און וואָס איז שייך צו דער צוקונפט. ווען שמשון פלעגט אַמאָל אַ טראַכט געבען וועגען איהר, קוקענדיג אויף זיינע פינף נחת׳ן, פלעגט ער זיך תיכף זאָגען: „העניך, מענדעלע און לייזערקע וועלען זיין תלמידי חכמים, ליבע און אסתר׳קע וועלען חתונה האָבען פאַר תלמידי־חכמים“. און דאָס איז אַפילו ניט געווען קיין פּראָסטע האָפנונג, ס׳איז געווען אַ פעסטע זיכערהייט, און די זיכערהייט פלעגט פאָלקאָם בערוהיגען שמשונ׳ען בנוגע צו דער צוקונפט פון זיינע קינדער; אַחוץ דעם פלעגט זי איהם פערשאַפען אַ בעזונדערן נחת־רוח: ער האָט געוואוסט, אַז אין זיין משפחה וועט די תורה איבערגעהן פון איין דור צום אַנדערן און קיין עם־הארצים וועט צווישען זיינע קינדער ניט זיין.

דער דריטער און טיעפסטער קוואַל פון שמשונ׳ס גליק איז געווען — זיין אַרבייט. יאָ. קיין לעדיג־געהער איז ער כלל ניט געווען, ווי ס׳וואָלט אפשר געקענט עמיצער מיינען, קוקענדיג אויבערפלעכליך אויף זיין לעבען. איך, וואָס איך געה אָפט אַריין צו ציפה׳ן אין קלייטעל און קוק פון דאָרטען אַריין אין דעם ענגען שטיבעלע, האָב ניט איינמאָל אַליין געזעהן מיט מיינע אויגען, ווי שמשון זיצט אַ פערהאָרעוועטער, אָבער וואָס הייסט אַ פערהאָרעוועטער: טראָפען שווייס גלאַנצען אויף זיין בלאַסען שטערן, בלוט־רויטע פלעקען ברענען אויף זיינע באַקען, וועלכע זענען בעוואַקסען מיט שוואַרצע האָר, די ליפען ציטערען נערוועז מחמת גרויס איפרעגונג און קאַמפף מיט די שווערע אויפגאַבען, וואָס ער האָט צו לעזען, שמשון האָרעוועט מיט׳ן גאַנצען האַרצען, מיט דער גאַנצער נשמה און מיט אַלע זיינע קרעפטען, דערפאַר אָבער ס׳אַרא פרעכטיגען, גרויסאַרטיגען שכר ער בעקומט פאַר זיין טרחה! ס׳אַרא סודות ער ענטפלעקט!

ס׳אַ־אַ טיעפֿע און גרויסע קשיות ער פֿערענטפֿערט! ס׳אַ־אַ חזיונות ער זעהט!

איינמאָל, למשל, האָט ער ענטדעקט, אַז אין קדשים, אין דעם 5־טען טייל פֿון תלמוד, וואו עס האַנדעלט זיך וועגען קרבנות, איז דערמאָנט דער נאָמען פֿון אַ געוויסער חיה, וועלכע מען טאָר ניט ברײנגען אויפֿ׳ן מזבח, ווײַל זי איז אומריין, — אַ נאָמען, וואָס קיינער האָט זיך אויף איהם ניט אומגעקוקט ביז אַהער. און דאָגס נאָכדעם, ווי דאָס איז ענטדעקט געוואָרען, האָט אויך קיינער ניט געוואוסט, וואָס פֿאַר אַ חיה מיינט מען מיט דעם נאָמען. פֿונדעסטוועגען האָט שמשונ׳ען גופֿא די ענטדעקונג פֿער־שאַפֿט גרויס פֿערגניגען, ווי דער שטייגער איז בײַ ענטדעקער, וועלכע פֿרייהען זיך מיט דיך עוולטאַטען פֿון זייער אַרבײַט, און אין דער גאַנצער קהלה איז דאָס געוועזן אַ וויכטיגע נײַעס. ס׳טײַטש!... עפּיס אַ קאַטאָוועס— געוואָהר ווערען, אַז אַ חיה, וואָס מען ווייסט גיט אויף קלאָר, וועלכע, נאָר וואָס זי האָט אַזאַ און אַזאַ נאָמען, האָט ניט געטאָרט געבראַכט ווערען פֿאַר אַ קרבן אין בית־המקדש, וועלכער איז חרוב געוואָרען פֿרי־הער מיט צוויי טויזענד יאָהר?

אַנאַנדערס מאָל, ווידער, האָט שמשון געזעהן אַ אונגעוועהנליכע בילד. דאָס איז געווען בײַ־נאַכט. ציפּה איז געשלאָפֿען, די קינדער זע־נען געשלאָפֿען, נאָר שמשון איז ניט געשלאָפֿען, זיצענדיג על התורה ועל העבודה בײַ׳ם ליכט פֿון דעם פּעררויכערטען לעמפּעל מיט דעם לאַנ־גען קנויט. ער האָט שוין געלערענט אַ לאַנגע צײַט, דער שלאָף האָט שוין אָנגעהויבען גובר זײַן זײַנע חושים, פּלוצלונג האָט ער אויפֿגעהוי־בען די אויגען פֿונ׳ם ספֿר און האָט זיך אויסגעגלײַכט, בלייך ווי דער טויט, געעפֿענט דאָס מויל און די אויגען אין אַזוי געבליעבען שטעהן, האַלב דערשראָקען, האַלב ענטציקט פֿון דעם וואָס ער האָט געזעהן. און ס׳איז גאָר קיין וואונדער ניט, ווארום אָט וואָס פֿאַר אַ בילד ס׳האָט זיך בעוויזען פֿאַר זײַנע אויגען.

אין דרויסען פֿון יענער זײַט פֿענסטער, איז געהאַנגען די געדיכ־טע פֿינסטערניש פֿון דער נאַכט. אויף איהר שוואַרצען פֿאָרהאַנג האָט פֿאַר שמשונ׳ס פֿערמאַטערטע, נאָר וואָס פֿון ספֿר אויפֿגעהויבענע, מיט בלוט פֿערלאָפֿענע אויגען אַ בלאַסק געטאָן לכתחילה אַ לאַנגער גאָלדענער פּאַס, נאָכדעם איז דער פּאַס ביסלעכווײַז געוואָרען ברייטער, ביז עס האָט זיך פֿון איהם פֿאַנאַנדערגעוויקעלט אַ גאָלדענער לייטער. דער שפּיץ פֿונ׳ם ליי־טער האָט דערגרייכט ביז צום טונקעלען, מיט שווערע הערבסט־וואָלקען

בעדעקטען הימעל, דער אונטערשטער טייל איז געווען אָנגעשפּאַרט אויף די נאַסע שטיינער פֿון דעם הויף.

אַרום און אַרום האָט געהערשט אַ שוואַרצע פֿינסטערניש, און אינמיטען דער פֿינסטערניש האָבען געשטראַהלט די שטשעבלעס פֿון דעם גאָלדענעם לייטער. אויף יעדער שטשעבלע איז געשטאַנען אַנ'אַנדער מלאך. שמשון האָט געקוקט אויף זיי און האָט דערקענט איינעם נאָך דעם אַנדערן, ווי בעשעפּענישען, וועלכע ער האָט טאַקע ביז אַהער קיינמאָל ניט געזעהן אויג אויף אויג, נאָר וועלכע זענען איהם גוט בעקאַנט געווען, ווייל ער האָט ניט איינמאָל געזעהן זייערע פּאָרטרעטען אויף די בלעטער פֿון די ספרים. גאָר אונטען, אויף דער אונטערשטער שטשעבלע, אינטערהאַלטענדיג דעם לייטער מיט זיינע ברייטע פּלייצעס, איז געשטאַנען דער שר העולם, דער מלאך וואָס איז ממונה אויף חכמה. „ניט אומזיסט הייסט ער אין דער אַגדתא דער האַר פֿון דער וועלט“—האָט שמשון געטראַכט,—וואָרום אַ פּורפּור-רויטער מאַנטעל וויקעלט אַרום זיינע ריעזיגע גליעדער און אויפ'ן קאָפּ טראָגט ער אַ קרוין פֿון געהיימניספֿול צונויפֿגעשטעלטע אותיות. דאָס איז אָבער געווען אַ שטאָלצער מלאך מיט אַ קאַלטען פּנים. זילבערנע פּאַסען נעבעל האָט זיך אַלע ווייַלע אָבגעריסען פֿון זיין שדים און זיך צעפֿלויגען אין דער פֿינסטערניש, און אויסגעזעהן האָט דאָס אַזוי, אַקוראַט ווי זיי האַלטען מלחמה מיט דער פֿינסטערניש, וואָס הערשט אַרום און אַרום; דער שר פֿון חכמה איז געשטאַנען און געקוקט אויף דער מלחמה מיט אַ גרויסען, רוהיגען, קלאָרען בליק.

העכער זענען געשטאַנען אַלערליי אַנדערע מלאכים. שמשון האָט געקענט יעדען, אָנגערופֿען יעדען ביי'ם נאָמען. „דאָס איז מ ט ט ר ו ן. געליבט זאָלסט דו זיין, מטטרון, וואָס דו היטסט דאָס פֿאָלק ישראל, ווי דאָס שוואַרץ-אַפּעל פֿון אויג, און בעשירעמסט זיין קאָפּ מיט דיינע פֿליגעל“. דעם מלאך מטטרונ'ס פֿליגעל זענען ווייַס, ווי שניי, און ווי די טלתים, וואָס די קינדער פֿון ישראל טהוען אָן בשעת זיי דאַוונען, זענען זיי אַרומגעברעמט מיט פּאַסען פֿון תכלת.

— און דאָס איז דער מלאך אוריאל, וועלכער איז צוזאַמען מיט

---

*) פֿערפּלאָנטערטע צייכענס, וועלכע ס'איז שווער צו פֿערשטעהן. היעראָגליפֿען האָט געהייסען די שריפֿט, מיט וועלכע די אַלטע מצרי'ם האָבען בעדעקט זייערע דענקמאָלען (כתב החרטומים).

עלף אַנדערע מלאכים ממונה אויף די חדשים פּונ'ם יאָהר. און אָט זענען די מלאכים פון שטורעם און פייער... זיי זעהען אוים ווי הימעל־בּלאָהע נעבּלעס, נאָר זייערע פאַרבּען ווערען אַלע ווײַלע בּלאַסער... זיי ווערען צעשוואומען, פערשווינדען, און פון דאָרט, וואו זיי זענען געשטאַנען, הערט זיך נאָר דאָס קלינגען פון אַ סטרונע, וועלכע פּלאַצט מיט אַ לאַנגען, טרויעריגען טאָן... און אָט, ווײַטער... זײַ געלויבּט, סנדלפון, דער מלאך פון תפלות!

יאָ; אויפ'ן שפּיץ פון'ם גאָלדענעם לייטער, וועלכער איז אָנגעשפּאַרט אונטען אויפ'ן שר של חכמה מיט די שטאַרקסטע פּלייצעס, מיט אַ קלייד פון פּורפּור אויפ'ן לײַבּ און מיט אַ קרוין פון היעראָגליפען *) אויפ'ן קאָפּ, שטעהט דער מלאך פון תפלות סנדלפון, אַ שלאַנקער און אַ ווײַסער, מיט גאָלדענע האָר; ער שטעהט שטענדיג מיט אַן'אַראָבּגעלאָזענעם קאָפּ, אַקוראַט ווי ער הערט זיך אײַן אין דעם גערויש, וואָס טראָגט זיך פון דער ערד.

שמשון קוקט אויף סנדלפון'ען מיט מעהר דרייסטקייט, איידער ער האָט געקוקט אויף אַנדערע מלאכים. אויף זײַנע ליפּען שוועבּט אַפילו אַ שמייכעל פון אַ גוטען פרײַנד. דאָס איז דאָך דער מלאך, וואָס ווייסט אַלע שווערע הערצער און איז מיט די מענשען אַזוי נאָהענט. זײַנע הענד זענען פול מיט בּלומען. די בּלומען בּײַטען זיך כּסדר... ווערען אַלעמאָל אַנדערש. און ער פלעכט פון זיי גרויסע, לאַנגע קרענץ.

— איך ווייס,—טראַכט שמשון—דאָס איז מענשליכע תפלות, וועלכע שווימען און שווימען כסדר פון דער ערד אַרויף, צום רבונו של עולם, און סנדלפון כאַפּט זיי אונטער אויפ'ן וועג, מאַכט פון זיי בּלומען און לעגט זיי פאַר'ן כסא הכבוד אונטער די פים פון זײַן ליעבּען נאָמען. דער רבונו של עולם וועט שוין אַליין דערקענען, וועמען ס'געהער יעדע תפלה.

סנדלפון, וועלכער נעהמט צונויף אַלע מענשליכע תפלות, פיהלט מסתמא אַ גרויסען טרויער און אַ רחמנות, וואָרום זײַנע אייגען שטראַהלען מיט אַזעלכע גלאַנצענדיגע טרעהרען, וועלכע זענען שענער פון די שענסטע בּריליאַנטען. שמשון קוקט אויף די טרעהרען און טראַכט זיך: „זײַ געלויבּט סנדלפון, וואָס דו האָסט אַזוי רחמנות אויף די מענשען". אַרויסגערעדט די ווערטער, הויבּט ער זיך אָן צוקוקען צו די בּלומען, וועלכע שווימען פון סנדלפון'ס הענד, און וואונדערט זיך אויף זייער שענקייט.

פּלוצלונג הויבּען אָן בּלאַס ווערען דער גאָלדענער לייטער מיט די

מלאכים אויף איהם, די זילבערנע נעבעלם פון דעם שר־העולם און די וואנדערבארע בלומען פון סנדלפון,—די ווערען בלאס, צעפליסען אין א אונקלארען וואלקען און פערשווינדען אינגאנצען. שמשון רייבט זיך די אויגען און קוקט ארום זיך מיט א אומעטיגען קוק.

פאר איהם, אויפ׳ן טיש, זעצט פון דעם שמאלען גלעזעל פונ׳ם האלב־פערלאשענעם לעמפעל א שמוציגער, שטינקענדיגער רויך, ארום און ארום אויף די בעטען, אויפ׳ן קאסטען און אויף דער ערד אונטער׳ן אויווען הערט זיך דאס אטעמען און כראפען פון די שלאפעדיגע, פון אונטער דער איבערבעט הוסט ליבע אין שלאף, די קאץ ברומט אויף א קול, ליגענדיג אין ווינקעל נעבען דעם צוזאמענגעקארטשעטען העניך׳ן; אין דרויסען טאגט שוין, נאר שווערע וואלקען פערדעקען דעם הימעל, און מוטנע טראפען רעגען פאלען פון אויבען אויף די נאסע שטיינער פונ׳ם הויף, וואו עס הערט זיך דאס קרעכצען און פייפען פון דעם ווינד.

שמשון איז אויפגעשטאנען, אנגעטאן דעם טלית, ארויפגעלעגט אויפ׳ן קאפ די רצועות פון די תפילין, אויפגעהויבען אין דער הויך די הענד און געדאנקט גאט, וואס ער האט איהם מזכה געווען צו זעהען לעבעדיגערהייט, ווי יעקב אבינו, זיינע הייליגע מלאכים, און וואס ער האט איהם געמאכט אזוי גליקליך, אזוי גליקליך...

שמשונ׳ס גליק איז נאך בעזאנדערס טיעף געווען הויך דעם, וואס זיינע פערזענליכע פריידען האט ניט געשטערט קיין שום הארץ־וועהטאג, קיין שום קומער, קיין שום סימן פון די אלע דאגות, וועלכע מאטערען אזוי שטארק די יעניגע, וואס זענען ניט פרעמד צו די געפיהלען פון הומאניטאריזם, פילאנטראפיע, זארגען וועגען טובת־הכלל א. אז. וו. פון דעם אלעם האט שמשון ניט נאר אליין ניט געפיהלט גאר ניט, נאר ער האט אפילו ניט געוואוסט, אז ס׳איז דא אויף דער וועלט אזויגע געפיהלען. אחוץ דער תורה, וואס ער האט געלערענט, די קינדער, וואס ער האט ליעב געהאט און דעם ווייב, וואס ער האט געפיהלט צו איהר עפיס א מין צוגעבונדענקייט פול מיט רחמנות, ווי עס פיהלט א העברער צו א נידעריגערען,—האט קיין שום זאך אויף דער גרויסער און ברייטער וועלט איהם ניט בעריהרט אויף כהוא זה.

דעם איינציגען קומער, וואס ער האט געפיהלט פון צייט צו צייט, האט איהם פערשאפט דער גלות בבל. טראכטענדיג אדער לייענענדיג וועגען איהם, פלעגט ער ווערען טרויעריג, פערטראכט און לאנגזאם ציהען מיט א שטיל קול דאס געזאנג וועגען די טייכען פון בבל און דעם פרעמדען

לאַנד. געטרויערט האָט ער אויך אויפ׳ן חורבן־בית־המקדש. צום רוימי־שען קייזער טיטוס׳ען, וועלכער האָט חרוב געמאַכט דעם בית־המקדש, האָט ער געפיהלט אַ שטענדיגע עסעדיגע פיינדשאַפט, אַנ׳איינגעשפּאַרטע און אַקטיפע. דאָס איז געווען די איינציגע פיינדשאַפט, וואָס ער האָט גע־טראָגען אין זיין האַרצען. אָבער טרויערען פלעגט ער אָפטער, איידער האַסען. לייענענדיג די געשיכטע, ווי דאָס רוימישע חיל האָט בעלאַגערט ירושלים און וואָס ס׳האָט פּאַסירט נאָכדעם, פלעגט ער אָפט אַריינגעהמען דעם קאָפּ אין ביידע הענד און קרעכצען און וויינען.

אויך די שוואַרצקייט פון אַזוינע מינוטען האָבען אָבער מכפר גע־ווען הונדערטער אַנדערע, ליכטיגע און פרעהליכע מאָמענטען. ס׳אַראַ שמחה ס׳פלעגט, למשל, צעשמעלצען זיין האַרץ, ווען ער פלעגט קוקען אויף די ריינקייט און דעם כבוד פון שלמה המלך! מיט אַ מין פרעהליכקייט ער פלעגט זינגען און טאַנצען צוזאַמען מיט דוד המלך, וועלכער האָט געטאַנצט פאַר׳ן אָרון! ווי שטאָלץ ער פלעגט פייערן די גרויסע נצחונות צוזאַמען מיט די חשמונאים! ווי טיעף עס פלעגט איהם פרעהען דער ערשטער סנהדרין, וואָס האָט זיך פערזאַמעלט נאָכ׳ן חורבן, און מיט וואָס פאַר אַ התלהבות פלעגט ער זיך בעטייליגען אין די וכוחים פון די חכמים און ווי שטאָלץ איז ער געווען, וואָס ער בעטייליגט זיך אין זיי!

גאַנצע טעג איז ער געזעסען ביי די פיס פון רבן גמליאל, מיט רבי יהודה׳ן האָט ער געפיהרט אידעלע, אָבער לאַנגע וכוחים, און צו רבי עקיבא׳ן האָט ער געפיהלט אַ וואַרימע, האַרציגע ליעבשאַפט, און געאַב־פערט און געשעצט האָט ער איהם אָהן אַ גבול!

אָט אַזוי, צווישען זעלטענע מינוטען פון קומער און צווישען שטענ־דיגע פריידען, איז געשוואומען דאָס לעבען פון שמשון׳ען, דעם געלעהר־טען מאַן פון דער אייביג־פערנומענער ציפהן, ביז ס׳איז געקומען דער צופאַל, וואָס האָט גאָר אומגעריכט צערודערט דעם רוהיגען גאַנג פון זיין לעבען.

* *
*

אָט איז דאָס שטיבעל, וואו עס וואָהנט ר׳ שמשון מיט זיין פאַמיליע. צום געסעל־צו האָט עס צוויי פענסטער און אַ טהיר, ריכטיגער—אַ טהירעל. די פענסטער געהערען ניט צו שמשונ׳ס דירה: דעם „פראָנט“ פערנעהמט

איציק דער בלעכער, װעלכער װאָהנט דאָרט צוזאַמען מיט די זיעבען אַנדערע נפֿשות פֿון זײַן פֿאַמיליע, דאָס טהירעל פֿיהרט צו ציפּה׳ס קלייטעל.

די שאָטענס פֿון דער נאַכט הויבען זיך אָן שפּרייטען איבער דער ערד.

דאָרט אין עק הויף, איבער׳ן שטיבעל מיט די צװיי פֿענסטער, װאָס שטעהט פּונקט אַנטקעגען טויער, זעהען מיר בײַ׳ם לעצטען שײַן פֿון טאָג — אַ גרויסע, ריעזיגע האַנד, הענגענדיג אין דער לופֿטען. די האַנד איז אַזױ גרויס, װי צװאַנציג געװעהנליכע מענשליכע הענד, די איז אָבגעפֿאַרבט אין מאַראַנצען־קאָליר און זעהט זיך קלאָר און דײַטליך אין דער לופֿט... װאָס קען דאָס בעדײַטען? צי איז דאָס עפּיס אַ כשוף, עפּיס אַ מין צױבערישע מאַשינעריע, װעלכע איז געמאַכט געװאָרען, כּדי צו בעגעהן אַ פֿערברעכען?

די מעשׂה איז זעהר פּשוט: דאָס איז אַ שילד, װאָס מ׳האָט איהם אָקאָרשט אױסגעמאָלט פֿאַר׳ן הענדשקע־מאַכער און אַרויסגעהאַנגען אינדרויסען, כּדי דאָס גרויסע בלאַט פֿאַרב זאָל אױסגעטריקענט װערען אין דער לופֿטען.

אין דעם שטיבעל, װאָס שטעהט פּונקט אַנטקעגען טויער, װאָהנט משה, דער װענד־און שילדען־מאָלער. פֿאַר שמשון׳ס קינדער, בעװונדערס פֿאַר אסתּר׳קען און מענדעלע׳ן, איז משה אַן־אמת׳ער כּשוף־מאַכער, כּסדר בעשאַפֿט ער אומגעריכטע װאונדער, װאָס מאַכען זיי אַזױ פֿיעל פֿערגניגען. הײַנט הענגט פֿאַר׳ן שטיבעל אַ גרויסע האַנד, מאָרגען אַ רויטער שטיװעל מיט אַ געלער פּאָדעשװע, שפּעטער אַ ראָזע מלבּוש ברייט אויסגעשפּרייט אויף אַ הימעל־בלאָהען גרונט, אָדער קאַרעטען און װעגען מיט לאַזור־פֿאַרביגע קאַסטענס אויף פּורפּור־רויטע רעדער.

פֿאַר די דאָזיגע װאונדער־שענע בילדער שטעהט אסתּר׳קע אָפטמאָל שעה׳ן־לאַנג, מיט אַ פֿינגערעל אין דעם קאַרעלען־מײַלעכעל און מיט אויגען אױפֿגעהויבענע אין דער הויך, און מענדעלע, קוקענדיג אויף זיי, פֿערגעסט אַזױ װאָס עס טהוט זיך מיט איהם, אַז ער זעצט זיך אַוש אַנידער אויף די שטיינער און הויבט דעם קאָפּ אין שטומער ענטציקונג אַזױ הויך, ביז די יאַרמולקע פֿאַלט אַראָב פֿון זײַנע לאַנגע הערלעך, און ער בעמערקט דאָס גאָר ניט. דערזעהט דאָס דורכ׳ן פֿענסטער דער פֿרומער העניך, געהט ער אַרויס פֿון דער שטוב, שפּאַנט מיט גרויסער ערנסטקײַט איבער דעם הויף, הויבט־אויף די יאַרמולקע און װיל מיט איהר צודעקען דעם קאָפּ פֿון זײַן לײַכטזיניגען ברודער, בעמערקט ער צופֿעליג דאָס װאונדערפֿולע בילד, װאָס הענגט פֿאַר דעם מאָלער׳ס הויז, און כּלומר׳שט

ניט חילענדיג, בלייבט ער שטעהן אונבעװעגליך און קוקט, האלטענדיג די יארמולקע, די דאמאקלעס'ס שװערדל *) איבער מעגדעלע'ס קאפ. און אזוי שטעהען זיי אלע דריי און קוקען און קוקען, ביז ליבע קומט זיי רופען צום װארימעס, אדער צו דער װעטשערע.

ליבע האט קיין צייט ניט זיך צוצוקוקען צו די שענע בילדער, נאר װען זי קומט שוין אמאל און װיל ארויסרייסען איהרע שװעסטער און ברידער פון די אידעאלע התפעלות-װעלטען, װערט זי אליין אין זיי פערזונקען און בלייבט שטעהן און קוקט.

איצט קוקט אבער קיינער ניט אויף דער גרויסער מאראנצען-קאלירענער האנד. אויף אַ דראט, װאס אין דער פינסטער בעמערקט מען איהם ניט, װיעגט זי זיך און סקריפעט לאנגזאם ביי יעדען בלאז פונ'ם װינד, און מיט די פינף צעשפרייטע פינגער װינקט זי צו די צװיי פענסטער, װעלכע לייכטען אַ ביסעל נידעריגער אונטער איהר.

משה'ס פענסטערלעך זענען היינט זעהר העל בעלויכטען און אין הויף אפילו לאזט זיך הערען אַ לעבהאפטער שמועס פון עטליכע מענשען. װאס קען דאס זיין? זאל דאס משה מיט זיין װייב חיה'ן מאכען היינט ביי זיך אַ באל? גלויב איך דאס ניט; װארום כאטש צװישען פאלק ישראל איז פארהאן רוטשילד'ס און אלערליי אנדערע רייכע באנקירען, פונדעסטװעגען איז דער שילדען-מאלער, קען מען זאגען, כלל ניט קיין פערמעגליכער מענש.

משה'ס טהיר עפענט זיך, עס געהט ארויס אַ הייפעל שװארצע פיגורען, זיי רוקען זיך פארביי דער האנד, װעלכע דראהט זיי, דאכט זיך, מיט איהרע אויסגעשטרעקטע פינגער, און רעדענדיג אלע אויף אַ קול, געהען זיי אריין אין שמשון'ס דירה.

אין שטוב איז מיט אַ מאל געװארען שרעקליך ענג; ס'איז אריין זעקס מאן: איציק דער בלעכער, משה דער מאלער, יאסעל דער קאװאל, מאיר יאסעל דעם קאװאל'ס זוהן און נאך צװיי.

מסתמא האט דאס משה צוליעב אט די מענשען אזוי גרויסארטיג בעלויכטען זיין דירה, מסתמא האבען זיי דאס גערעדט אזוי לעבעדיג, הויך. אבער װאס װילען זיי פון שמשון'ען?—זיי פערנויגען זיך פאר איהם

---

*) דאמאקלעס—אַ פיגור פון דער גריכישער מיטאלאגיע. אלס שטראף האבען די געטער אויפגעהאנגען איבער זיין קאפ אַ שװערד, װעלכע האט זיך געהאלטען אויף איין האר און האט געקענט אראפפאלען יעדע מינוט.

מיט גרויס דרך־ארץ, מיט אזא כּבֿוד, אז מען זעהט באַלד: די פּשוט׳ע בעלי־מלאכות פיהלען דעם גרויסען חלוק צווישען זיי און דעם יוד דעם למדן.

שמשון גריסט זיי העפליך, רוהיג, אָבער ערנסט, ווי עס פּאַסט פאַר אַזאַ חשובֿ׳ען יודען. פון צווישען דעם עולם טרעט ארויס יאָסעל, מסתּמא ווײַל ער איז עלטער פון אַלע, אָדער אפשר איז ער אַ גרעסערער בעל־דבֿרן. אַ ביסעל אַ פערלעגענער, מיט אַ אונזיכערע שטימע, טרעט ער צו צום ענין און דערצעהלט, אַז אָט די חבֿרה האָבען בעשלאָסען... אַז ער מיט די חבֿרים זײַנע האָבען בעשלאָסען אם ירצה השם דעם קומענדיגען פּורים... שפּיעלען טהעאַטער...

בעשלאָסען אם ירצה השם פּורים שפּיעלען טהעאַטער לשם צדקה פאַר אָרימע לײַט, האָבען זיי זיך מישבֿ געווען בעטען רבֿ שמשון׳ען, אפשר וועט ער וועלען צושטעהן צו זייער חבֿרה.

רבֿ שמשון האָט אַ שענע קול־נגינה, זעהר אַ שענע. קיינער וועט ניט זינגען שענער ווי ער די ערשטע ראָליע.

דאָס האָט זיי געזאָגט דער חזן אַליין, דער חזן, וואָס איז—כּידוע— אַ גרויסער בעל־נגינה, און קען די „כּלים" פון דער גאַנצער שטאָדט, ווי זײַן אייגענער כּלי.

רבֿ שמשון איז אַ לערנער, אַ גרויסער לערנער. קיינער וועט ניט דער־וועקען בײַ׳ם עולם אַזאַ אינטערעס צו דעם טעאַטער, ווי ער, אויב ער וועט דאָרט שפּיעלען. קיינער וועט ניט קענען בעסער דערווײַזען, אַז דאָס איז, חלילה, ניט קיין עבֿודה פון שקצים, קונדסים, אַז דאָס מיינט מען נאָר לשם מצוה. רבֿ ברוך אַליין, וואָס איז שטענדיג עוסק אין צדקה, בעט איהם צוליעבֿ די אָרימע־לײַט פּוני׳ם שטאָדט, אַז ער זאָל זיך ניט אָבזאָגען...

וואָס רעכענען זיי שפּיעלען? „שמשון הגבור", אַזאַ מין טהעאַטער־שטיק; מסתּמא קען עס רבֿ שמשון (וואָס קען דען רבֿ שמשון ניט?) ס׳איז דאָרט פאַראַן אַזאַ שען זינגעכץ און ס׳איז טאַקי דאָ אויך וואָס אַ קוק צו טאָן אויך... אַ קאַטאָוועס—„שמשון הגבור"...

יאָסעל דער קאָוואַל ווערט אַנטשוויגען, נאָר פון הינטער זײַנע ברייטע פּלייצעס רוקט זיך אַרוי׳ס דער לאַנגער משה, דער שילדען־מאָלער, און בעמערקט מיט אַ האַלב־פרעהליכען, האַלב־פערלעגענעם שמייכעל, אַז רבֿ שמשון מוז נאָך דערפאַר ערפילען זייער בקשה, ווײַל דאָס בעסטע וועט זײַן, אַז די ראָליע פון „שמשון הגבור" זאָל שפּיעלען טאַקי „שמשון

הגבור". יענער האָט געהייסען שמשון און דער הויסט אויך שמשון, און אויב יענער איז געווען אַ גבור אין כח, איז דער אַ גבור אין תורה.

די דאָזיגע העפליכע, שאַרפזיניגע און דערביי זעהר ריכטיגע בע־מערקונג רופט אַרויס אַן אַלגעמיינע „בראַוואָ" *).

שמשון האָט לאַנג אַרומגעקלערט דעם פאָרשלאַג. דאָס, וואָס מ׳האָט פון איהם פערלאַנגט, איז שוין ניט געווען קיין מחשבות און חלומות, נאָר אַ רעאַלע האַנדלונג, און צו אַזוינע זאַכען האָט שמשון ביז דעמאָלט ניט געהאַט קיין שייכות.

די האַנדלונג איז איהם געווען פריקרע. ער וועט מוזען געהן, זיך ריהרען, זיך סטאַרען—דאָס איז איהם ניט געווען צום האַרצען. דערצו נאָך אַזאַ געמיינער עסק, ווי שפּיעלען טהעאַטער, צו פּאַסט דאָס פאַר אַזאַ ערנסטען מענשען, צו וועט דאָס ניט זיין קיין פּחיתת־הכבוד?

ער האָט לאַנג געטראַכט, נאָכדעם איז ער אויפגעשטאַנען און אַזוי געענטפערט:

— אויב דער חזן זאָגט, אַז איך האָב אַזאַ שענע קול־נגינה, און אויב רב ברוך בעט מיך און דאָס איז לשם מצוה, וועל איך שפּיעלען.

די גאַנצע קאָמפּאַניע איז זעהר אויפגעלעגט, שפּעטער ווערט שמשון איך ניט ווייניגער אויפגעלעגט, ווי אַלע.

די חברה האָט אָנגעהויבען דערצעהלען שמשון׳ען, ווער וואָס ס׳וועט שפּיעלען.

— דער הויכער משה מיט די ברייטע פּלייצעס פּאַסט פּונקט פאַר אַ מלך פון די פלישתים, נו! וועט ער זינגען די ראָליע פון מלך.

— יצחק דער בלעכער וועט זיין משה׳ס מיניסטער, אַ קרוב למלכות, און די צוויי יודען וועלען שפּיעלען די ראָליע פון די ירושלים׳ער זקנים, וועלכע קומען וויינען פאַר׳ן מלך פון די פלישתים...

— מאיר, יאָסעל דעם קאַוואַל׳ס זוהן (יענער רויטעלט זיך דערביי

---

*) דאָ געהט אין אָריגינאַל נאָך אַזאַ זאַץ: „טאַקי באמת איז שמשון—סאַמ־סאָן, ווי מאָשקע איז משה, יאָסעל איז יוסף, איציק איז יצחק א. אז. וו." דער זאַץ איז געבויט אויף דעם אונטערשייד צווישען שמשון און דעם פּוילישען „סאַמ־סאָן". אַזוי ווי אין יודיש איז דאָ קיין אונטערשייד ניטאָ, וואָלט דער זאַץ ניט געהאַט קיין זין, דעריבער האָב איך איהם דורכגעלאָזען איננאַנצען. אנמ. פונ׳ם איבערזעצ.

פֿאַר בושה) וועט שפּיעלען דלילה׳ן... ער איז יונג און האָט אַזאַ עדעל פּנים, וועט פֿון איהם אַרויסקומען אַ שענע נקבֿה.

— די איבעריגע פּלישתּים זענען דאָ ניטאָ, נאָר מיר האָבען שוין אַלע, זיי האָבען נאָר קיין צייט ניט געהאַט צו קומען, וואָרום דאָס איז אַלץ שוסטערס און סטאָליערס, וועלכע מוזען אַרבּייטען ביז שפּעט אין דער נאַכט.

-- לערנען וועט אונז דער חזן אַליין און צו איהם וועלען מיר געהן איינ׳חזר׳ן דאָס שטיק, און אויף קליידער און אַנדערע מלבּושים האָט רב ברוך אונז צוגעזאָגט צונויפֿנעהמען בּיי רייכע סוחרים... נו! און מיר אַליין וועלען אויך זעהן עפּיס מאַכען... וואָס דען טהוט מען? אַז גאָט האָט אונז געהאָלפֿען, מיר האָבען פון וואָס צו לעבען, דאַרפֿען מיר דערפֿאַר דאַנקען זיין ליעבען נאָמען און אונטערהאַלטען די, וואָס גאָט האָט זיי ניט געהאָלפֿען.

— יאָסעל דער קאָוואַל וועט אַליין ניט שפּיעלען, ער וועט נאָר זיין דער משגיח, ער וועט אַכטונג געבען, אַז אַלצדינג זאָל זיין רעכט און ריכטיג!

דערצעהלט אַלצדינג, זענען די געסט אַרויס פֿון דער שטוב מיט אַ דאַנק און מיט אַ העפֿליכער פערנויגונג. שמשון האָט אַפילו ניט געקענט רעכענען, אַז דער בעשלוס זיינער, וואָס ער האָט אָקאָרשט אָנגענומען, וועט איבערלאָזען אַ טיעפֿען שפּור אין זיין לעבען און—ווער ווייסט? — אפשר וועט ער האָבען אַ גרויסע בעדייטונג פאַר די צוקונפט פֿון זיינע קינדער.

דעם אמת מוז מען זאָגען, אַז מיט דעם טאָג פֿון דער דעפּוטאַציע האָט זיך אָנגעהויבען אַ נייע תּקופֿה אינ׳ם לעבען... פון ציפּה׳ן. ס׳אַרא גרויסען נחת־רוח זי האָט געהאַט די עטליכע וואָכען, ס׳אַרא גדלות, ס׳אַרא האָנאָר עס האָט זיך צעגאָסען אין איהר ברוסט, ווי זיסער האָניג!

שמשון האָט אַ ביסעל פֿערענדערט זיין געוועהנליכען סדר־היום; ער פֿלעגט שוין ניט זיצען פון אינדערפריה ביז נאַכט איבער די ספֿרים, וואָרום גאַנצע פֿריה־מאָרגענס פלעגט ער זיין בּיי׳ם חזן, וואו ער האָט זיך געלערענט זינגען (שוין פֿריהער האָט ער געהאַט אַ ידיעה אין נגינה, און ניט אויף קאַטאָוועס, נאָר טאַקי אַ גאַנץ שטאַרקע ידיעה). אין אָבענד פֿלעגט די גאַנצע טרופּע אַרטיסטען־ליעבהאָבער קומען צו איהם אַ היים מיט האַק און פּאַק.

מיט דעם פריינדליכען שטאָלץ פון אַ מענשען, וואָס פיהלט זיין הויכע לאַגע, האָט ער זיי געבעטען, אַז זיי זאָלען איהם אָנטאָן דעם כבוד, און זיי זענען דערויף מוסכם געווען מיט פערגעניגען, וואָרום דערביי איז אויך ערפילט געוואָרען איינער פון זייערע פערבאָרגענע וואונשען. עס איז דאָך ניטאָ וואָס צו רעדען: יעדער מענש האָט דעם וואונש צו בעגעגענען זיך מיט אַזוינע, וואָס שטעהען אונענדליך העכער פון איהם, בפרט אַז מען קען נאָך צו איהם קומען יעדען טאָג. דער בלעכער, הער קאַוואַל און דער מאָלער זענען געווען גליקליך, וואָס זיי קענען יעדען טאָג אַריינקומען צו אַזאַ חשוב'ען יודען, נאָר וויַיל זיי האָבען זיך פערנומען מיט גראָבער אַרבייט, וועלכע האָט געדויערט צוועלף, פירצעהן און אַמאָל אויך זעכצעהן שעה, האָבען זיי געקענט קומען נאָר שפעט אין אָבענד.

ווען דיי פלעגען קומען, פלעגט אין שטוב ווערען הייס, ווי אין אַ גוט אויסגעהייצטען אויווען. פלעגט מען שוויצען, ביז שמשון פלעגט ניט וויַיזען אַ גוטען בייַשפיעל: ער פלעגט אויסטאָן די קאַפּאָטע און זיך אַוועקזעצען אין דער קאַמזויל און מיט וויַיסע (ניט שניי-וויַיסע) אַרבעל אויפ'ן טיש, וואָס איז געשטאַנען בייַ'ם פענסטער.

דערזעהן, אַז דער בעל-תבית האָט אויסגעטאָן די קאַפּאָטע, פלעגען די געסט זאָגען: „האָט קיין פעראיבעל ניט" און אויך אַראָבנעהמען די כאַלאַטען און זיך אויסזעצען, וואו עס האָט זיך געטראָפען: אויפ'ן קאַסטען, אויף די הינקענדיגע בייַנקלעך און אויף דער ערד. דער לעצטער פלאַץ פלעגט געוועהנליך בלייַבען מאיר'ן, אַ בחור'ל פון זעכצעהן יאָהר, וואָס האָט געוואָלט שפּיעלען דלילה'ן. אַזוי ווי ער איז געווען דער יונגסטער, האָט ער אויך ניט געטאָרט אויסטאָן דאָס גראָהע כאַלאַטעל, וואָס האָט בעדעקט זיין גוף (אַחוץ די עלענבויגענס, וועלכע ס'האָט געלאָזט נאַקעט).

דאָס גאַנצע בילד האָט אויסגעזעהן אַזוי: העכער פון אַלע איז געזעסען שמשון, וועלכער האָט געהערשט איבער דער גאַנצער גרופּע; פון דער גרופּע זענען די בולט'סטע פּונקטען געווען: דער מלך פון די פלישתּים (אָדער דער שילדען-מאָלער) אויסגעשמירט מיט רויטער און בלאָהער פאַרב אויפ'ן פּנים און אויף די הענד, און דאָס קיילעכדיגע פּנים פון דלילה'ן (מאיר'קען)—רויט פאַר היץ און פאַר בושה ווי אַ פּיאָן און בעדעקט מיט שווייס, ווי מיט אַ גלאַנצענדיגער ראָסע, ווען אַלע פלעגען זיך אויסזעצען, פלעגט זיך אָנהויבען די רעפּעטיציע, מען פלעגט זינגען

איינציגווייז און צוזאַמען, און דער קאָוואַל פלעגט דערביי שטעהן אָן א זייט און דיריזשירען.

אָט דעמאָלט פלעגט ביי ציפּה׳ן אין האַרצען אָנהויבען טריפען האָניג.

כאָטש זי איז געווען בעל-הבית׳טע, האָט זי וועגען כבוד ווייניג געטראַכט. אויף די דראַמאַטיש-מוזיקאַלישע אָבענדען ביי שמשון׳ען און ציפּה׳ן פלעגט מען קיין כבוד קיינמאָל ניט דערלאַנגען. ווען איינער פון די געסט פלעגט מיעד ווערען זינגענדיג, פלעגט ער אַ טרונק טאָן וואַסער—און אויס. ציפּה האָט, הייסט עס, פערשפּאָרט איבעררייסען דעם נחת, וואָס זי האָט געהאַט פון דער קאָמפּאַניע, כדי צו ערפילען די פפליכטען פון אַ בעל-הבית׳טע. די פלעגט זיצען אויף דער ערד, גאָר נאָהענט ביי׳ם אויווען, האַלטען מיט די הענד אַרומגענומען די אונטערגעהויבענע קניה, קוקען און הערען. געקוקט האָט זי נאָר אויף דעם מאַן און געהערט האָט זי נאָר דעם מאַן. ווען אַנדערע פלעגען זינגען, פלעגט איהר פנים ווערען גלייכגילטיג, ווי איינער רעדט: אויך מיר זינגערס, נאָר ווען ס׳איז געקומען די רייה צו דעם שלאַנקען יונגען-מאַן, וואָס איז געזעסען אין קאַמזויל און מיט נאַקעטע אַרבעל אויפ׳ן טיש, דעמאָלט, אָ! דעמאָלט פלעגט דער פערוועלקטער פנים, וואָס האָט זיך קוים אַרויסגעזעהן אין דעם שאָטען פון דעם אויווען, בעדעקט מיט אַ שוואַרצען פּאַרוק, ווי מיט אַ פלאַסטער פון סאַזשע,—דעמאָלט פלעגט דער פנים אָנהויבען שיינען מיט אַזאַ גדלות, זיך בעדעקען מיט דעם שיין פון אַזאַ רירענדער, ענטציקטער ליעבשאַפט, אַז קוקענדיג אויף איהר, וואָלט מען געקענט זאָגען: „אַ גליקליכע יודענע!“

די רעפּעטיציעס פלעגען זיך אָפט ציהען ביז איינס און צוויי אַ זייגער, אָבער ציפּה פלעגט אַפילו ניט צומאַכען מיט קיין אויג. אויף דער פרומער הענדיך, זיצענדיג אין ווינקעלע מיט דער ברוינער קאַץ אויף די הענד, פלעגט זיך סטאַרען ניט אַנטשלאָפען ווערען, נאָר די אויגען פלעגען זיך איהם ניט ווילענדיג פערמאַכען און דאָס היטעלע פלעגט זיך אַראָבּרוקען אויף הינטען. פון די איבעריגע קינדער פלעגט ליבע ליעגען אויף די הויכע בערג פון דער מאַמע׳ס איבערבעטען, די אויגען פלעגען ביי איהר זיין ברייט געעפענט און דאָס צעפּעלע פלעגט זיך אַ ביסעל צעפלעכטען און שפּרייטען אויף איהר בלייכען פנים אַ פּאַסמע פלאַקסענע האָר; אסתרקע פלעגט אַנטשלאָפען ווערען, ווי אַ געהרג׳טע, ליגענדיג אויסגעצויגען אויפ׳ן טיש הינטער דעם טאַטענ׳ס רוקען; פון דאָרטען פלעגען אויך

אַרויסקוקען די פֿיסלעך און די הײַסע ציציות׳לעך פֿון מענדעלע׳ן. לייזערקע פֿלעגט זיך אַמאָל אויפֿכאַפּען און פּעראייניגען זײַן אולטראַ-אַלט מיט די שטימען פֿון די זינגער, אָבער אין אַזוינע מינוטען פֿון אַלגעמיינער התפּעלות פֿלעגט זיך שוין קיינער ניט אומקוקען אויף איהם.

*　*

*

פּורים: פּורים! איך ווייס ניט מיט וויפֿיעל טויזענד יאָהר צוריק האָט המן הרשע, דעם קעניג אַחשורש׳ס מיניסטער, געוואָלט אומברייגגען אַלע יודען, האָט זיי מציל געווען מרדכי מיט זײַן חכמה און אסתר המלכה מיט איהר שענקײַט און גוטסקײַט. המן׳ען האָט מען אויפֿגעהאַנגען אויף דער תליה, און דאָס פֿאָלק ישראל איז ניצול געוואָרען פֿון דעם אומגליק. פֿײַערט דאָס פֿאָלק נאָך איצט אויף דעם טאָג פֿון זײַן רעטונג מיט אַזאַ פֿרייד, אַקוראַט ווי דאָס וואָלט געווען ניט דער צוויי־טויזענד און כ׳ווייס ניט וויפֿיעלסטער יאָהר-צײַט, נאָר דער ערשטער אָדער צווייטער, און צום אַנדענקען פֿון המנ׳ס מפּלה באַקט מען אַזאַ מין געבעקס, וואָס הייסט „המן-טאַשען“.

פּורים: פּורים! אַלע יודען פֿון דער שטאָדט אָנגראָד זענען פֿרעהליך און לעבעדיג. אַלט און יונג, רײַך און אָרים, אַלע דרעהען זיך אין אַ שטורעם פֿון שמחה. אין יעדען הויז, אין יעדען שטיבעל דערצעהלט מען דעם טאָג מיט גרויס הרחבה וועגען דער שענער און דער גוטער און דער פֿרומער אסתר! אומעטום בענשט מען איהר נאָמען און דעם נאָמען פֿון מרדכי הצדיק.

שמשון פֿרעהט זיך גלײַך מיט אַלע און בענשט אַ גאַנץ טאָג דעם נאָמען פֿון מרדכי און אסתר, נאָר אין זײַן שמחה פּער׳גנב׳ט זיך אַ מין פֿײַערליכער פּחד; ער שרעקט זיך ניט פֿאַר׳ן עולם, וואָס וועט קוקען אויף זײַן שפּיעל, נאָר פֿאַר דער גרויסקײַט פֿון דער אויפֿגאַבע, וואָס ער האָט אויף זיך גענומען.

אויב ס׳וועט איהם, חלילה, טרעפֿען אַ מכשול, אויב ער וועט פֿאַרשטעלען פֿאַר דעם עולם אַזאַ גרויסען מענשען, ווי שמשון הגבור, און וועט דערבײַ מיט וואָס ניט איז בעליידיגען זײַן בעריהמטען נאָמען, וועט ער געהמען אויף זײַן נשמה אַ שווערע, אַ זעהר שווערע זינד. ניין, ער

מוז זײַן שען. גרויס, מעכֿטיג, ווי יענער איז געווען! ער פֿיהלט שוין איצט אויך, ווי עס רוישען אין זײַן ברוסט גאַנצע כוואַליעס פֿון אונבאַקאַנטע געפֿיהלען, ווי עפּיס ציהט איהם מיט געוואַלטיגען כּח, עפּיס בענקט זיך, עפּיס אַ אונבעשטימטער טרויער און אונקלאָרע פֿריידען רײַסען זיך פֿון זײַן האַרץ, עפּיס קלאַפּט איהם זײַן ברוסט וואָס נעהנטער צו דעם אָבענד אַלעמאָל מעכֿטיגער, שטאַרקער, עפּיס וואַקסט זי, די ברוסט, עפּיס ווערט זי, דאַכֿט זיך, אַלעמאָל ברייטער. דעם גאַנצען טאָג רעדט ער ניט צו ציפּה'ן,—ער וואָלט געוואָלט רעדען, נאָר ער קען ניט.

און ציפּה וויינט.

און ווי זאָל זי ניט וויינען, אַז זי וועט ניט קענען זײַן אין טעאַטער און וועט ניט קענען זעהן איהר מאַן אויף דער סצענע. אויף דעם גאַנצען אָבענד האָט מען די גערופֿען צו עפּיס אַ פּריצה, וואָס מוז זי נויטיג האָבען. וויינט זי, די אָרימע ציפּה, לויפֿענדיג ווי געוועהנליך איבער די גאַסען אָדער זיצענדיג אַ שוואַכע און אַ אומעטיגע הינטער דער קאָנטאָרקע.

עס וויינט אויך ביסלעכֿווײַז ליבע, פֿאַרענדיג זיך אין בעל־הבית־ישקײַט.

זי וועט אויך ניט געהן אין טעאַטער, מחמת דאָס קליידעל, וואָס זי האָט אויף זיך, איז איהר איינציגער מלבוש, און אַזוי ווי עס צעפֿאַלט זיך אויף שטיקלעך (די שטיוועלעך זענען ניט בעסער) קען זי זיך ניט ווײַזען צווישען מענשען.

דערפֿאַר איז דער פֿרומער הענין גענוג גלײַכֿגילטיג צו דעם פֿײַערליכֿען אָבענד, און אַזוי ווי ער האָט אַ סך קשיות געגען אַ טעאַטער־שפּיעל—אין פֿיעלע ספרים איז פֿאַרהאַן אַ פּסק לחומרא און ניט לקולא—דעריבער איז בײַ איהם געבליעבען בעסער זיצען אין דער היים.

דערפֿאַר אסתר'קע און מענדעל קלויבען זיך אין טהעאַטער אַרײַן שוין פֿון גאַנץ פֿריה אָן, און זיי וואַרטען נאָר די מינוט, ווען די שכנים'ס קינדער (דעם בלעכֿער'ס און דעם מאָלער'ס) וועלען אַרויסגעהן, וועלען זיי געהן מיט זיי צוזאַמען. צוליעב דעם האָט ליעבע נאָך כּמעט פֿאַר טאָג אָנגעטאָן דאָס שוועסטערעל אין די בלאָהע אַטלאַסענע שיכֿלעך (זעלבע זענען געווען פֿערצערעוועט מיט ווײַסע פֿאָדים) און אויף וויפֿיעל ס'איז מעגליך פֿערשטעקט די ווײַסע ציצית הינטער מענדעלע'ס ראָזע לײַבעל. ס'איז שוין אָבער באַלד געווען נאַכֿט, און קיינער האָט זיך נאָך ניט גערידהרט פֿון אָרט: ניט דער טאַטע, ניט משה'ס קינדער. ערשט גאָר שפּעט האָט שמשון זיך געשטעלט דאַוונען, געדאַוועט לאַנג און האַר־

צי׳ג, און נאָכדעם אַרויסגעגאַנגען פֿון שטוב, אַ פערטראַכטער, ניט הערענ־די׳ג און ניט זעהענדי׳ג וואָס ס׳טהוט זיך אַרום איהם. מענדעלע און אסתר־קע זענען איהם נאָכגעגאַנגען, האַלטענדי׳ג זיך פֿאַר די הענד.

אין דער זעלביגער מינוט עפֿענט זיך מיט אַ טראַסק דאָס טהירעל פֿון דער שטוב, וועלכע שטעהט אַנטקעגען טויער, און עס רייסט זיך פֿון דאָרט אַרויס מיט אַ געשריי און אַ ליאַרעם אַ גאַנצע כאַליאַסטרע יונג־לעך מיט מיידלעך—משה׳ס און איציק׳ס קינדער.

אסתר׳קע און מענדעלע לאָזען אַרויס אַ געשריי פֿון נצחון. זיי לאָ־זען אַוועק דעם טאַטען און שטעהען־צו צו דער קאָמפּאַניע קליינע שכנים. די קליינע שכנים זענען אָבער גרעסער פֿון זיי, זיי האָבען לענגערע פיס און שטעלען ברייטערע טריט. דערצו זענען זיי נאָך פֿרעהליך, אויפגעלעגט, וואָ־רום זיי האָבען זיך אַלע אָנגעטאָן ממש בגדי מלכות; בעזונדערס די מיי־דעלעך שיינען מיט זייערע נאָר וואָס אויסגעוואַשענע פערקאַלענע קליידע־לעך און רויטע פֿאַטשיילעכלעך. זיי לויפען גיך. מיט אַ געשריי, אַ גע־לעכטער און אַ יאָגעניש, און זיי ווילען זיך גאָר ניט אומקוקען אויף די צוויי קליינע נפֿשלעך, וועלכע לויפען זיי נאָך, וויפיעל זיי האָבען כח, און דער קאַלטער ווינד צעשויבערט זייערע פֿייערדיגע הערלעך. זיי זע־הען ניט און ווייסען ניט, אַז אסתר׳קעס בלאָהע שיכעלעך גרוזנען אין שנייי און אַז מענדעלע׳ס יאַרמולקע פֿאַלט איהם אַלעמאָל אַראָב פֿונ׳ם קאָפּ. בב

צוליעב די שיכלעך און דער יאַרמולקע מוזען זיי אַלעמאָל בלייַ־בען שטעהן. דערצו נאָך די ציצית... זיי זענען ווידער אַרויסגעקראָ־כען פֿון אונטער׳ן לייבעלע און פּלאָנטערן זיך ביי מענדעלע׳ן צווישען די פֿיס און לאָזען איהם ניט געהן. און די פרעהליכע, לעבעדיגע קאָמ־פּאַניע דערווייטערט זיך, דערווייטערט זיך אַלעמאָל מעהר... אָט זענען זיי שוין דערגאַנגען צום עק געסעל... אָט רוקען זיי זיך שוין האַסטי׳ג איבער דעם ברייטען, מיט שניי בעדעקטען בולוואַר...

אסתר׳קע און מענדעלע נעהמען זיך אָן מיט די לעצטע כחות און דערלויפֿען אויך ביז דעם עק געסעל. וואו זענען אָבער די, וואָס וואָל־טען זיי געקענט ווייַזען דעם וועג? זיי זענען שוין ניטאָ אויפ׳ן בול־וואַר. זיי האָבען זיך גענומען אין איינעם פֿון די זייַטיגע געסלעך... ניטאָ קיינער!...

וואָס זשע טהוט מען? געהן אַליין, אָט אַזוי, אין צווייען? ס׳וואָלט טאַקי געווען גוט, אָבער...

פֿאַר די אויגען פון דעם קלייגעם פאָרעל, וואָס האָט זיך ווידער אָנגענומען פֿאַר די הענד און שטעהט ביי'ם עק געסעל, ליעגט אויסגעשפרייט ווי אַ גרויסע, אונענדליכע מדבר — דער בולוואַר.

ס'אַראַ גרויסער פּלאַץ! און זיי קענען איהם ניט! זינט זיי לעבען, זענען זיי דאָ ניט געווען. ווי זשע וועלען זיי זיך איצט לאָזען אין פרעמדע מדינות? און אַפילו זיי זאָלען שוין איבערגעהן די גרויסע מדבר, וואוהין וועלען זיי געהן ווייטער? פֿון אַלע זייטען מדבר עפענען זיך גרויסע טיעפע טהאָלען, און אַ געריש הערט זיך פון דאָרט, אַז ס'נעהמט אָן אַ פחד: וועלכער פֿון די טהאָלען וועט זיי ברייננגען צו דעם ציעל פֿון דייער רייזע? וועגען דעם האָבען זיי קיין שום בעגריף ניט. וואָס זשע טהוט מען?

גאָר פשוט. אַ שטיק צייט זענען זיי געשטאַנען אָהן בעוועגונג און געקוקט, נאָכדעם האָט אסתר'קע צונויפֿגעדריקט ביידע הענדטלעך און צוגעלעגט צו די אויגעלעך, פֿון וואַנען ס'האָט זיך אַ גאָס געטאָן אַ קוואַל מיט טרעהרען. מענדעלע טהוט אויך דאָס זעלביגע, נאָר מיט דעם חלוק, וואָס ער הויבט אָן שרייען מיט אַ ביטער געוויין: „טאַטע!" אסתר'קע איז עלטער, פֿערשטעהט זי, אַז דער טאַטע קען זיי ניט דערהערען, וואָרום ער איז ערגיץ ווייט, און די מאַמע איז נעהנטער. פֿעררינכט זי דעם ברודער'ס פעהלער און שרייט: „מאַמע!" און אַזוי האַלטענדיג די הענדטלעך ביי די אויגען און שרייענדיג, דרעהען זיי זיך אוים און געהען ווידער מיט'ן געסעל אַ היים...

שמשון, וועלכער האָט ניט געוואוסט גאָר ניט פֿון זיינע קינדער'ס אומגליק, איז כמעט אין דער זעלבער רגע אַריינגעקומען אין טהעאַטער־גאַרדעראָב...

דאָ איז ענג, רוישיג און רויט, שרעקליך רויט. די רויטקייט זעצט בעזונדערס פֿון משה'ן, דעם שילדען־מאָלער, וועלכער געהט אַרום אי־בער'ן גאַרדעראָב אין זיינע טהעאַטער־קליידער. אַ קרעפֿטיגער, אַ שטאַרקער, מיט פֿערדהאַרטעוועטע נערווען און מיט מוסקעלן ענטוויקעלטע דורך שווערע פֿיזישע אַרבייט, איז ער ניט אַזוי עמפפינדליך, ווי שמשון. אַ חוץ דעם שפּיעלט ער דאָך נאָר דעם מלך פֿון די פלישתים, פיהלט ער אויף זיך ניט אַזאַ גרויסע פֿעראַנטוואָרטליכקייט, טאָמער וועט ער ניט דערוועקען ביי'ם עולם קיין כבוד און אַכטונג. איז ער פֿרעהליך און אויפגעלעגט. מען זעהט גלייך, אַז ער איז געוואָרען דער כל־ולך אין דער אונטערנעהמונג.

אויסזעהן זעהט ער אויך אויס גאַנץ נישקשה׳דיג, ווי עס פּאַסט פֿאַר אַ מלך פון אַ גרויסער מדינה. אָנגעטאָן איז ער אין בלוט-רויטע הויזען און אין אַ רויט העמדעל, אַרומגעגאַרטעלט מיט אַ גאָלדענעם גאַלאָן, אַ גאָלדענע קרוין מיט רויטע שפּיצען פּערציערט זיין קאָפּ, און ביי׳ם גאַרטעל הענגט טאַקי אַנ׳אמת׳ע שווערד, וועלכע ער האָט אַנטליהען ביי איינעם פון די נידעריגערע מיליטער-לייט. משה איז אינגאַנצען רויט, פון קאָפּ ביז די פיס; ווער עס ווייסט ניט, וואָלט געקענט מיינען, אַז ער וויל שפּיעלען די ראָלע פון אַ מיטעלאַלטערליכען תליין.

אין אמת׳ן איז דאָס בגדי מלך, און ווי אַ מלך זעהט טאַקי אויס משה, מיט דער גרויסאַרטיגער קאַרטאָנענער נאָז, מיט די קויהל-שוואַרצע וואָנסעס און מיט דעם שוואַרצען שפּיצעכדיגען בערדעל „אַ לאַ נאַפּאָלעאָן דער דריטער“. ער שפּאַנט אַרום איבער דעם גאַרדעראָב שוין עטליכע שעה, קלינגט מיט דער שווערד, זינגט עפּיס שטיל פֿאַר זיך און טרייבט אונטער זיין חיל, זיי זאָלען זיך גיכער אָנטאָן אין מיליטערישע קליידער. די אַרמעע איז ניט אַבי וועלכע: די בעשטעהט פון פיער זעלנער און איין אָנפיהרער.

דער פיהרער, וועלכער איז דעם מלך׳ס מקורב און זיין ערשטער מיניסטער, (איציק דער בלעכער) שיינט אַרויס פון דעם געלען קאַפּטען, וואָס איז בעדעקט מיט זילבערנע בלעכלעך. בטבע איז איציק אַ ברונעט, נאָר מחמת אי שמשון, אי דער מלך פון די פלישתים זענען אויך ברונעטען, האָט ער אָנגעטאָן אויפ׳ן קאָפּ אַ רויטען פּייערדיגען פּאַרוק און זיך אויסגעפּוצט מיט אַזאַ גרינעם באַנד, ווי דאָס גראָז אין מאַי. די פּשוט׳ע זעלנער זענען ניט געווען אַזוי אָנגעטאָן ווי זייער פיהרער; פונדעסטוועגען זענען זייערע קליידער אויך געווען אַזוי פיין, אַז ער האָט זיך ניט געדאַרפט מיט זיי שעמען.

די אַלע ריטער, ווי עס פּאַסט פֿאַר ריטער, האָבען זיך זעהר פריה צוגעגרייט צו אומקומען אויפ׳ן שלאַכט-פעלד. נאָר דלילה—אַ נקבה—איז נאָך אַלץ ניט פאַרטיג.

דאָרט, אין עק גאַרדעראָב, וואו ס׳האָט זיך אָנגעקליבען אַזוי פיעל מענשען און עס קאָכט פון געשרייען און געשפּרעכען, גרייט זיך מאַרי-קע, יאָסעל דעם קאָוואַל׳ס יונגעל; ער חלש׳ט שיער ניט פֿאַר בושה און בעהאַלטענער פרייד, ווען מען טהוט איהם אָן אַ בלאָה קלייד אויף דער ריזיגער קרינאָלינע און אין דעם פּאַרוק, וואָס פאַלט איהם אַראָב מיט וואָלענע לאָקען אויפ׳ן נאַקען, פלעכט מען אַריין צוויי גרויסע רויטע רויזען.

מאיר'ס ווייבער, האַלב קינדערשער פּנים איז פּמעט אַזוי רויט, ווי די רויזען; זײַנע גרויסע הענד וועלכע העלפען דעם טאַטען שוין עטליכע יאָהר אַרבײַטען אין קוזנע) רוקען זיך אַרײַן מיט גרויס פערוואונדערונג אין די שטרוי־פאַרביגע הענדשקעס און מיט נאָך גרעסערער פערוואונדערונג נעהמען זיי דעם פּאָכער פון ראָזע מאַטעריע, וואָס עמיצער האָט זיי דערלאַנגט. אין שטרוי־פאַרביגע הענדשקעס, מיט אַ פּאָכער אין האַנד, בלײַבט מאיר שטעהן, אויסגעצויגען שטײַף, מיט די פּלייצעס אָנגעשפּאַרט אָן וואַנד, און די מענשען וואָס טהוען איהם אָן (נאַטירליך מאַנסבּילען) מיט דעם מלך פון די פּלישתּים בּתוכם, רוקען זיך אָב אויף עטליכע טריט, בּעטראַכטען איהם פון דער ווײַטען פון קאָפּ ביז די פיס און פּסק'נען אײַנשטימיג מיט גרויס צופריעדענהײַט: „אַ פײַנע נקבה".

אין דער מינוט קומט אַרײַן שמשון. אין גאַרדעראָב ווערט שטיל, אַ סימן פון אָבשײַ. שמשון רעדט קײַן וואָרט ניט. ער געהט צו צום טיש, וואו עס ליעגען אויסגעלעגט זײַנע טעאַטער־קליידער, און הויבּט זיך אָן אָנקליידען מיט אַזאַ פײַערליכער מינע און מיט אַזאַ טיעפען ערנסט, ווי געוועהנליך בּשעת ער טהוט אָן טלית און תּפילין.

ס'איז שוין טאַקי לאַנג צײַט צו ענדיגען די טואַלעטען. דער טעאַטער־זאַל איז פול און קאָכט פאַר אונגעדולד. שוין צײַט.

וואָס איז דאָס פאַר אַ זאַל, וואו געפינט ער זיך און ווי האָט איהם אויף היינטיגען אָבענד בעקומען די קאָמפּאַניע שפּיעלער? ס'איז לאַנג צו דערצעהלען. מ'האָט געגונג געמוזט אויסשטעהן אַלערליי צרות מיט קלאָפּאָט מיט האָרעוואַניע. ווי די מעשה איז, אַ זאַל איז דאָ. אַרײַנגעהן פון נאָס מוז מען דורך אַ גרויסער הויף, דאָס הייסט אַ פּאָרהויז, וואו אַ חלבּין ליכטעל בעלײַכט די טונקעלע, געבעלהאַפטע טיעפּעניישען; דאָרט אין די טיעפעניישען שטעהט אַ בופעט מיט אַ געוויסער צאָהל קלעפּיגע, ניט בעזונדערס תּנ'ודיגע צוקערקעס, מיט מאַנדלעך שוואַרצע ווי די נאַכט, מיט אונטערגעפּוילטע עפּעל א. אַז. וו.

דורך דער דאָזיגער הויל זענען מאַסען מענשען געשוואומען, געשוואומען, ביז זיי האָבען דערגרייכט צו דעם שמאָלען, אונגעוועהנליך לאַנגען זאַל, וואו די פּאָדלאָגע איז געווען משופּע'דיג און אויסגעלעגט מיט קלעצער, כּדי די צושויער זאָלען בעסער קענען זעהן. די קלעצער זענען געווען פון אויבען האַלב־קײַלעכדיג, קען מען ניט זאָגען, אַז דאָס שטעהן אויף זיי זאָל זײַן אַ גרויסער קאָמפאָרט, וואָלט מען גאָר געהאַט אַ ביסעל אַ שלעכטען ווילען, וואָלט מען אויך געקענט געפינען חסרונות אין דער

בעלייכטונג. ווארום זי איז געווען געמאַכט אַזוי, אַז זי האָט בעלויכטען נאָר די וואַנד און עטליכע בענק, וואָס זענען געשטאַנען נאָהענט צו דער סצענע און זענען געווען בעשטימט פאַר די העכערע געזעלשאַפטליכע קרייזען, די איבעריגע טיילען פונ'ם זאַל זענען געווען פינסטער, ווי די פערצווייפלונג אין הארצען פון אַ רשע.

קיין אָרקעסטער איז ניט געווען (כאָטש דאָס שטיק, וואָס מ'האָט געזאָלט שפּיעלען, איז געווען אַנ'אָפּערען), נאָר אויף דעם אָרט, וואו עס געפינט זיך געוועהנליך דער אָרקעסטער, איז געשטאַנען אַ שטוהל און אויף דער שטוהל איז געזעסען יאָסעל דער קאַוואַל. געזעסען איז ער אויסגעקערעוועט מיט'ן פנים ניט צו דער סצענע, נאָר צו דעם עולם: ווארום ער האָט געזאָלט קאָמאַנדעווען ניט מיט די אַרטיסטען, נאָר מיט דעם פּובליקום. די אַרטיסטען קענען גוט זייערע ראָלען, דערצו איז משה דער מאָלער (דער מלך פון די פּלישתּים) אַ ענערגישער מענש, וועט ער אויף זיי אַכטונג געבען, און זיי וועלען שוין וויסען, וואָס זיי האָבען צו טהאָן.

אָבער דאָס פּובליקום—דאָס איז אַ קאָלאָדיגע, אַ אונגעהאָרכזאַמע בעשעפעניש.

אַט צוליעב דעם טאַקי, כּדי צו רעגולירען די בעוועגונגען פונ'ם פּובליקום, וואָס הויבט זיך אָפּט אָן בעוועגען ניט דעמאָלט, ווען ס'איז נויטיג, האָט זיך יאָסעל דער רעזשיסער אַוועקגעזעצט אויף דעם אָרט, וואו עס געפינט זיך אין אַנדערע טעאַטערס דער אָרקעסטער...

די מענשען, וואָס שטעהען אויף די האַלב-קיילעכדיגע קלעצער, האָבען איצט אויף אָנגעהויבען זיך ריהרען און ברומען מיט אַנ'אָפּענער אומגעדולד... נאָך איין מינוט וועלען זיי אַרויספּלאַצען מיט אַ הילכיגען געפּילדער. נאָר הונטער יאָסעל'ס ברייטע פּליצעס הויבט זיך אויף דער פאָרהאַנג... דאָס ברומען ווערט אַנטשוויגען, ווי אָבגעהאַקט, און אין דער טויטער שטילקייט לאָזט זיך הערען דאָס אויסגעצויגענע, צאָרענדיגע געשריי פון אַ לייב... דאָס געשריי חזר'ט זיך איבער עטליכע מאָל נאָכאַנאַנד.

אויף דער סצענע איז אַ מדבּר.

פון דער וויַטענס זעהט מען עטליכע פּאַלמען אויף אַ נעבעלהאַפטען גרונד. דאָס איז מסתמא אַ אָאַזיס, *) פון דעם אָאַזיס געהט אַרויס אַ גרויסער, אַש-קאָלירענער לייב מיט זעהר גלאַנצענדיגע אויגען. דער מלך

---

*) אָזאַ שטיקעל אָרט אין אַ מדבר, וואו ס'איז דאָ וואַסער און בוימער.

פֿון דער מדבר האָט ניט אומזיסט אַרויסגעלאָזט אַזאַ שרעקליך געשריי. ער האָט אַ גוטען חוש־הריח און האָט דערפֿיהלט פון דער ווייטענס אַ מענשען.

אָט איז דער מענש אויך.

ער געהט אַרויס, ווי דער לייב, פֿון צווישען די פאַלמען, נאָר פון אַנ'אַנדער זייט. מיר טרעפֿען, אַז דאָס איז שמשון הגבור.

אָבער צו איז דאָס טאַקי אונזער שמשון, ציפּה'ס מאַן?

שווער צו גלויבען. ווען ציפּה אַליין וואָלט דאָ געווען, וואָלט זי איהם אויך ניט דערקענט. ער זעהט אויס העכער, שטאַרקער; זיינע קליידער, וואָס ער אַליין האָט זיי אויסגעפּלאַנעוועט, זענען פֿול מיט גלאַנץ און ווירדע. ער איז אָנגעטאָן אין אַ פורפור־רויטען קלייד, וואָס איז רייך אויסגעניידעט מיט גאָלד; אויפ'ן קלייד איז אַרויפגעוואָרפען אַ ווייסער פֿאַלביגער מאַנטעל; אויפ'ן מאַנטעל פאַלט אַ גאַנצער וואַלד פון פעך־שוואַרצע האָר, וועלכע דערגרייכען ביז צום גאַרטעל. שמשונ'ס ברוסט איז בעדעקט מיט אַ דימענטענעם האַלז־באַנד, אויפ'ן קאָפּ טראָגט ער אַ גאָלדענעם העלם מיט לאַנגע פֿעדערן און מיט בריליאַנטען.

איך מוז אויסזאָגען דעם סוד, אַז דאָס גאַנצע גאָלד איז גלאַנצענדיג פּאַפּיער און די דימאַנטען זענען בלעך און גלעזערנע פּערעל. הערפֿאַר אין שמשונ'ס פנים איז אַלצדינג עכט, ניט געפֿאַלשעוועט: די ווירדע און דער מוט, וואָס זענען אויסגעדריקט אויף איהם, זענען פֿון דעם ריינסטען סאָרט. מען זעהט, אַז דער אַרטיסט האָט אַזוי איינגעזאַפּט אין זיך זיין ראָלע, אַז ער האָט זיך פֿאָלקאָם צונויפגעגאָסען מיט דער פּערזאָן, וועלכע ער דאַרף שפּיעלען.

פֿעסט און זיכער מיט זיין כח געהט ער אַנטקעגען דעם מלך פון דער מדבר און בעגעגענט זיין גלאַנצענדיגען קוק מיט אַ רוהיגען, אַ ביסעל שפּאָטישען אויג. דער מלך פֿון דער מדבר, פערוואונדערט פון אַזאַ עזות, שטעלט זיך אויף אויף די הינטערשטע פֿיס (משה זיצט הינטער די קוליסען און ציהט דאָס שנירעל, וואָס איז אַרומגעבונדען אַרום די הינטערשטע פֿיס ביי'ם מלך פון דער מדבר) ער לאָזט אַרויס אַ לאַנגען, שרעקליכען ברום (ס'אַראַ געזונדע לונגען עס פֿערמאָגען אַ מאָל די שילדען־מאָלער!); דערהערענדיג דעם ברום, ווערט דער עולם אָבהענגיג און וואַגט ניט כאַפּען דעם אָטעם—שמשון האָט אָבער פֿאַר קיין זאַך ניט מורא. מיט איין שפּרונג איז ער שוין אויף דער אַנדערער זייט סצענע, און נאָך איידער ס'איז אַנטשוויגען געוואָרען דער גרויסער שרעק־

געשריי—צעררייסט ער דעם מלך פון דער מדבר אויף צוויי גלייכע חלקים.

— בראַוואָ, בראַוואָ, בראַוואָ!—שרייען אויף די בענק די העכערע קרייזען און פון דער פינסטערניש, אין וועלכע ס'זענען פערזונקען די נידעריגערע לאָזען זיך הערען קולות פון פרייד און נצחון, און דערצו אַזוינע הילכיגע, אַז יאָסעל דער קאָוואַל שטעהט אויף פון זיין אָרט, מאַכט מיט די הענד צו דער פינסטערניש און שרייט: שטיל!

די פינסטערניש ווערט פערזונקען אין שטילקייט, און שמשון, וועלכער שטעהט ביים ראַנד פון דער סצענע, ווייזט די צושויער אַ גרויסען פלעצעל האָניג, וואָס ער האָט געפונען אין דער קינבאַק פונ'ם צעריסענעם לייב (די צוויי העלפטען פונם לייב ליעגען ווייט איינס פונ'ם אַנדערן און גלאַנצען נאָכ'ן טויט, ווי ביים לעבען, מיט זייערע שרעקליכע אויגען).

שמשון ווייזט דעם עולם דעם געפונענעם האָניג, און אויף זיין פּנים איז אויסגעגאָסען אַנ'אויסדרוק, זיסער ווי האָניג, אַנ'אויסדרוק פול מיט הימלישער זיסקייט. צעררייסען אַ לייב—דאָס האָט אייגענטליך געמוזט זיין אַ אומגעריכטע זאַך פאַר אונזער שמשונ'ען, וועלכער האָט גאָר ביז דעמאָלט ניט געפיהלט אין זיך אַזוינע קרעפטען. עס האָט איהם אַליין געמוזט פערוואונדערן. מ'האָט געזעהן, אַז אַ גרויסע פרייד ערפילט זיין ברוסט, וועלכע אָטעמט ברייט און טיעף און לאָזט פון זיך אַרויס אַלע ווייַלע אַ געזאַנג פון פרייד און בערידמונג.

זיין שטים איז אַ שענער, פולער און גענוג ענטוויקעלטער טענאָר.

כאָטש די אַקוסטיק *) אין זאַל איז ניט קיין געהויבענע, פונדעסטוועגען פילט אָן זיין שטימע דעם גאַנצען זאַל פון איין עק ביז דעם אַנדערען, און דער קלאַנג איהרער איז אַזוי שאַרף און ריין, און די שווימט מיט אַזאַ פולען, הויכען שטראָם, אַז אַפילו די העכערע קרייזען הערען זיך איין מיט פערגניגען; די נידעריגערע קרייזען, די וועלכע זענען פערזונקען אין דער פינסטער, דערוואַרטען זיך קוים, ביז ס'וועט אַראָבפאַלען דער פאָרהאַנג, און שיסען אויס מיט אַזאַ שרעקליכען ליאַרעם, אַז יאָסעל דער רעזשיסער מוז לאַנג האַרעווען מיט'ן בלו-

---

*) אַקוסטיק—די פעהיגקייט צו אָבקלינגען אַ טאָן. אַ זאַל האָט אַ גוטע אַקוסטיק, ווען די שטים פונ'ם זינגער אָדער די מוזיק הערט זיך דייטליך אין אַלע ווינקעלעך; אַ שלעכטע אַקוסטיק איז דאָרט, וואו די טענער קלינגען ניט אָב גענוג דייטליך און פול.

טיגען שויים, ביז עס גערעט אדם ווי גיט איז צו פערהאמעווען די דאזיגע געזעלשאפטליכע בעוועגונג, וועלכע קען ווערען א גרויסע סכנה פאר יע־דער ארדנונג.

דער צווייטער אקט איז נאכ'ן אינהאלט ניט שטארק פערשיעדען פונ'ם ערשטען, אבער די פארם זיינע איז אינגאנצען אנדערש.

מיר זעהען א פעלד בעדעקט מיט תבואה.

דארט איז פארהאן ניט ווייניגער ווי פופציג שטרוי־זאנגען, וועל־כע שטעהען גלייך אויסגעצויגען און גענוג ווייט איינע פון דער צווי־טער.

איבער דער תבואה שטעהט שמשון און זינגט.

פון דעם געזאנג ווערען מיר געוואהר, אז די דאזיגע פעלדער גע־הערען די פלשתים און אז ער וויל זיי פערברענען. ער בעווייזט נאך ניט צו ענדיגען די אריע, וועלכע איז פול מיט שנאה צו די פלשתים, הויבען שוין אן בלייך־שנעל ארומלויפען איבער'ן פעלד געלע פוקסען (ניט נאר משה. נאר אויך זיין מיניסטער איציק און איינער פון די פראסטע סאלדאטען ציהען איצט פאר די גרויסע שנירלעך, וואס נאר זיי אליין ווייסען).

נאך די פוקסען האבען אנגעהויבען ברענען בלאהע און פורפור־רויטע פייערלעך, וועלכע האבען געברענט גענוג לאנג און האבען אנ־געפילט אי די סצענע, אי דעם זאל מיט א געדיכטען רויך און מיט א שטארקען ריח פון שוועבעל.

די העכערע קרייזען, וועלכע זענען געזעסען נעהענטער צו דער שריפה און צו דעם שוועבעל־רויך, וואס האט זיך פון דארטען געטראגען, הא־בען דאס מאל ניט געפאטשט בראוואָ, ווייל זיי האבען זיך שטארק פער־צויגען מיט רויך און זיך געווארגען א לאנגע צייט. דערפאר האט אין דער פינסטער געהערשט א גרויסע פרייד, און דאס מאל האט יאסעל דער רעדזשיסער ניט געשטערט קיינעם, ווארום ער האט זיך אויך געווארגען מיט'ן רויך. ער האט ארייננעשטעקט דעם קאפ אין רויטען טיכעל ביז דער נאז און ביטער געהוסט.

דאס ווארגען זיך און הוסטען פון איין זייט, די צייכען פון גרוי־סער צופריעדענהייט פון דער אנדער זייט דויערען אזוי לאנג ביז דער פארהאנג הויבט זיך ווידער אויף און דער עולם פערגעסט אלצדינג און הויבט ווידער אן צו קוקען אויף דער סצענע.

איצטיגעס מאל, כאטש ס'איז דא א סך חסרונות אין די סצענישע מיטלען און אין די דעקאראציעס, איז דאס בילד אויף דער סצענע אזוי אינטערעסאנט און מאראליש, אז עס געפעלט אפילו די הויכע קרייזען, וועלכע זיצען אויף די בענק, און ס'וואלט געקענט געפעלען נאך פיעל העכערע.

נעבען די פאלמען, אין דעם הונטערשטען טייל פון דער סצענע, זיצען דריי יודישע זקנים און קלאגען אויף דעם גרויסען אומגליק, וואס האט געטראפען זייער לאנד: די פלישתים זענען זיך נוקם פאר די פעלדער, וואס שמשון האט פערברענט. די זקנים זענען אנגעטאן אין לאנגע קליידער, די ווייסע האר פאלען אויף די פלייצעס פון אונטער די גרויסע פוטערנע היטלען; די היטלען פערשטעלען נאר ביז העלפט די הויכע שטערען, וועלכע זענען צעקנייטשט פון עלטער און איידעלעם שמערץ; די ווייסע בערד פערדעקען די ברוסט און אין די, פאר צער צוטערדיגע, הענד האלטען זיי לאנגע שטעקענס, מיט וועלכע זיי שפארען אונטער זייערע וואקלענדיגע, פון עלטער שוואך געווארענע פיס.

זייערע שטימען ציטערען און דערצעהלען פון דעם פאטריאטישען וועהטאג און טרויער, וואס דערפילט זייערע הערצער. פון זייער געזאנג ווערען מיר געוואהר, אז דער מלך פון די פלישתים וועט נאר דעמאלט שלום מאכען מיט די יודען און לאזען צורוה זייער לאנד, ווען זיי וועלען בינדען און ארויסגעבען אין זיינע הענד ארייין דעם גבור שמשון.

די יודישע זקנים בעשליסען צו פאדערן פון שמשון'ען, ער זאל זיך פריינוויליג איבערגעבען אין די הענד פון די פלישתים, כדי מיט דעם קרבן צו קויפען שלום דעם אונטערדריקטען, מיט שרעק און אנגסטען ערפילטען פאטערלאנד. עס בלייבט מען זאל געהן צו איהם און איהם וועגען דעם בעטען... נאר אט קומט ער אלייך

די סצענע איז דראמאטיש.

איבערגעבען זיך אין די הענד פון שונא!... איבערגעבען זיך צו שפאט און שאנדע, צו שווערער געפענגניש, צו שרעקליכען טויט!

שמשון, וועלכער איז געוועהנט געווארען צו רוהם און נצחונות, איז איצט פול מיט שרעק און טיעפען טרויער. פון דער אנדערער זייט אבער פיהלט ער זיין פפליכט פאר זיין לאנד און די ליעבע צו זיין פאלק מאכט ציטערן זיין הארצען. גיעט א קוק, ווי עס בייט זיך זיין פנים! ווי א טויטליכע בלאסקייט בעדעקט זיין שטערען! ווי די אויגען זיינע פלא-

מען מיט דעם פֿײַער פון פערצװייפֿלונג און בעדעקען זיך אַלע װײַלע מיט טרעהרען פֿון אונענדליכער רחמנות.

בראַװאָ! בראַװאָ!

ניט קײַן פּשוט'ען אַקטיאָר זעהען מיר פֿאַר אונז, אַ נ'אמת'ן אַר-טיסט, װעלכער פֿידעלט איצט מיט יעדען קלענסטען נערװ, אַז ער איז אַ מאַן מיט מעכטיגע אָרעמס און אַ שטורעמדיגער נשמה... ער קעמפֿט לאַנג... נאָכדעם שטרעקט ער פּלוצים אויס די הענד צו די זקנים פֿון ישראל, און פֿון זײַן ברוסט רײַסט זיך אַרויס אַ גרויסער געשריי: „בינדט!"

דער דאָזיגער געשריי קלינגט-אָב איבערן גאַנצען זאַל מיט אַ טאָן פֿון טיעפֿען װעהטאָג און גרויסען העלדען-מוט: די זקנים פון ישראל װיינען, בינדענדיג די הענד און די פֿיס פונ'ם גבור; די הויכע קרייזען האָבען װאו ניט װאו טרעהרען אין די אויגען, פֿון דער טיעפֿעניש, פֿון די פֿינסטערע ערטער לאָזען זיך הערען קרעכצען און זיפצען, און יאָ-סעל דער רעזשיסער קוקט זיך שוין דערויף ניט אום, װאָרום ער האָט צוגעלעגט דאָס רויטע טיכעלע צו די אויגען און װיינט.

אין דער מינוט װערט אויף דער סצענע אַ געפּילדער, אַ גערויש און אַ טופּען מיט די פֿיס. דער מלך פון די פּלישתים קומט צו לויפֿען מיט זײַן קאָמאַנדע און װערט דערפֿילט מיט גרוים גדלות, װען ער דערזעהט דעם געבונדענעם שונא, װעלכען ס'פֿיהרען צו איהם די זקנים פון ישראל, ניט אויפֿהערענדיג צו װיינען.

דער געבונדענער שטעהט אונבעװעגליך און פֿול מיט װירדע; ער שװײַגט און קוקט רוהיג דעם שונא אין פּנים.

דער דאָזיגער פּנים איז אָבער בעפּוצט מיט אַ גרויסאַרטיגער נאָז און מיט אַ בערדעל „אַ לאַ נאַפּאָלעאָן דער דריטער". דער הערשער פֿון די פּלישתים און זײַנע חברים װייסען ניט פֿון די אײדעלע ריטערליכע זי-טען: זיי בעשיטען דעם מאַכטלאָזען שונא מיט אַלערליי זלזולים און מאוס'ע װיצען.

שמשון שװײַגט אַ װײַלע אונבעװעגליך, נאָכדעם הויבט ער אָן צי-טערען; מען זעהט אויף זײַן פּנים, אַז דער שטורעם פֿון געפֿיהלען, װאָס איז אָקאָרשט אין איהם אַנטשװיגען געװאָרען, װען ער האָט בעשלאָסען מפֿקיר זײַן זײַן לעבען, הויבט זיך װידער אָן צו ריהרען, װי עס װע-רען אָנגעשפּאַנט זײַנע מוסקולען אונטער די שטריק, מיט װעלכע מ'האָט איהם געבונדען...

פּלוצלונג טהוט ער זיך אַ טרייסעל פֿון קאָפּ ביז די פֿיס, די שטריק

פֿאַלען פון איהם אַראָב ווי שפּינוועבס, און איידער די פּלישתּים קומען צו זיך, בויגט ער זיך אָן און כאַפּט... די קינבאַק פֿון אַנ׳עזעל, וואָס איז געלעגען פֿאַר זיינע פיס. איין ברייטער מאַך מיט דער האַנד, איין אויגענבליק... די אַרמעע פֿון די פּלישתּים פאַלט אויף דער ערד מיט אַ גרויסען קלאַפּ, און דער הערשער אַנטלויפט מיט חרפּה און בזיון...

פֿער׳שכּור׳ט מיט זיין נצחון, פול מיט דעם זיסען געפיהל, אַז ער האָט געראַטעוועט אי זיך, אי זיין לאַנד, ווערט שמשון אַזוי שען, ווי צפּה האָט איהם קיינמאָל ניט געזעהן, כאָטש זי הערט ניט אויף צו בעוואונדערן זיין שענקייט. מיט דעם מאָדנעם געוועהר אין דער אויפגעהויבענער האַנד, מיט אַ ציטערדיגען שמייכעל אויף די ליפּען, פֿון אונטער וועלכע עס זעהען זיך אַרויס זיינע שניי-ווייסע ציינער, מיט אַ ווייסען מאַנטעל, וועלכער האָט זיך אַ ביסעל אַראָבגעגליטשט פֿון זיינע פּלייצעס, און מיט דעם גאָלדענעם העלם, וועלכער וואַרפט אויף זיין שטערן אַ בלאָהליכען שאָטען,—שטעהט ער און זינגט פֿון פולען האַרצען דאָס געזאַנג פון ליבּ און פֿון פרייד; אין דעם געזאַנג דאַנקט ער גאָט, וואָס האָט איהם געשענקט אַ נצחון איבער די „טויזענדער פֿיינד“.

צי זענען פֿאַר שמשונ׳ס פיס טאַקי באמת געלעגען בעזיעגטע „טויזענטער“? צו איז דאָס געוועהר זיינס טאַקי באמת געווען אַ קינבאַק פון אַנ׳עזעל און צו האָט עס גאָר ניט געהאַט קיין פּנים פֿון אַנ׳אָקסענעם פוס? וואָס איז שייך וועגען דעם צו רעדען; פֿאַר אונז איז גענוג, וואָס שמשון איז אין דער מינוט געווען שען, מעכטיג, פֿער׳שכּור׳ט און גליקליך. ווען דער פֿאָרהאַנג איז אַראָבגעפאַלען, האָט יאָסעל דער רעזשיסער גענומען שרייען מיט׳ן גאַנצען כּח: „שטילל! שאַאַאַ! שאַאַאַ!“ נאָר דערזעהענדיג, אַז מיט שרייען אַליין וועט ער גאָר ניט מאַכען, איז ער אויפגעשפּרונגען פֿון זיין אָרט, געלאָזט זיך צו דער פינסטערניש און פערזונקען געוואָרען אין איהר אויף אַ ווייַלע, נאָכדעם האָט ער זיך בעוויזען מיט עפּיס אַ בחור׳ל. ער האָט איהם געשלעפּט פֿאַר אַ האַנד אַזש ביז צו דער טהיר פֿון דער הייל (פאָרהויז), אין וועלכער דאָס בחור׳ל איז פערשוואונדען...

נעביך! דאָס בחור׳ל האָט זינט עס לעבט ניט געזעהן אַזוי פֿיעל מתים. די טויטע פּלישתּים האָבען אויף איהם געמאַכט אַ געוואַלטיגען איינדרוק, און ווען איינער פֿון זיי (דאַכט זיך דעם מלך׳ס מקורב) האָט נאָך דערצו בשעת שמשונ׳ס לאַנגער אַריע זיך אָנגעהויבען ריהרען, מסתּמא כּדי בעסער זיך אויסציהען אויף אייביג, האָט דאָס יונגעל זיך ניט געקענט איינהאַלטען און אָנגעהויבען שרייען אויף אַ קול; די חברים האָ-

בען אידם נאָכגעטאָן, און אויף אַזאַ אופֿן איז געוואָרען גאָר אַ נײַער כּאָר, וואָס אין דער קאָמפּאָזיציע פֿון דער אָפּערע איז ער ניט געשטאַנען. יאָסעל האָט אָבער געמאַכט אַנ׳עק פֿון דער אומגעריכטער בעוועגונג אין אַ אודיטאָריום: ער האָט אַרויסגעטריבען דעם פֿידהער...

קוים האָט דער רעזשיסער זיך אומגעקעהרט אויף זײַן אָרט, האָט זיך לאַנגזאַם אויפֿגעהויבען דער פֿאָרהאַנג.

איצט זעהען מיר גאָר אַנ׳אומגעריכטע זאַך.

אויף דער סצענע איז... אַ בודקע, וואו מען פֿערקויפֿט זעלטער-וואַסער. דאָס איז דער פּאַלאַץ, אין וועלכען עס וואָהנט די שענע און יצר-הרע׳-דיגע דלילה. די טהיר פֿון דעם פּאַלאַץ איז אָפען און אויסגעפּוצט מיט קוטאַשען פֿון אַ פֿערקאַלגעם פֿאָרהאַנג, וועלכער איז אַרומגעניידט מיט שפּי-צען. פֿון איין זײַט איז די וואַנד פון דעם פּאַלאַץ גלאַט, פון דער אַנ-דערער איז אין איהר דאָ אַ פֿענסטער.

הינטער דעם פֿאָרהאַנג, אויף אַ וויענער שטוהל, זיצט דלילה, אין אַ בלאָהען מלבוש אויף דער ריעזיגער קרינאָלינע און מיט אַ ראָזען פֿאָ-כער אין האַנד. זי זיצט און קוקט מיט איהרע קינדערשע אויגען אויפֿ׳ן עולם, און די אויגען זעהען אויס אויף איהר פּנים ווי „פֿערגעס-מיך-ניט“ *) אין אַ בוקעט פֿון פּיאָנען. נאָכדעם שטעהט זי אויף און געהט אַרויס פון הינטער דעם פֿאָרהאַנג. זי הויבט אָן זינגען.

נישקשה פֿון אַ באַס!

די זינגט וועגען דעם, אַז זי מוז מיט איהר שענקײַט פֿערנאַרען שמשונ׳ען און געוואָהר ווערען דעם סוד פֿון זײַן וואונדערבאַרען כּח.

דלילה פֿיהלט זיך ווי געבונדען אין דעם לאַנגען קלייד מיט׳ן שלייף און אין די אײַזערנע רייפֿען; אַ חוץ דעם ווייסט זי ניט, וואָס טהוט מען מיט דעם ראָזע שטיקעל געצײַג, וואָס מ׳האָט איהר אַרײַנגערוקט אין די הענד.

פֿון די וואָלענע לאָקען, וואָס פֿאַלען אויף איהר שטערען און אויף איהרע פּלייצעס, ווערט איהר נאָך הייסער. און סך-הכּל איז איהר שוין אַזוי אויך היים פֿון די פֿילע אויגען, וואָס קוקען אויף איהר. הויבט איהר באַס-שטים אָן צו ציטערן און פֿאַלט אַרײַן אין אַזוינע נידעריגע טענער, וואָס פּאַסען כּלל ניט פֿאַר אַנ׳עדעלער ברוסט פון אַ נקבֿה; אין די בלאָהע אויגען בעווײַזען זיך טרעהרען פֿון שרעקליכער פּײַן...

---

*) אַזוינע קליינינקע הימעל-בלאָהע בלומען.

דאָס איז אָבער גאָר ניט.

שמשון האָט זיגט ער לעבט ניט געזעהן קיין שעהנערע נקבה.

צו האָט ער, אַריינקומענדיג אויף דער סצענע, געזעהן טאַקי די אמת'ע דלילה. וואָס האָט זיך דאָרט געפונען? ווער ווייסט. געהערט האָב איך נאָכדעם, אַז אַריינקומענדיג אויף דער סצענע האָט שמשון אָנשטאָט דעם רויטען פנים, די בלאָהע אויגען און די וואָלענע לאָקען פון מאיר'קען, געזעהן שנעע־ווייסע געזיכטער, גלאַנצענדיגע דיקע צעפּ און ברע־נענדיגע אויגען. וואָס האָבען געקוקט אויף איהם און געלויכטען ווי די שטערען.

אין די שוואַרצע אויגען האָט ער געזעהן אי אַ טרוימערישע טרעהר, אי אַ הייסען ליעבעס־פייער, און די פיגור, וואָס איז געשטאַנען פאַר איהם איז געווען שלאַנק און בויגזאַם... ווי פון הימלען, אַנגעגלידטע אין דער דויך פון אַ מזרח־זון, האָט געצויגען פון איהר דער פלאַם פון תּענוגים, גערופען די ליידענשאַפט פון מזרח־לענדער.

דאָס, וואָס שמשון האָט געפיהלט אין דער מינוט, האָט ער ניט געקענט אין זיין גאַנצען לעבען, ער וואָלט דאָס אַפילו ניט געקענט אָנרו־פען ביי'ם נאָמען, נאָר ווען ער איז צוגעגאַנגען צו דער שענער בעשעפעניש, וואָס איז געשטאַנען פאַר זיינע אויגען, און ווען ער האָט אָנגעהויבען צו איהר זינגען, איז אין זיין געזאַנג געהערט אַזוינע ווייכע און ליידענשאַפט־ליכע טענער, אַזוי פיעל געבעט און איינגעהאַלטענע קרעפטען האָבען אין איהם געקלונגען, אַז דלילה האָט געעפענט פער'חדוש'ט איהרע בלאָהע אויגען, און נאָכדעם, ווען ס'איז איהר אויסגעקומען דערלאַנגען די האַנד, האָט זי עם געטאָן מיט אַנ'אָפענעם פּחד.

אין אַנ'אויסבּרוך פון געוואַלטיגער פרייד האָט שמשון אָנגעכאַפּט די האַנד, ניט די, וואָס האָט געהאַלטען דעם פאָכער, נאָר די אַנדערע, און דריקענדיג דלילה'ן צו דער ברוסט, האָט ער איהר אַזאַ קוש געגע־בען אויף די ליפּען, אַז זי האָט זיך שוין גאָר אינגאַנצען דערשראָקען זיך אַרויסגעריסען פון זיינע אָרמס און זיך אַוועקגעזעצט אויף איינעם פון די וויענער שטוהלען, וואָס זענען געשטאַנען פאַר דעם פּאַרקען פון איהר פּאַלאַץ.

אַ ביסעל אָבגעשוואַכט פון אויפרעגונג, האָט זיך שמשון אַוועקגע־זעצט אויפ'ן אַנדערען שטוהל. ס'האָט זיך אָנגעהויבען אַ דועט *)

*) אַ געזאַנג, וואָס זינגען צוויי שטימען.

אין דעם דזעט איז בעשטימט געוואָרען שמשונ׳ס גורל. פעסט איז געוועז שמשון און ניט לייכט האָט מען פון איהם געקענט אויסנאַרען דעם סוד, אָבער דלילה׳ס צייבער האָט גובר געוועז די שטאַרקסטע קראַפט. אומזיסט האָט ער צו איהר געזונגען מיט דער טיעפסטער איבערצייגונג, מיט דעם טיעפסטען געבעט: „דלילה, דאָס איז ניט דיין געשעפט“. די יצר־הרע׳דיגע חנה האָט גוט געוואוסט, אַז ס׳איז דוקא איהר געשעפט, און זי האָט אַזוי לאַנג געזונגען מיט איהר באַם־שטים (שמשון האָט אָנ־שטאָט אַ באַס געהערט דעם שעהנסטען מעצצאָ־סאָפראַן) זי האָט אַזוי לאַנג געעפענט מיט גרויס מיה איהרע קינדערשע, מיעדע אויגען (שמשון האָט אויפ׳ן אָרט פון די אויגען געזעהן צוויי ברענענדיגע שוואַרצע בריליאַנטען),— אַז שמשון האָט ניט אויסגעהאַלטען: מיעד פון קאַמפף און בעזיעגט פון דער ליעבע, האָט ער אָנגענומען אין ביידע הענד זיינע לאַנגע האָר און די געווייזען דער צויבערין, זינגענדיג: „אין זיי איז מיין קראַפט“.

דלילה איז אויפגעשטאַנען, מיט נצחון אַ מאַך געטאָן מיט איהר ראָזע פאָכער, פעררייכט מיט דער האַנד די רויטע רויז, וואָס האָט זיך איהר אַראָבגערוקט אויפ׳ן שטערען, אויסגעשפיעגען און דערלאַנגט איהר אָרעם דעם בעזיעגטען גבור.

אַ גייער קוש—און אַ גייער פחד אין מאירס האַרצען: ער פערשטעהט ניט, צוליעב וואָס נעדמט דאָס איהם שמשון אַרום מיט אַזאַ כח און צוליעב וואָס פרעסט ער אַזוי די ליפען אויף זיין מויל. נאָכדעם פער־שווינדט דאָס פערליעבטע פאָרעל אין דער טיעפעניש פון דער זונה׳ס פאַלאַץ, הינטער דעם פאָרהענגעל מיט די שפיצען...

עס בעווייזען זיך פלישתים. עס שטעהען אויף תחית־המתים די איי־גענע זעלנער, וואָס זענען אין דריטען אַקט געשטאָרבען פון שמשונ׳ס הענד. נאַטירליך פיהלען זיי אַ גרויסע שנאה צו דעם גבור, וואָס האָט זיי גע־הרג׳ט. זיי וואַרטען אויף דלילה׳ן, פער׳גנב׳נען זיך הינטער דער טהיר פון דעם פאַלאַץ, פערקוקען דורך דעם איין־איינציגען פענסטער, ווינקען איינער צום אַנדערען מיט געהיימניספולע מינעס... נאָר אָט איז זי אַליין!

זי געהט אַרויס פון הינטער דעם פאָרהאַנג. אין איין האַנד האַלט זי דעם ראָזע פאָכער, אין דער אַנדערער טראָגט זי אַ גרויסען זשמוט לאַנגע געגרייזעלטע האָר. די פרייד פון די פלישתים איז ניט צו בעשרייבען. דער מלך אַליין קוועטשט דלילה׳ן די האַנד צום דאַנק פאַר איהר טובה. די ריטער נעהמען אַרויס די שווערדען פון די שיידען און מיט אַ געשריי פון גיפטיגער נקמה וואַרפען זיי זיך אויף שמשונ׳ען, וועלכער געהט אַרויס

פון דעם פאלאץ. שמשונ׳ען איז ניט צו דערקענען. אָהן דעם העלם, אָהן האָר, אָהן דעם ווייסען מאַנטעל, פאלט ער אַריין אין די הענד פון די שונאים. וועלכע מאַכען ניט קיין שיהות און שטעכען איהם אויס ביידע אויגען.

דער פּאָרהאַנג פאלט. די צוהערער שוויגען אין שרעק, און נאָר אין דער פינסטערניש הערט זיך אַ געוויין...

ווייכע הערצער וויינען פאַר רחמנות. אין אַ ווינקעל גאַרדעראָב זיצט שמשון אויף אַ באַנק, וואו ס׳האָבען איהם אַוועקגעזעצט די פלישתים. ער איז דער בלייך, ווי דער טויט, זיין אָטעם איז שווער, די אויגען צו־געמאַכט.

— רב שמשון,—זאָגט צו איהם משה—בעטראַכט נאָר דעם פּאַלאַץ, וואָס איהר וועט מוזען אומוואַרפען אויף דער סצענע... אפשר איז ער פאַר אייך צו שווער... קען מען איהם מאַכען קלענער...

און אין האַרצען ביי שמשונ׳ען וויינט עפּיס און קלאָגט.

— שונאים האָבען צוגענומען דאָס ליכט פון מיינע אויגען—שעפּ־טשעט ער מיט וועהטאָג—איך בין בלינד און מיינע אויגען וועלען שוין קיינ־מאָל ניט זעהן די גרויסע מעשים פון דעם בורא!

— הערסטו!—רעדען די פלישתים איינער צום אַנדערן און קוקען זיך אָן פערוואונדערט.

— ער מיינט, אַז מיר האָבען איהם טאַקי באמת אויסגעשטאָכען די אויגען.

אין דער מינוט גערהט דורך איבער׳ן צימער דלילה. שמשון האָט דערהערט דאָס רוישען פון איהר קלייד און האָט אויפגעהויבען די אויגען.

פון די אויגען פליהען בליצען פון צאָרען און יאוש, טונקעל־רוי־טע פלעקען בעוויזען זיך אויף זיינע בלאַסע באַקען.

— וואָס האָסטו געהאַט צו מיר? וואָס האָסטו געהאַט צו מיר? האָסט מיך געקוילעט! איבער דיר, איבער דיין פאַלשקייט, האָב איך אָנ־געוואָרען דאָס ליכט פון מיינע אויגען, איבער דיר בין איך איצט גע־פאַנגען—און פערפאַלען אויף אייביג.

אַרויסגערעדט די ווערטער, דריקט ער צונויף זיינע פויסטען און וואַרפט זיך אויף דלילה׳ן. יענע דערשרעקט זיך, לאָזט אַרויס פון די הענד דעם פאָכער און אַנטלויפט אין דעם ווייטסטען ווינקעל פון דעם גאַר־דעראָב, דאָרט פערשטעלט זי זיך מיט דעם געקוויטעלטען מאַנטעל, פון

איינעם פֿון די זקני ישראל. עס פֿערשטעלט זי אויך משה מיט זיינע ברייטע פּלייצעס, און אַזוי ווי ער סמייעט ניט אויפֿהייבען אַ האַנד אויף אַזאַ חשובֿ'ען יודען, ווי שמשון, שטרעקט ער אויס ביידע אָרעמס אַנט־קעגען זיך און שרייט:

— גאָט איז מיט אייך, רב שמשון, וואָס טהוט איהר!

שמשון'ס אויפֿרעגונג דויערט זעהר ווענינ; איהר אָרט פֿערנעהמט אַ טיעפֿער רחמנות. ער פֿאַלט אַ ניחער אויף דער באַנק, לאָזט אַראָב די הענד, פֿערמאַכט די אויגען און הויבט אָן קלאָגען:

— אוי! אוי! אויף דיין פּנים האָב איך געקוקט ווי אויף דער שענקייט פֿון גן־עדן! פֿון דיינע ליפּען האָט געטריפֿט האָניג אויף מיינע, דיינע אויגען האָבען געלויכטען פֿאַר מיר, ווי די פֿלאַמען, און מיין האַרץ איז צוגעגאַנגען געוואָרען אין זייער פֿייער! און דו האָסט מיר אַזוינס אָבגעטאָן! איך בין פֿערפֿאַלען!

אויף דער סצענע שטעהט אַ פּאַלאַץ, ניט דער וואָס פֿריהער. ער בעשטעהט פֿון צוויי קאַרטאָנענע זיילען, וועלכע זענען אויבען פֿערבונדען דורך אַ קאַרטאָנענעם געזימס. געבען די זיילען פּראַוועז די פּלשתים אַ סעודה. זיי פֿרייהען זיך און זינגען, און כּדי צו מאַכען די שמחה פֿאַר פֿול, דוייסט דער „מלך" אַריינפֿיהרען דעם בלינדען גבור. צוויי זעלנער פֿיהרען אַריין שמשון'ען. ער שטעהט מיט פֿערמאַכטע אויגען אָהן אַ שפּור פֿון אויפֿרעגונג, נאָר טרויעריג, שרעקליך טרויעריג.

קוקט זיך אין איהם איין: דאַכט זיך, אין דער קורצער צייט איז שמשון מאָגערער געוואָרען. דאַכט זיך, זיינע בלאַסע באַקען זענען איינגעפֿאַלען, אַרום די פֿערמאַכטע אויגען ליגען טונקעלע רעדער... מ'וואָלט געקענט זאָגען, אַז ליידענשאַפֿט, האַס און פֿערצווייפֿלונג האָבען אַרויפֿ־געלעגט אַ שטעמפּעל אויף דעם פּנים.

און די פּלשתים לאַכען פֿון איהם, מאַכען פֿון איהם חוזק, דער־צעהלען איהם, ווי זיי זענען זיך נוקם אָן זיין פֿאָלק, ווי זיי פֿערוויס־טען דאָס יודישע לאַנד, און ער, אַ געפֿאַנגענער, אַ בלינדער, אַ מאַכט־לאָזער גבור, קען זיין לאַנד מעהר ניט שיצען...

אומזיסט וויינען דאָרט ערגיץ די יודישע זקנים, אומזיסט הערען זיך די קרעכצען פֿון די יודישע פֿרויען, אומזיסט בעגיעסען די שטאַרקסטע מענער מיט זייער בלוט די ווייטע פֿעלדער פֿון ציון... שמשון'ס האַנד האָט מעהר ניט קיין כּח, ער וועט מיט איהר ניט בעשיצען דאָס

יודישע לאַנד, שמשונ׳ס אויגען האָבען אָנגעוואָרען זייער ליכטיגקייט, ער וועט ניט זעהן מעהר דאָס געוועהר, מיט וועלכען מ׳האַלט מלחמה.

שמשון הערט דעם שפּאָט, די לצנות, די טראומף־מעשיות פון זיינע שונאים, און לאַנגזאַם הויבּט ער דעם קאָפּ... טאַפּענדיג, מיט וואַקעלדיגע טריט, געהט ער אַרויס פון דעם פּאַלאַץ, שטעלט זיך אויף דער אַנדערער זייט און הויבּט אָן זינגען. ס׳איז אַ מאָדנער, ביטער, ווײעלדיגער טאָן, נאָר ס׳אַרא ענדלאָזער טיעפער וועהטאָג עס קלינגט אין זיין שטימע; ס׳אַרא פערצווייפעלטע תפלה און בקשה! און ווי הויך עס דערהויבּט זיך זיין קול! ער בעט ביי גאָט זיין אַלטע קראַפט, כאָטש אויף איין רגע, כאָטש נאָר אויף איין קורצע רגע...

אַזוי רופענדיג, הויבּט ער אויף זיינע ציטערדיגע הענד און זיין בלאַסען פּנים מיט די פערמאַכטע אויגען און מיט דעם אויסדרוק פון גרענצלאָזער פּיין.

אָט אַזוי שטעהענדיג אין דער ראַהם פון די קאַרטאָגענע זיילען, אין דעם ליכט פון אַ לעמפּעל מיט אַ לאַנגען צילינדער, וואָס איינער פון די פּלישתים האַלט איהם פאַר דעם פּנים, זעהט ער אויס ווי אַ מערטירער, ווי איינער פון די, וואָס ליידען דעם „שמערץ פון מיליאָנען".

דאָס לעמפּעל, וואָס מען האַלט איהם פאַר׳ן פּנים, ברידעט איהם די באַק, ער רוקט עס אָב מיט אַ צאָרענדיגער בעוועגונג, נעהמט אַרום מיט ביידע הענד די זיילען, טהוט זיך אַ טרייסעל און וואַרפט זיי אום אויף די פּלישתים, וועלכע פאַלען מיט אַ גרויסען טומעל...

דער׳הרג׳ט אַלע און דער׳הרג׳ט אויך שמשון.

די טויטע קערפּער ליגען אונטער די חורבות פון דעם פּאַלאַץ און שיינען אַרויס פון אונטער די זיילען מיט די רויטע, געלע, גרינע פאַרבען פון די קליידער. דער פאָרהאַנג פאַלט... דער עולם הויבּט אָן שרייען ווי ניט אין זיך.

די הויכע און די ניעדעריגע קרייזען, די בענק וואָס שווימען אין ליכט און די האַלב־קעלעכדיגע קלעצער, וואָס שווימען אין דער פינס־טער,—אַלע זענען פעראייניגט דורך איין געפיהל, אַלע פּאַטשען בראַוואָ, לאַכען, וויינען, רעדען, רופען אַרויס שמשונ׳ען, דעם „מלך", דלילה׳ן, די יודישע זקנים; און יאָסעל דער רעזשיסער האָט שוין גאָר ניט געגען דעם ליאַרעם און טראַכט גאָר ניט צו שטערען עמיצען; ער האָט זיך אָנגע־שפּאַרט אין ראַנד פון דער סצענע און שטעהט עפּיס אַזאַ אומעטיגער:

געענדיגט דעם יום־טוב, געענדיגט די שמחה, וואָס דער געדאַנק וועגן אידר האָט די לעצטע פּאָר חדשים אַריינגעגאָסען אַ ביסעל פֿרעהליכקייט אין דעם אָרימען לעבען פֿון די עטליכע פערהאָרעוועטע מענשען.

* *

*

נאָך דער פֿאָרשטעלונג טהוען די אַרטיסטען ניט אויס זייערע טעאַטער־קליידער; פֿערקעהרט, זיי טשעפּען נאָך אָן אויף זיך אַלערליי קאָמישע צוגאַבען, און אַזוי ווי זיי זענען אַ ביסעל מיעד, טרינקען זיי אויס אין גאַרדעראָב עטליכע פֿלעשער מעד און הויבען אָן זינגען אין כאָר אַ פֿרעהליך ליעדעל. מיט חעם ליעדעל פערלאָזען זיי דעם טעאַטער און נעהמען געהן איבער די הייזער פֿון די רייכע סוחרים און אַנדערע פערמעגליכע בעלי־בתים. דאָרט וועט מען זיי אויפנעהמען כיד המלך, מען וועט טאַנצען, זינגען און זיך פֿרעהען אַ גאַנצע נאַכט, און ניט איין זילבערנע מטבע, אַפֿילו ניט איין פּאַפּירענער רובעל, וועט אַריין אין זייערע הענד און פֿון דאָרטען אין דער צדקה־קאַסע, וואָס האָט שוין אַזוי אויך דורך דעם טעאַטער־שפּיעל בעקומען אַ פֿיינע הכנסה.

אָבער צווישען דער פֿרעהליכער און טומעלדיגער קאָמפּאַניע, וועלכע הויבט זיך איצט מיט געזאַנגען און געלעכטער אויף די טרעפּ פֿון דעם סוחר ראָזענדאָרפֿ'ס הויז — איז שמשון ניטאָ.

אין אַ פֿינסטערער גאַס, וואו עס לייכטען נאָר ערטערווייז די שוואַכע פֿלעמלעך פֿון די לאַמטערנעס, רוקט זיך איינזאַם אַ שלאַנקע מענער־פֿיגור. ווען זי געהט דורך פאַרביי די זעלטענע לאַמטערנעס, לייכטען אויף אידר פּאַסען פּורפּור, גאָלד און דימענטען; ווען זי ווערט פֿערזונקען אין די שאָטענס, פֿלאַטערט פון ווייטען אידר לאַנגער ווייסער מאַנטעל מיט די ברייטע פֿאַלבען, ווי די אָרעמס פון געשפּענסט. איינזאַם איז די פיגור, אָבער ניט טרויעריג. אין די זיכערע טריט אידרע פֿיהלט זיך לייכטקייט און כח, און פֿון דער ברוסט רייסען זיך אַמאָל שטילע, אַמאָל הילכיגע געזאַנגען פֿון פֿרייד און נצחון.

שמשון איז אויפגעשטאַנען תחית המתים נאָך דער מפּלה פון די פּלישתּים, — ער איז אויפגעשטאַנען, פערגעסען אַלע מפּלות און אַלע אויסגעשטאַנענע צרות און פּיין; נאָר אויף איין רגע האָט ער נאָך ניט

פערגעסען, אַז ער איז "שמשון הגבור". געהענדיג איצט איבער דער גאַס, צווישען די ווענד פון די הייזער, וואו אַלע פענסטער זענען טונקעל און נאָר וואו ניט וואו צאַנקט אַ קליין פייערל, דערמאָנט ער זיך אַלע מעשים, וואָס ער האָט אָבגעטאָן, און פיהלט זיך פרעהליך און שטאָלץ.

אָפטמאָלט דערמאָנט ער זיך אָן דער שענער פעררעטעריןדלילה... דעמאָלט קלעמט איהם דאָס הארץ פאַר בענקשאַפט, פאַר גרויס רחמנות. תיכף דערמאָנט ער זיך אָבער אָן דעם לאַנד ישראל, וואָס ער האָט אָבגעראַטעוועט פון בלוט, טרעהרען און פייער; ער הויבט העכער אויף דעם קאָפּ, שמייכעלט פאַר זיך, זינגט פרעהליכער און שפּאַנט איבער די קרומע שטיינער פונ'ם ברוק ווי אויף לאָרבער-קרענץ.

אַזוי געהענדיג האָט שמשון אויסגעפעהלט דעם בולוואַר און אַריין אין זיין געסעל. אויטאָמאַטיש, פון געוועהנהייט וועגען, איז ער גע-גאַנגען צו זיך אַהיים, ניט אויפהערענדיג צו זינגען; ער האָט אָנגעטאַפּט די קליאַמקע פון דעם נידעריגען טהירעל און איז געבליבען שטעהן אויפ'ן שוועל פון זיין דירה.

אַ פאָר מינוט איז ער געשטאַנען ווי פערשטיינערט.

אין שטוב, אויפ'ן טיש ביי'ם פענסטער, האָט געברענט אַ לעמ-פעל, און פון דעם גלעזעל האָט געזעצט אַ געלבליכער, שטיקענדער רויך. וויטער—נידעריגע ווענד, בעטען מיט איבערבעטען, אַלטע שמוציגע צע-וואָרפענע קליידער, עטליכע שלאָפענדיגע מענשליכע פיגורען,—דאָס אַלעס איז געווען אַזאַ מין תהו-ובוהו, וואָס ער האָט דאָס פון אָנפאַנג ניט גע-קענט אָנקוקען און ניט געקענט תופס זיין מיט'ן שכל. ער האָט דאָס דאָך תופס געווען שפּעטער מיט אַ פאָר מינוטען—און איז געקומען צו זיך.

פערשוואונדען דער וואונדערבאַרער, צויבערליכער חלום. שמשון האָט דערפיהלט, אַז ער איז ניט יענער שמשון, דער שטאַרקער גבור און דער פאָעטישער העלד פון דער ביבעל, נאָר ער אַליין, שמשון בן גרשון, אַ יוד אַ למדן, וואָס האָט פערבראַכט ביז אַהער און וועט פערברייגנען ווי-טער אויך אַלע זיינע יאָהרען אין אָט דעם ענגען שטיבעל, איבער אָט דעם ספר וואָס איז געלעגען אָפען ביי'ם לעמפעל, בלישטשענדיג מיט די לאַנגע שורות.

מערקווירדיג: ווען שמשון האָט אַ קוק געטאָן אויף דעם ספר, האָט אויף זיין פנים זיך בעוויזען אַזאַ מינע, אַקוראַט ווי דער ספר וואָלט

איהם ניט געווען צום האַרצען. ער האָט אָבגעקערעוועט פֿון איהם דעם קאָפּ און מאַלענדיג פֿאַמעליך אַ פּאָר טריט, זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש אויף אַ ביינקעל. אַ טיעפֿער קנייטש לעגט זיך צווישען זיינע ברעמען און אויף דעם פּנים בעוויזט זיך אַ טרויעריגער אויסדרוק, אַזוי ווי ער זעהען אום מענשען, וואָס טראַכטען אַ שווערען געדאַנק.

ער האָט פֿערזוכט דעם טעם פֿון אַ לעבען פֿול האַנדלונג, אַרבייט, קרבנות, פֿול שמערצליכע און דאָך זיסע ליידען און גליק, פֿול רוהם און נצחונות. און וואָס לאָזט זיך אויס? דאָס איז געווען מעהר ניט, ווי אַ חלום. ער מוז זיך איצט אומקעהרען צו די טויטע בלעטער מיט די פֿערוועלקטע ציילענס, ער מוז ווידער זיצען אַנ'איינגעהויקערטער, אַ האַלבטויטער, זיך ווידער נעהמען צום אונענדליכען טראַכטען, אונענדליכען גריבלען אין סוגיות און הלכות, אונענדליכען לערנען.

— און וואָס קומט דערפֿון אַרויס די מענשען? וואָס?

ער האָט אַ קלעהר געטאָן וועגען די מענשען... און וואָס וועט ער איצט טאָן מיט זיין גרויסער ליעבע צו די מענשען, וועלכע האָט זיך דאָרט, אויף דער סצענע, אָנגעצונדען אין דער ברייטער ברוסט פֿון שמשון הגבור און איז געבליבען אין דער מאָגערער ברוסט פֿון שמשון בן גרשון — געבליעבען. ער פֿיהלט דאָס גוט, אויף אייביגע יאָהרען! וואָס וועט ער מיט איהר טאָן? און וועלכע מעשים וועט ער די בעווייזען? מיט וועלכע האַנדלונגען וועט ער שטילען איהר פֿלאַמענדיגען דורשט? און וואָס וועט ער טאָן מיט יענער, מיט דער אַנדערער ליעבע, וואָס האָט אין איהם צעגליהט דאָס אויג פֿון דער שענסטער דלילה, וואָס וועט ער טאָן מיט דער ריהרענדער און היציגער ליעבע, וואָס האָט איינמאָל אַ בלאַסק געגעבען אין דעם גרויסען האַרצען פֿון שמשון הגבור און פֿילט איצט אָן דאָס האַרץ פֿון שמשון דעם למדן מיט זיפֿצען פֿון וואונדערבאַרער בענקשאַפֿט...

אידעאַלען!

שמשון האָט ניט געוואוסט פֿון זיי, נאָר איינמאָל זענען זיי דורכגעפֿלויגען פֿאַר זיינע אויגען, האָט זיך צוגעקניפּט צו זיי זיין נשמה. ס'זענען דורכגעפֿלויגען פֿאַר זיינע אויגען די אידעאַלען פֿון קאַמפּף, ליעבע, רוהם... אָ, וואו זשע איז געבליבען זיין אַמאָליגער אידעאַל, פֿאַר וואָס איז ער געוואָרען אַזוי קליין, ווי אַ קערענדעל זאַמד — זיין אַלטער אידעאַל פֿון טרוקענעם, שפּיציגען פּלפּול, פֿון פֿרוכטלאָזער תורה? איז דאָס דען מעגליך, אַז אין דער ברוסט און אין קאָפּ פֿון אָט דעם יודען מיט דעם

שלאַנקען נערוועזען קערפּער, מיט די איידעלע געזיכטס־שטריכען, מיט די טיעפע אויגען און דינע ליפּען, וועלכע ציטערען פון יעדען געפיהל, ווי עס ציטערט אַ בלאַט פון דעם ווינד; איז דאָס דען מעגליך, אַז אין דער ברוסט און אין דעם קאָפּ פון אָט דעם יודען, וועלכע פלעגט בעדעקען די פּנים׳לעך פון זיינע קינדער מיט ליידענשאַפטליכע קושען און אין דער שטילקייט פון דער נאַכט פלעגט ער זעהן מלאכים—זאָלען זיך געפינען גאַנצע אוצרות פון ניט־בעאַרבייטע געפיהלען, פאַנטאַזיעס און פעהיגקייטען, וועלכע גיבען אַריין דעם מענשען אַ ליעבע צו אידעאַלען און צחינגען איהם שטרעקען נאָך זיי מיט בעגייסטערונג זיינע הענד?

ער האָט אַנגעבויגען דעם קאָפּ און בעטראַכט זיינע קליידער.

אַ מאָדנע שמייכעל האָט פערקרימט זיינע ליפּען.

דער ווייסער מאַנטעל האָט זיך געלעגט אויף די קניה מיט ווייכע פאַלבען. דאָס רויטע קלייד האָט געוואָרפען אַ גאָלדענעם אָבגלאַנץ, די קאָרעלען פון דעם האַלז־באַנד האָבען בייםׂ שיין פונ׳ם לעמפּעל בעדעקט די ברוסט מיט דעם גלאַנץ פון רובינען, סאַפּירען און זילבער, און אויפ׳ן שטערען האָט ער געפיהלט, ווי עס גלעטען איהם די פעדערן, וועלכע לאָזען זיך אַראָב פון העלם.

ער האָט מאָדנע אַ שמייכעל געטאָן, אויפגעהויבען די האַנד און פאַמעליך אַראָבגענומען פונ׳ם קאָפּ דעם גאָלדענעם העלם מיט די פעדערן. ער האָט איהם אַוועקגעשטעלט אויפ׳ן טיש און זיך אַיינגעקוקט אין איהם מיט זיינע גליהענדיגע אויגען. אין אַ ווייַלע אַרום האָבען פון די אויגען זיך אָנגעהויבען קייַקלען גרויסע טרעהרען.

— בלייב געזונד, שמשון הגבור! בלייב געזונד, דו גרויסער מאַן, וואָס דו האָסט מיך אויסגעלערענט, אַז ס׳איז דאָ אויף דער וועלט העלדישע מעשים, גרויסע ליעבשאַפט, שענע דלילה׳ס און... קליינע, נישטיגע שמשונ׳לעך!

ער האָט זיך איצט דערוואוסט, אַז ער איז קיינמאָל ניט געווען ניט גרויס, ניט געלערענט, ניט גליקליך... און ער האָט פערבראָכען די הענד אַזוי שטאַרק, אַז די ביינער האָבען אַזש אָנגעהויבען קנאַקען און די גליעדלעך, נאָכדעם האָט ער זיי פערלעגט אַרום האַלז און גענומען צעשפּילעווען דעם האַלז־באַנד פון רובינען, סאַפּירען און זילבער. ער האָט איהם איפגעשפּילעוועט, אַראָבגענומען פון האַלז און געהאַלטען איןביידע הענד, און היגטער דער נעץ פון בלישטשענדיגע שנירלעך האָבען געגלאַנצט זיינע שוואַרצע, מיט גרויסע טרעהרען פערלאָפענע אויגען.

— זיי געזונד, גרויסער מאַן, שמשון הגבור!...

די הענד, וואָס האָבען געהאַלטען דעם האַלז־באַנד, זענען אַראָפּגעפאַלען אויף די קניה. ער האָט הערזעהן פאַר זיך עפּיס אַזוינס, וואָס ער האָט פון אָנהויב גאָר ניט געוואוסט, וואָס דאָס באַדייט. אַנטקעגען איהם, אין די שאָטענס, וואָס האָבען אָנגעפילט די שטוב, האָבען געלויכטען זעקס פּאָר גלאַנצענדיגע פינטעלעך. דאָס זענען געווען זעקס פּאָר מענשליכע אויגען, וועלכע האָבען געגלאַנצט אויבען און אונטען, נעהנטער און ווייטער, אָבער די קערפּער, וואָס האָבען צו זיי געהערט, זענען געווען פערהילט אין שאָטענס.

די אַלע זעקס פּאָר אויגען האָבען געלויכטען מיט פערוואונדערונג, מיט התפעלות, מיט פרעהליכער איבערראַשונג. אין דער מינוט, ווען ער האָט אַראָפּגעלאָזט אויף די קניה די הענד מיט דעם האַלז־באַנד, האָבען זיך די אַלע שוואַרצע, בלאָהע, גראָהע פינטעלעך אָנגעהויבען צוריקען צו איהם נעהנטער, נעהנטער; אין יעדען פון זיי האָט געגלאַנצט אַ העלער פונק; און גאָר אויבען, העכער פון אַלע, האָבען געבלישטשעט נאָך צווי פינטעלעך, ווי גאָלדענע רענדלעך, און פון דעם אָרט, וואו זיי האָבען געבלישטשעט, האָט זיך געהערט עפּיס אַ מרוטשען.

דאָס איז געווען די ברוינע קאַץ וואָס איז געזעסען אינ׳ם לאָך פונ׳ם אויווען, געקוקט אויפ׳ן בעל־הבית און געמרוטשעט. נידעריגער איז געזעסען די גאַנצע משפחה. זי איז געשלאָפען, בשעת שמשון איז אָנגעקומען, נאָר נאָכדעם האָט זי זיך אויפגעכאַפּט און גענומען בעטראַכטען די גרויסאַרטיגע מלבושים און די ציהרונג.

זיי זענען שוין לאַנג געזעסען און געקוקט מיט אַנ׳איינגעהאַלטענעם אָטעם, כדי ס׳זאָל ניט פערשווינדען די וואונדערבאַרע ערשיינונג. נאָכדעם האָט ציפּה די ערשטע זיך אַרויסגערוקט פון דער פינסטער און אַנ׳איינגעבויגענע מעהר קריכענדיג, ווי געהענדיג, זיך דערנעהנטערט צו שמשונ׳ען.

נעבען זיינע פיס האָט זי זיך ווידער אַוועקגעזעצט און אויפגעהויבען צו איהם דעם קאָפּ אינ׳ם קיילעכדיגען טשעפּעק, די הענד האָט זי צונויפגעלעגט אויף דעם וואַטאָווע קליידעל, פון וועלכען ס׳האָבען אַרויסגעקוקט די פיס אין בלאָהע זאָקען, דאָס מויל האָט זי געעפענט און אין די אויגען, מיט וועלכע זי האָט געקוקט אויף איהם, איז געווען אַ זיסקייט פון האָניג...

נאָך איהר האָבען זיך בעוויזען פון דער פינסטער מענדעלע׳ס און

אסתר׳קעם פײערדיגע הערלעך. העניך האט אַרויסגעשטעקט זײן קאָפּ מיט דעם צעקנײטשטען דאַשעק פון דעם היטעל אויפ׳ן בלאָסען שטערען. ליבע איז געשטאַנען פון הינטען, מיט דעם האַלב־צעפּלאָטענעם צעפּעלע, מיט לײזערקע׳ן אויף די הענד.

אַלע האָבען געשוויגען.

שמשון האָט אויך געשוויגען און לאַנג געקוקט אויף די פיגורען וועלכע האָבען איהם שוין אַרומגערינגעלט פון דער נאָהענט.

נאָכדעם האָט ער זיי אַלע אַרומגענומען מיט איין שנעלען קוק, פער־שטעלט דאָס פּנים מיט די הענד און זיך ביטער צעוויינט. ער האָט געוויינט און גערעדט מיט אַ האַרץ־רײסענדען קול:

— אָרימע קינדער מײנע! אוי אָרימע, אָרימע פישעלעך מײנע, טײ־ערע, ליעבע ברילױאַנטען! וואָס וועל איך פאַר אייך טאָן? וואָס קען איך אייך העלפען? אַז איך בין אַליין אַזאַ אָרימאַן און אַזאַ—בלינדער מענש און אַזאַ — נאַרישער מענש! און איהר וועט אויך בלײבען אָרימע, בלינ־דע, נאַרישע, קליינע!

פּלוצלונג האָט ער אויפגעהערט וויינען, אויפגעשפּרונגען פונ׳ם בײנ־קעל, זיך אַוועקגעשטעלט פאַר דעם פענסטער און געקוקט אין דער פינסטער.

ער איז געשטאַנען אַ ווײלע, ביז ער האָט ווידער דערזעהן... אַ גרוי־סען, לאַנגען פּאַס גאָלד, וואָס האָט זיך אויסגעצויגען אין דער פינסטערער נאַכט ווי אַ גאָלדענער לײטער; אויף יעדער טשעבעלע זענען געזעסען מלאכים, און גאָר אויבען דער ווײסער מלאך פון די תפלות, אָנגעטאָן אין ווײסע קליידער, מיט אַ קרוין פון דערנער אויפ׳ן קאָפּ, ער איז געזעסען און גע־פלאָכטען קרענץ פון וואונדערבאַרע בלומען.

שמשון האָט זיך אויסגעדרעהט צו זיין משפחה און אַרויסגעכאַפּט דעם קליינעם לײזערקע׳ן פון ליבע׳ס הענד.

ווען עמיצער זאָל העמאָלט געווען שטעהן אין טונקעלן הויף און אַרײנקוקען דורך דעם פענסטער אין שטוב אַרײן, וואָלט ער ביי׳ם שײן פונ׳ם לעמפּעל דערזעהן אַ מאָדנע בילד.

העט ווײט, אין דעם אַנדערן עק שטוב, האָבען געגלאַנצט אין דער פינסטערניש די גאָלדענע אויגען פון דער קאַץ, און ס׳האָט אויסגעזעהן אַזוי, אַקוראַט ווי זיי הענגען אין דער לופטען. נעהענטער אַ ביסעל האָ־בען זיך אַרויסגעזעהן אויפ׳ן טונקעלען גרונד די פּנים׳ער פון העניך׳ן און ליבע׳ן, וועלכע האָבען געקוקט מיט אָפענע מײלער. נאָך נעהענטער

זענען געשטאַנען אסתּר'קע און מענדעלע, האַלטענדיג זיך פֿאַר די הענד און אַרויסקוקענדיג מיט פֿערוואונדערונג פון הינטער די געדיכטע פייַערדיגע האָר, וואָס האָבען כמעט איינגאַנצען פֿערשטעלט זייער פנים. נאָך נעהענטער איז געזעסען ציפּה אינ'ם קיילעכדיגען טשעפּעק, אַ דערשראָקענע פֿון מאַנס געוויין, מיט די טונקעלע הענד צונויפגעלעגט אויף דער ברוסט... און אַנ'איידעלער, שלאַנקער יוד מיט צושויבערטע שוואַרצע האָר, אין אַ רויטען קלייד מיט גאָלדענער ציהרונג, איז געשטאַנען פֿאַר'ן פענסטער, אָנגעבויגען איבער'ן טיש, געהאַלטען אין די אויסגעשטרעקטע הענד אַ צוויי־יאָהריג קינד אין אַ גראָה העמדעל, געטוליעט עס צום פֿענסטער, געקוקט מיט תּחנונים ערגיץ אַרויף אין דער הויך און געשריען מיט'ן גאַנצען כּח:

— סנדלפון, סנדלפון! בעט ביי'ם רבונו של עולם, אַז ס'זאָל פון איהם אויסוואַקסען אַ שמשון הגבור!

# רינגען.

אַ ווינטערדיגער בין־השמשות איז געלעגען אויף דער ערד. ווע־ רער שנײ אויף די דעכער און אויף די גאַסען האָט אָנגעהויבען ווערען גראָה, האָבען אין די פענסטער פון אַ גרויסען פערפוצטען הויז זיך בע־ וויזען אַ סך העלע ליכט. אויף זייער גאָלדענעם גרונד האָבען זיך אויס־ געריסעוועט די רייכע קוטאַשען פון די פאָרהענגלעך, די שלאַנקע פאָס־ טומענטען פון די לאָמפען, די גרופען לעבעדיגע וואַזאָנעס און די אונ־ קלאָרע שאָטען פון מענשליכע פיגורען.

ווען די רעדער אין גאַס פלעגען אויפהערען קלאַפען, האָט פון די פענסטער, דורך די דאָפעלטע שויבען, געלאָזט זיך הערען דער שוואַ־ כער קלאַנג פון אַ פאָרטעפיאַן; ס׳איז ניט שווער געווען צו דערקענען, אַז מענשען לעבען דאָרט אַ גוטע שעה, אַז מ׳איז נאָר וואָס אויפגעשטאַ־ נען פונ׳ם טיש און מען פערברייננגט אין געשפרעכען און מוזיק די שנעל־ לויפענדיגע מינוטען...

פאַר׳ן טויער זענען געשטאַנען עטליכע קאַרעטען מיט גוטע פערד; אויף די קעלניעס זענען געזעסען די קוטשערם אין ליווריען*) און געדרע־

*) ליווריע — אַ „פאָרמענע״ קלייד מיט גאַלאָנעס, וואָס בײ רייכע לייט טראָ־ גען דאָס געוועהנליך די דיענער.

מעלט אָדער געקלאַפּט זיך מיט די פּערפּרווירענע הענד אָן די פּלייצעס און די זייטען. פון דעם טויער איז אָבער אַרויסגעגאַנגען אַ לאָקיי און האָט געהייסען די קוטשערס פאָהרען אַ היים. די רעדער האָבען אָנגעהויבען סקריפּען איבער׳ן שניי; די פערד, וואָס האָבען שוין לאַנג זיך געריסען פונ׳ם אָרט, האָבען זיך לעבעדיג גענומען ריהרען; די קאַרעטען האָבען זיך אויסגעצויגען אין אַ לאַנגער שורה און זענען ביסלעכווייז פערשוואונדען אין דער ווייטקייט פון דער גאַס, דאָרט וואו ס׳האָבען אָקאָרשט אָנגעהויבען פונקלען צוויי רייהען לאָמפּען צווישען דעם גראָה־געוואָרענעם שניי פון דער גאַס און דער בלאָהקייט פון דעם נאָך־ניט־פערלאָשענעם הימעל.

נאָכדעם איז די גאַס געוואָרען שטיל; נאָר פון צייט צו צייט פלעגט דורכלויפען אַ שליטעלע מיט איין פערד און זיך לאָזען הערען מיט יינע קליינע גלעקלעך. אויף די ווייסע טראָטואַרען זענען דורך די פענסטער פון די קראָמען געפאַלען אונבעוועגליכע פאַסען ליכט; מענשען האָבען זיך גערוקט איינציגווייז אָדער צו עטליכע אינאיינעם איבער די דאָזיגע ליכטיגע פאַסען.

פון דעם בעליכטענעם הויז איז אַרויסגעגאַנגען אַ מענש מיט אַ ווייסער זבאָרד, וועלכע האָט אויסגעזעהן אַזוי, אַקוראַט ווי מען וואָלט איהם אַוועקגעלעגט אויף דער ברוסט אַ פאַס שניי. אַ פוטערנער מאַנטעל מיט אַ טייערען קאָלנער האָט אַרומגעוויקעלט זיין הויכע, אַ ביסעל אַיינגעהויקערטע פיגור; דער ראַנד פון דעם פוטערנעם היטעל האָט אָנגעריהרט די גאָלדענע האָלאָבליעס פון די ברילען. די קליידער, דער גאַנג, די בעוועגונג, מיט וועלכע ער האָט אָנגעצויגען די הענדשקע אויף דער האַנד, האָבען בעוויזען, אַז דאָס איז אַ מענש וואָס געהערט צו דער העכערער געזעלשאַפט. ער האָט געהאַט אַ גראָהע באָרד, אַייגעהויקערטע פלייצעס און ברילען איף די אויגען, אָבער צו די סמנים פון אַלטקייט האָבען ווייניג געפאַסט די שנעלע טריט, מיט וועלכע ער איז געגאַנגען איבער׳ן טראָטואַר. אין די טריט און אין דעם אופן, ווי ער האָט אַ מאַך געטאָן אַ פאָר מאָל מיט דער האַנד, האָט זיך געפיהלט אַ אומגעדולד, אַקוראַט ווי ער וויל וואָס גיכער זיך דערווייטערען פון דעם הויז און בלייבען אַליין.

וואָרום יעדעס מאָל, ווען די סאַלאָנען פון זיין טאָכטער פלעגען ווערען פול מיט וויציגע, לייכטע און פוסטע שמועסען און אין דעם איי=

דעמ׳ס קאַבינעט פלעגט מען אויסשטעלען טישען אויף צו שפּילען אין קאָרטען, פלעגט ער זיך פּיהלען עפּיס פריקרע, עפּיס איז איהם געווען אומעטיג און קאַלעמוטנע אויפ׳ן האַרצען, און, אויף וויפיעל דאָס איז געווען מעגליך, פלעגט ער פערלאָזען זייער הויז, וואָס איז געווען אויך זיין הויז.

צו האָט ער אויף דער עלטער אָנגעוואָרען דעם אינטערעס צו דער העכערער געזעלשאַפט, צו אפשר האָט די געזעלשאַפט זיך אָבגעקעהרט פון איהם? אי איינס אי דאָס אַנדערע איז געווען ריכטיג. ער אַליין האָט שוין געהאַט דערוואַקסענע אייניקלעך און ער האָט דעריבער געקוקט אויף זייערע טאַטעס און מאַמעס, ווי אויף יונגוואַרג.

אמת, מען קען פונדעסטוועגען ליעב האָבען דאָס יונגוואַרג, און ס׳איז דוקא ניט קיין מוז, אַז די יונגע זאָלען פיינד האָבען די אַלטע; די מעשה איז אָבער, וואָס עפּיס קען ער ניט פערשטעהען דאָס לעבען פון די יונגע דורות. ער האָט אַמאָל געהאַט אידעאַלען, וואָס האָבען איהם געגעבען אַ מאָסשטאַב צו אָבשעצען מענשען און זאַכען. וויל ער איצט מעסטען מיט דער זעלביגער מאָס זיין טאָכטער, זיין שנור, זיינע אייניק־לעך, ווייזט זיך אַרויס, אַז זיי זענען שרעקליך קליין. ער וויל ניט זיין אומגערעכט, און ווידער איז ער דאָך פאָרט אַ טאַטע. די טאָכטער, דער איידעם, די אייניקלעך זענען געוויס ניט לויטער שוואַרצע פלעקען. זיי האָבען זיך זייערע מעלות, זייער חן, זייערע פעהיגקייטען, נאָר עפּיס זעל־טען קען ער זיך אויסגלייכען מיט זיי. אַנדערע אַנשויאונגען, אַנדערע ליעבשאַפטען, אַנדערע זכרונות. זיי וואָלטען אַנטשלאָפען געוואָרען פאַר לאַנגווייליגקייט, ווען ער וואָלט זיי אָנגעהויבען דערצעהלען, וואָס ס׳לעבט אין זיין זכרון בייטאָג און ביי נאַכט. ער לעבט ביי דער טאָכטער אין ראָסקאָש און וואוילטאָג, און אַליין שטופּט ער אַראָב פונ׳ם לעבען איין טאָג נאָכ׳ן אַנדערען, ווי מען שטופּט אַראָב פון די פּלייצעס אַ שווערע אונגויטיגע משא, און ער שלעפּט זיך צום קבר אָט פּונקט אַזוי פּאַוואָליע, ווי ער שלעפּט זיך איצט איבער דעם טראָטואַר. וואָרום געגאַנגען איז ער גיך נאָר בשעת ער האָט פערלאָזען דאָס הויז, איצט ריהרט ער, קוים מיט אַ פוס.

ווען ער געהט פאַרביי די ערטער, וואו עס גיסען זיך פון די מאַ־גאַזינען שטראָמען ליכט, בלישטשעט אַרום זיין האַלז דער ביבער־פּעלץ י אַרום די אויגען גלאַנצען די גאָלדענע ברילען, אין די הענד פּונקעלט ד

געשניצטע גאַלקע פונ׳ם שטעקען. ווען ער געהט אָבער אַריין אין די ער־טער, וואו עס איז האַלב־פינסטער, זעהט מען אויף איהם ניט קיין שום גלאַנץ; אַנ׳איינגעבויגענער, טונקעל ווי אַ שאָטען, פעהלט ער אוים די פאַרבייגעהער, וועלכע האַלטען אויסגעגלייכט די פּלייצעס. אין דער פינ־סטער זעהט זיך נאָר דער פּאַס שניי, וואָס ליעגט אויף זיין ברוסט, און נאָך אַ פּאַס, וואָס פאַלט פון אונטער׳ן היטעל אויף זיין נאַקען. ביסלעכ־וויז ווערען אָבער זעלטענער די בעלויכטענע ערטער און אַלעמאָל גרע־סער ווערען די שטיקער גאַס, וואָס ליעגען פערזונקען אין האַלב פינסטע־רע שאָטענס. דער גאַס־טומעל ווערט קלענער, דאָס קלאַפּען פון די רע־דער ווערט איינגאַנצען שטיל, און נאָר ווען ניט ווען קלינגט, פאַרביי־פאָהרענדיג, דאָס גלעקעלע פון אַ שליטען. אפילו די לאַמטערנעס ברע־נען, דאַכט זיך, שוואַכער אונטער טונקעלערע גלעזלעך; די טראָטואַרען זענען אויך שמעלער, לעדיגער, די ווענד פון די הייזער נידעריגער; פון די פענסטער שיינט דאָ אויך ליכט, אָבער ניט אַזוי אָפט, און אין ער־גיץ זעהט מען דאָ ניט קיין שלאַנקע לאָמפּען, קיין שעהנע וואַזעס, און עס הערען זיך ניט די קלאַנגען פון מוזיק.

דער שטאָדט־טהייל, וואו עס וואַנדערט איצט דער אַלטער, איז פיעל אָרימער איידער דער טהייל, וואו עס געפינט זיך די פּרעכטיגע דירה פון זיינע קינדער. דאָ וואָהנט נאָך ניט דער אמת׳ער דלות, אָבער דאָ געפינט איהר שוין די אָרימקייט, וואָס איז צום דלות אַ נאָהענטע שכנה, און בעגעגענט איהר שוין יאָ אַ מאָל פערמעגליבקייט, איז זי, בערך ניט קיין גרויסע. ניט גרוים זענען אייך די קלייטען, וואָס זעהן זיך דאָ אָנשטאָט מאַגאַזינען מיט בלאַנקענדיגע שויבען; העלע שילדען בליש־טשען ביי׳ם שוואַכען שיין פון די לאַמטערנעס נעבען נידעריגע טויערען און קליינינקע פענסטער. אייניגע שילדען וויעגען זיך פונ׳ם ווינד און סקרי־פּען איבער די קעפּ פון די פאַרבייגעהער.

אַזוי וויעגט זיך אָפּטמאָל און עס סקריפּעט אויך איינע פון די ברעטער, וואו אויף אַ טונקעלען גרונט איז אויסגעמאָלט אַ ציפערבלאַט פון אַ זייגער — אַ גרויסער, אַ ווייסער ציפערבלאַט, וואָס זעהט אוים ווי אַנ׳אַלטער פערוויינטער פּנים. די אָבגעקראָכענע ציפער און די אַלטע ווייזערם זעהען־אוים ווי קנייטשען פון אַלטקייט און דער זומערדיגער שטויב און די אָסיענדיגע רעגענס האָבען איבערגעלאָזט אויף איהם אַ סך שוואַר־צע פינטלעך, ווי פערטריקענטע טרעהרען.

דער אלטער פּריץ אינ'ם ביבער־פּעלץ האָט צופעליג געוואָרפען אַ קוק אויף דעם אויסגעמאָלטען פּנים פונ'ם זייגער, וועלכער האָט זיך גראָד דעמאָלט אַ שאָקעל געגעבען און אַ סקריפּע געטאָהן פונ'ם ווינד, ס'האָט אויסגעזעהן אַזוי, אַקוראַט ווי עמיצער בעט איהם מיט אַ וויינעדיג קול, ער זאָל אַריינגעהן. אַ זייגער אויפ'ן שילד, אַ זייגער־מייסטער! זעהר גוט! ער דאַרף טאַקי פּערריכטען זיין זייגער. עפּיס די לעצטע צייט געהט ער פּאַוואָליע און פערשפּעטיגט זיך אַלע טאָג אויף אַ פּאָר מינוט. ער אַליין האָט איהם שוין וויפיעל מאָל געפּרופט אָנשטעלען, פערריכטען, גע־רוקט, געצווינגען: עס העלפט ניט. און ער איז דוקא אַ קענער אויף זיי־גערס, און אַלע זייגערס אין שטוב געפינען זיך אונטער זיין אונמיטעלבאַ־רער השגחה. ווענגען אַלטען חבר מוז מען דאָך פּאָרט פרעגען אַ דאָק־טאָר. ער איז אַרויפגעגאַנגען אויף עטליכע טרעפּ, געעפענט די טהיר פון דעם קלייטעל און אַריינגעגאַנגען; אויף אַ פּאָר מינוט איז ער אָבער געבליבען שטעהען אָהן בעוועגונג ביי דער טהיר, געקוקט און געהאָרכט.

דאָס קלייטעל איז געווען נידעריג, קליין, אָנגעפילט פון דער סטעליע ביז דער פּאָדלאָגע מיט אַ הילכיגע קלאַפּעריי, מיט אַ איינטעני־גען — און דאָך אַ אונרוהיגען, האַסטיגען גערויש. דאָס איז ניט געווען קיין געפּילדער, נאָר טאַקי אַ גערויש, אַ גלייכמעסיגס, אַ שטענדיגס, אַזוינס וואָס ווערט ניט העכער און ווערט ניט נידעריגער, נאָר כסדר, אָהן אַנ'אויפהער, אָהן אַ פערענדערונג פּילט עס אָן דאָס צימער פון אוי־בען ביז אונטען. דאָ איז אַלצדינג אַנטשוויגען געוואָרען. אי דער טומעל פון דער גאַס, אי דאָס סקריפּען פון די שילדען, אי אַלע קלאַנגען פון דער לעבעדיגער וועלט. אַלצדינג פערשוואונדען, און נאָר פון דער סטעליע ביז דער פּאָדלאָגע און פון איין וואַנד ביז דער צווייטער הערט זיך דער שמועס און דער וכוח פון די זייגערס, וועלכע הענגען אויף די ווענד און ריידען איינער צום אַנדערען מיט אַ סך טרוקענע, קלאַפּערדיגע קולות: „טיק־טאַק־טאַק... טיק־טאַק־טאַק... טיק־טאַק־טאַק...“ *)

אין דעם גערויש פון די זייגערשע שמועסען און וכוחים, וואָס פּיה־

*) אין אָריגינאַל איז דאָ פאַרהאַן אַ וואָרט־שפּיעל, וואָס מען קען עס ניט אי־בערגעבען אויף יודיש. די זייגערס קלאַפּען: „такъ-то-такъ... такъ-то-такъ“ ד. ה. אומגעפעהר: „אַזוי איז דאָס, אַזוי איז דאָס“. אָנמערקונג פון איבער־זעצער.

רעז זיך, דאַכט זיך, פון אייביגע יאָהרען. איז געזעסען מיט'ן פּנים צום טישעל אַ יוד אין אַ לאַנגער אויסגעריבענער קאַפּאָטע, מיט אַ פּאַס שנייַ אויף דער ברוסט און מיט נאָך אַ פּאַס שנייַ אויף דעם אײַנגעבויגענעם נאַקען: דאָס איז געווען אַ גראָהע באָרד און גראָהע האָר, וואָס האָבען זיך אַרויסגערוקט פון אונטער דער סאַמעטענער יאַרמולקע. געזעסען איז ער, אָנגעטאָהן אין גרויסע ברילען, ביים שיין פון אַ לעמפּעל מיט אַ לאַנגען צילינדער, און געאַרבייט מיט איידעלע אינסטרומענטען איבער אַ גאַנצען הויפען רעדלעך, ספּרוזשינעס, האַטשעקעס. זיין שטערען איז געווען פול מיט קנייטשען, די ליפּען אויסגעצויגען, און די אויגען, וואָס האָבען גע־גלאַנצט מיט זילבערנע פונקען פון אונטער די גראָהע ברעמען און די רויטע הייטלעך, האָבען אויסגעדריקט אַ טיפע אויפמערקזאַמקייט און אַנ'ערנסט. אפשר איז זיין אויער שוין אַזוי געוועהנט געוואָרען צום קלאַפּענדיגען געשפּרעך פון די זייגערס און האָט זיך אַזוי אײַנגעלעבט מיט זייער גערויש, אַז ער האָט ניט אַזוי גרינג געקענט אויפנעהמען אַנדערע קלאַנגען; ער האָט ניט געהערט, ווי ס'איז אַריינגעקומען אַ פרעמדער מענש.

אין אַ מינוט אַרום האָט זיך אויסגעטהיילט פון דעם גערויש אַ הויכע, קלינגענדיגע, מערקווירדיג לעבעדיגע און פרישע שטימע, וועלכע האָט אויסגעשריען אויפ'ן גאַנצען צימער: „קו־קו!“ און נאָכדעם גע'חזר'ט רעגעלמעסיג: „קו—קו—קו“ ביז זי איז אַנטשוויגען געוואָרען אויפ'ן אַכטען מאָל. דאָס צימערל איז ווידער געוואָרען פול מיט דעם קלאַפּענדיגען, גלייכמעסיגען און דאָך אונרוהיגען געשפּרעך פון די זייגערס.

דער אַלטער יוד מיט דעם פּאַס שנייַ אויף דער ברוסט און אויף דעם נאַקען האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ, אַ ליבער שמייכעל האָט גע־עפענט זיינע אויסגעצויגענע ליפּען, מיט אַ צופרידענעם בליק האָט ער זיך אַרומגעקוקט אַרום זיך און האָט דערזעהען דעם פרעמדען פּריץ, וואָס איז געשטאַנען און געשמייכעלט פאַר זיך. ער האָט זיך אַביסעל אונטער־געהויבען פון זיין בײַנקעל. אָנגעריהרט די יאַרמולקע מיט די פינגער און געזאָגט...

— וואָס פערלאַנגט דער פּריץ...

דערזעהען אָבער דעם פּריץ'ס טהייערען פוטער, די גאָלדענע ברי־לען, די אײַנגעהויקערטע, נאָר שטאָלצע און הויכע פיגור, האָט דער יוד זיך פערכאַפּט:

— וואָס פערלאַנגט דער גנעדיגער פּריץ?

אָנשטאָט אַנ'ענטפער האָט דער גנעדיגער פּריץ גענומען געהן צום וואַנד, וואו ס'זענען געהאַנגען די קלאַפּענדיגע זייגערס. און האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר דעם זייגער, וואָס האָט אָקאָרשט גערופען „קו—קו!“.

— ווי קומט צו דיר אַזאַ זייגער? ס'אַנ'אַלטער חפץ!... אַ ציפּער־בלאַט פון אַ בעזונדערען סאָרט!.. ווי קומט ער צו דיר? וועמעס איז ער?

אַקוראַט ווי אַ פערבאָרגענע ספּרוזשינע וואָלט איהם אונטערגעהויבען פון דעם שטוהל, איז דער אַלטער יוד אויפגעשפּרונגען, האַסטיג צוגע־לאָפען צום פּריץ און געבליבען שטעהן נעבען איהם פאַר דעם הויכען שאַפּקעלע פון עבען־האָלץ*), אין וועלכען ס'איז געווען אײַנגעפּאַסט דער זייגער.

— איהר פרעגט: וועמעס איז ער? וועמעס זאָל ער זיין? מיינער! מיין אייגענער, ווי אַ חבר'ס זיין אייגענער חבר, ווי אַ טאַטענ'ס זיין אייגען קינד, אַזוי איז ער מיין אייגענס! און דער גנעדיגער פּריץ האָט מסתמא געמיינט, אַז עמיצער האָט מיר איהם גענעבען פעררינכטען? אַז עמיצער וועט באַלד קומען און איהם צונעהמען? אַי, אַי! כ'וואָלט מיט אַ שטעקען דערלאַנגט יעדערען, ווער ס'וואָלט איהם געוואָלט צונעהמען! כ'וואָלט געמאַכט אַזאַ געפּילדער, אַז ס'וואָלטען זיך צונויפגעלאָפען מענשען און וואָלטען פערטריעבען דעם גזלן, וואָס וואָלט ביי מיר געפּרופּט צונעהמען דעם זייגער... וואָרום ער איז מיינער...

ער האָט גערעדט מיט גרויס התפּעלות, מיט אַ ברען און מיט אַ פייער, נאָר אין דער זעלביגער צייט האָט אַ וויציג שמייכעלע זיך געשלייננעלט אַרום זיינע ליפּען. פּלוצלינג איז ער אַנשוויגען געוואָרען און גענומען אויפמערקזאַם בעטראַכטען דעם גאַסט. יענער האָט זיך אויף איהם ווייניג־וואָס אומגעקוקט, ער איז געשטאַנען מיט אַ פערריסענעם קאָפּ און בעטראַכט דעם זייגער.

— גיעב נאָר אַ ביינקעל און דערלאַנג דעם לאָמפּ, — האָט ער געזאָגט, — פון דאַנען זעה איך ניט גוט דעם פּייזאַזש אויפ'ן ציפּערבלאַט.

*) עֶבֶּעֶן־האָלץ — אַזאַ מין טהייעֶר האָלץ, וואָס ס'איז פון דער נאַטור שוואַרץ.

איך זעה, אז ס'איז דאָ אַ פּייזאַזש, נאָר איך וויים ניט, וועלכער...

ריידענדיג די ווערטער, איז ער אַרויפגעקראָכען אויפ'ן ביינקעל, וואָס דער יוד האָט איהם אונטערגערוקט. זיינע בעוועגונגען זענען געווען אַזוי פלינק, אַקוראַט ווי ער האָט גאָר קיינמאָל ניט געוואוסט, וואָס הייסט נאָכשלעפען די פיס.

— גיעב דעם לאָמפּ! — האָט ער אויסגעשריען.

— תיכף, תיכף, גנעדיגער פּריץ!

מיט'ן לאָמפּ אין דער האַנד איז דער יוד אַרויפגעקראָכען אויף אַ צווייטען ביינקעל נעבען דעם פּריץ.

— זשענעווע! — האָט יענער אויסגעשריען — יאַ, יאַ! געמאַכט אין שווייצאַריע; ווייסט אפשר, ווי די פאַבריק הייסט?

— פאַר וואָס זאָל איך ניט וויסען? ס'איז דען דאָ אַזאַ זאַך, וואָס איך זאָל פון דעם זייגער ניט וויסען?

מיט שטאָלצקייט האָט ער אָנגערופען דעם נאָמען פון דער פאַבריק, וועלכע איז שוין לאַנג ניטאָ אויף דער וועלט.

— דאָס איז שוין געווען איינמאָל אַ פאַבריק! היינט איז אַזוינע ניטא!

— אמת, אמת, היינט איז אַזוינע ניטאָ אויף דער וועלט! און ווי ציהסט דו איהם אָן?

דער אַלטער יוד האָט שוין געהאַלטען אַ שליסעל אין האַנד, אַקוראַט ווי ער האָט איהם אַרויסגעטרייסעלט פונ'ם אַרבעל. אין אמת'ן האָט ער איהם אַרויסגענומען פון אַ קעסטעל אין שאַפּקעלע.

— אָט אַזוי ציהט מען איהם אָן! זאָל דער גנעדיגער פּריץ זעהען! טאַקי גוט, וואָס איך האָב איהם נאָך היינט ניט אָנגעצויגען, קען איך ווייזען דעם פּריץ. אַי, פיין! אַזאַ אַלטער שליסעל, און געהען געהט עס ווי אַ פוטער!

— אַהאַ! יאַ! און איך האָב געמיינט, מען ציהט איהם אָן פון דער אַנדערער זייט. וואָרום אַזאַ זייגער...

— אַ טעות, גנעדיגער פּריץ, אַ טעות... אַזוינע זייגערס ציהען זיך קיינמאָל ניט אָן פון יענער זייט... דאָס איז גאָר אַנ'אַנדער סאָרט,

די וואָס ציהען זיך אָן פין יענער זייט... איצט זאָל דער גנעדיגער פריץ בעטראַכטען אָט די שניצערייען אויף די געזימשען... דער פריץ זעהט, ס'אַראַ איידעלע אַרבייט דאָס איז, ווי פיין דאָס איז אויסגעשניצט און בעגולדט...

— Empire! *) — האָט געפליסטערט דער פריץ.

— אַמפּיר! חאַ, חאַ, חאַ! אויף מיין עהרען־וואָרט, דער גנעדיגער פריץ איז אַ מבין אויף זייגערס, פונקט ווי, מיט רעספּעקט צו מעלדען, ווי אַ גוטער זייגערמייסטער! ריינער אַמפּיר! שוין קרוב צו הונדערט יאָהר...

— וואַרט נאָר! וואַרט! און וואָס איז דאָס פאַר אַ ספּרוזשינע?

— דאָס איז אַזאַ ספּרוזשינע, וואָס אַז מען טהוט זי אַ ציה, שפּרינגט אַרויס פון דעם זייגער אַ פויגעל, מאַכט מיט די פליגעל און שרייט.

— אַהאַ! ריכטיג! כ'האָב שוין איינמאָל געזעהען אַזאַ מאַשינעריע...

— נו, אויב דער גנעדיגער פריץ האָט שוין איינמאָל געזעהען, וועל איך איהם ווייזען נאָך אַ מאָל...

זיי זענען געשטאַנען איינער נעבען אַנדערען אויף די ביינקלעך, אַזוינע פערשיעדענע איינער פונ'ם צווייטען. דער יוד איז געווען נידעריגער און מאָגערער פונ'ם פריץ. דאָס ליכט פון דעם לאָמפּ, וואָס ער האָט געהאַלטען אין דער הויך, האָט בעלויכטעןביידע פנים'ער און בעוויזען, ווי אונגלייך עס זענען זייערע געזיכטס־שטריכען. אָבער ביידע פנים'ער זענען אַלץ־איינס געווען בעדעקט מיט אַ גרויסער צאָהל קנייטשען, און אויף די אויגען, וואָס האָבען מיט גלייכער ליבשאַפט געקוקט אויפ'ן זייגער, האָבען ביידע זקנים געטראָגען ברילען. אויבען, העכער פון זייערע גראָהע קעפּ און קנייטשיגע געזיכטער, איז פון דעם זייגער — דורך אַ ספּרוזשינע — אַרויסגעפלויגען אַ מעטאַלענער פויגעל, אַ מאַך געטהאָן מיט די פליגעל און קלינגענדיג און מונטער געגומען רופען איבער'ן גאַנצען שטוב: „קו—קו“, „קו—קו“. דער יוד איז דער ערשטער

*) Empire („אַמפּיר“) — אַ קונסט־סטיל, וואָס האָט געהערשט אינ'ם אָנפאַנג פונ'ם 19־טען יאָהרהונדערט (בעזאָנדערס אין פראַנקרייך).

אַראָבגעקראָכען פון דעם בײנקעל און געהאָלפען דעם פריץ אויך אַראָב־געהן אויף דער ערד, נאָכדעם האָט ער װידער גענומען זיך אײנקוקען אינ׳ם גאַסט, פערגעסענדיג אפילו אַװעקשטעלען דעם לאָמפּ אויפ׳ן טיש.

— זאָל דער גנעדיגער פריץ קײן פּאַראיבּעל ניט האָבען — האָט ער געשעפּטשעט מיט פערלעגענהײט — אפשר האָב איך אַ טעות, נאָר מיר דאַכט זיך, אַז מײנע אַלטע אויגען האָבען דערקענט דעם גנעדיגען פּריץ...

— װאַרט נאָר, װאַרט! — איז איהם דער פריץ אַרײנגעפאַלען אין די רײד — עפּיס דערמאָן איך מיך אויך. איך האָב דיך, דאַכט זיך, אַ מאָל געקענט, װאָס?

— דער גנעדיגער פּריץ איז גראַף קסאַװערי פון סטרומעניץ...

— נו, װער זשע ביזט דו? עפּיס קען איך זיך ניט דערמאָנען...

— איך בין בערעק, דער זוהן פון שמשון׳ען, װעלכער האָט אין סטרומעניץ געהאַלטען די אַרענדע.

— בּערעק! איז דאָס מעגליך? איך געדענק גוט. מײן שװעסטער האָט דיך גענומען פאַר אַ מאָדעל צו אײנעם פון איהרע בּילדער.

דער יוד האָט אַ מאַך געטהאָן מיט׳ן קאָפּ; דעם לאָמפּ האָט ער אַװעקגעשטעלט אויפ׳ן טיש, װאָרום ס׳האָבען איהם אָנגעהויבּען ציטערען די הענד, ער האָט אַרויסגערוקט פונ׳ם װינקעל אַנ׳אַלטען פאָטעל מיט אַנ׳אײנגעפאַלענעם מאַטראַץ און מיט אַ האַלב אָבגעבּראָכענער פּאָרענטשע און געבּעטען דעם גאַסט זיצען. ער האָט געשמאָקעט מיט די ליפּען, געשמײכעלט; די רויטע אויגען־הײטלעך האָבען גיך געפינטעלט אונטער די גראָהע בּרעמען, אַקוראַט װי אַ שטאַרקע ליכטיגקײט האָט איהם פער־בּלענדט די אויגען. ענדליך האָט ער זיך אַװעקגעזעצט, געקוקט דעם גאַסט אין פּנים און עפּיס געבּרומט פאַר זיך, אַזױנס װאָס מ׳האָט ניט געקענט פערשטעהען, נאָר װאָס ס׳האָט זיך געפיהלט דערין אי פרײד, אי פערװאונדערונג. געװאונדערט האָט זיך אויך דער אַלטער פּריץ.

— איז דאָס מעגליך? דו ביזט בּערעק... דו... יענער בּערעק מיט די געגרײזעלטע גאָלדענע האָר, מיט אַ פרישען פּנים, װי בּײ אַ מײדעל, מיט אויגען, װי סאַפּירען? מײן שװעסטער האָט דיך גענומען

פּאַר אַ מאָדעל צו איין פיגור אין איהרען אַ בילד, נאָכדעם פלעגסטו אָפּט קומען אין פּאַלאַץ.,. ביזטו דאָס טאַקי?

— איך... איך אַליין, גנעדיגער פּריץ! און דער גנעדיגער פּריץ איז דער אַמאָליגער פּאַניטש, וואָס פלעגט געהען אויף די טרעפּ פון דעם סטרומעניצער פּאַלאַץ ניט אַנדערש, ווי שפּרינגענדיג מיט אַ מאָל איבער פיער. ווען די גנעדיגע פּריצה, דעם גראַף׳ס שוועסטער, האָט געמאָלט מיין פּאָרטרעט און דער יונגער גראַף קסאַווערי פלעגט אַריינגעהן אין צימער, איז געווען אַזוי, פּונקט ווי ס׳איז אַריינגעקומען די ליכטיגע זון. אַי, איך געדענק דען ניט, ווי דער פּאַניטש קסאַווערי פלעגט פאָהרען רייטענדיג אָדער טאַנצען מיט פּאַנעס!... ס׳האָט געמעגט פאָהרען כ׳ווייס ניט וויפיעל פּאַניטשעס, האָט ער איבערגעיאָגט אַלע, און ס׳האָט געמעגט זיין כ׳ווייס ניט וויפיעל פּאַניענקעס, האָבען אַלע געוואָלט טאַנצע נאָר מיט איהם אַליין. איך האָב אַלצדינג געזעהען, כאָטש איך בין געשטאַנען הינטער׳ן פּאַרקען אָדער ביי׳ם פענסטער פונ׳ם פּאַלאַץ...

— אמת, אמת — האָט אונטערגעכאַפּט דער גראַף — איך געדענק נאָך איצט אויך, ווי דו פלעגסט שטעהען ביי׳ם פּאַרקען, אויפ׳ן הויף אָדער אין גאָרטען און קוקען אויף אַלצדינג מיט אַנ׳אויסדרוק פון נאַאיווער נייגעריגקייט און פערגעניגען. אַזוי מאָלסטו זיך איצט אויך פאַר מיינע אויגען... ניט איינמאָל פלעגען מיר רעדען מיט דער שוועסטער, אַז דו האָסט אַזאַ פּנים, אַקוראַט ווי דו שעפּסט נחת פון דער גאַנצער וועלט און קענסט גאָר ניט ווערען זאַט...

דער יוד האָט געלאַכט שטילערהייט:

— און דער גנעדיגער פּריץ האָט דעמאָלט ניט געשעפּט נחת פון דער גאַנצער וועלט?

דער גראַף האָט זיך צעלאַכט און האָט תיכף אַ זיפץ געטהאָן.

— אַודאי — האָט ער געענטפערט — יונגע יאָהרען!.. מיר זענען ביידע געוועזן יונג, ליעבער בערעק!

דער יוד האָט ניט אַראָבגעלאָזט די אויגען פונ׳ם פּריץ און שטיל געפרעגט:

— און איצט?

— איצט? וואָס זשע! מיר זענען ביידע אַלט...

דער יוד האָט אָנגעשפּאַרט די הענד אָן די קניה, אַראָבּגעלאָזט די אויגען אויף דער ערד, זיך אַיינגעהויקערט, געוואָרען מיט אַמאָל קלענער.

— טצו! טצו! — האָט ער געטשמאָקעט — פאַר וואָס זאָלען מיר ניט זיין אין איין צייט אַלט, אַז מיר זענען אין איין צייט יונג געווען? יעדער מענש אויף דער וועלט, אַ יוד צי אַ קריסט, אַ גרויסער מאַן צו אַ קליינער, איז פריהער יונג און נאָכדעם ווערט ער אַלט... און בּיי יעדען איז די יוגענד אַ פרייד, און די עלטער אַזאַ טרויער, וואָס בּיז'ן טויט קען מען איהם שוין ניט אַראָבּ'פּטר'ן פון זיך... יעדערער האָט דאָס.

ער איז אַנטשוויעגען געוואָרען. דער גראַף האָט אויך געשוויעגען, און נאָר די זייגערס אויף דער וואַנד האָבען גערעדט מיט זייער טרוקענעם אומרוהיגען גערויש: „טאַק—טאַק", „טיק—טאַק—טאַק", טיק—טאַק—טאַק".

איינער פון זיי האָט אָנגעהויבען קלינגען מיט אַ נידעריגער באַס־שטימע: איינס, צוויי, דריי! קוים האָט ער אויסגעקלונגען דריי מאָל, האָט אַנ'אַנדערער מיט אַ דינינקען קול'כעל זיך אָבּגערופען: איינס, צוויי! בּיי'ם זעקסטען קלונג האָט זיך אָבּגערופען נאָך איינער, בּיי'ם זיעבּעטען האָבען שוין געקלונגען גאַנצע זעקס. זיעבּען, אַכט, ניין האָבען זיי אויס־געקלונגען אַלע אין כאָר, פון דעם כאָר איז בּיסלעכווייז געוואָרען דריי, נאָכדעם צוויי שטימען. דאָס איז געווען ניין אַ זייגער. דער גראַף האָט מיט אַ שמייכעל געקוקט אַרום זיך.

— אַ קאָנצערט! — האָט ער געפליסטערט. נאָכדעם האָט ער אַרויסגערעדט פערטראַכט:

— מיין ליעבּער בּערעק, וויפיעל שעה'ן האָט די צייט שוין אויס־געקלונגען פאַר דיר און פאַר מיר?

— נו — האָט דער יוד געענטפערט — פאַר וואָס זאָל זי ניט אויסקלינגען? מיר זענען געווען ווייט איינער פונ'ם אַנדערען און האָבען זיך קיינמאָל ניט געזעהען, און האָבען איינער פונ'ם אַנדערען פערגעסען, און די זייגערס האָבען זיך געקלונגען איין שעה נאָך דער אַנדערער, און מיט יעדען קלונג האָבען זיי געמיינט אי מיך, אי דעם גנעדיגען פריץ, וואָרום אַלעמען גלייך קלינגט די צייט איהרע שעה'ן...

ער האָט געשוויעגען אַ ווײַלע, נאָכדעם האָט ער אויפגעהויבען די אויגען אויף׳ן גאַסט און אָנגעהויבען ריידען מיט אַ אונזיכערען טאָן:

— צו ווייסט דער גנעדיגער גראַף, אַז איך געדענק זיינע עלטערען אַקוראַט ווי איך וואָלט זיי ערשט נעכטען געזעהען? דעם גראַף׳ס פאָטער איז געווען ניט קיין געוויקסינגער, אָבער אַזאַ שטאָלצער און מיט אַ שטרענגען קוק, און די מוטער האָט געהאַט אַזוינע הענד, אַז איך פלעג מיר טראַכטען: דאָס זענען ווייסע בלומען... די וואָס האָבען געוואַקסען אין אָגראָד און דער אָגראָדניק האָט געזאָגט, אַז דאָס זענען לילען... אפשר געדענק איך ניט גוט... לילען... לילען... אַזוינע ווייסע שעהנע בלומען, שמעקענדיגע בלומען... די אַלטע גראַפינע האָט גע־האַט אַזוינע הענד, ווי יענע לילען... זאָל דער גנעדיגער פריץ קיין פאַראיבעל ניט האָבען, ווען איך וועל איהם פרעגען, צו לעבט נאָך זיין גנעדיגער טאַטע און זיין גנעדיגע מאַמע?

אין דעם גראַף׳ס שמייכעל איז געלעגען אַ ביטער געפיהל, ווען ער האָט געענטפערט:

— ניין, ליעבער בערעק! ווי קען דאָס זיין, אַז אַזוינער ווי איך זאָל נאָך האָבען אַ טאַטען און אַ מאַמען? די ווייסע ליליען, וואָס דו זאָגסט, רוהען שוין לאַנג אין קבר.

זיין שטימע האָט געציטערט, נאָר ער האָט איינגעהאַלטען זיין אויפרעגונג און געפרעגט:

— און דיינע עלטערען? דיין טאַטען געדענק איך כמעט ניט, אָבער די מאַמע האָב איך ניט פערגעסען. אַ קליינע, שוואַכע יודענע, אַ אויס־געהאָרעוועטע, מיט אַ פערוועלקטען פנים, אָבער נאָך מיט שעהנע אויגען, שוואַרצע און פלאַמענדיגע ווי פייער...

דער יוד האָט געשוויעגען אַ ווײַלע, נאָכדעם האָט ער אויס־געשטרעקט צו דער פאָדלאָגע זיין טרוקענעם, טונקעלען פינגער און שטיל ארויסגערעדט:

— די אויגען, וואָס דער גנעדיגער גראַף געדענקט נאָך, זענען שוין לאַנג אין קבר!

די זייגערס האָבען גערווישט „טאַק—טאַק״, „טיק—טאַק—טאַק. „טיק—טאַק—טאַק״; צוויי מענשען האָבען געשוויעגען, פערזונקען אין דעם שטראָם פון דער צייט.

דער יוד האָט דער ערשטער זיך ערוואַכט פון זיינע געדאַנקען און האָט אַרויסגערעדט:

— און צוליעב וואָס פאַר אַ סבה האָט מיר דער אויבערשטער געטהאָן דעם חסד און צוגעשיקט אַזאַ אַלטען בעקאַנטען?

דער גראַף האָט אַרויסגענומען פון קעשענע אַן'אַלטמאָדישען זייגער און האָט איהם אַוועקגעלעגט אויפ'ן טיש. דער יוד האָט איהם גענומען אין דער האַנד און איהם בעקוקט פון אַלע זייטען מיט אַ פריינדליכען שמייכעל, פרעגענדיג דערביי:

— אין וואָס זשע איז זיין חטא? וואָס האָט איהר אין איהם פאַר חסרונות? ער פערשפעטיגט זיך? דער גנעדיגער גראַף האָט איהם שוין געפּרופט אָנשטעלען און עס העלפט ניט! טצי, טצי! איך זעה שוין, אַז ס'איז ניט גלאַטיג. ער איז חולה, מען מוז איהם צונעהמען און זוכען אַ רפואָה...

דעם גראַף'ס אויגען האָבען אַ גלאַנץ געטהאָן פון הינטער זיינע ברילען. מ'האָט געזעהען, אַז ער האָט זיך פון אָנהויב דערשראָקען, נאָכדעם האָט ער זיך בערוהיגט.

— קענסטו עס מאַכען באַלד?

— פאַר וואָס ניט? איך וועל זיין זעהר קאָנטעט, ווען דער גנע־דיגער פריץ וועט זיצען אַביסעל און וועט זעהען, אַז איך טהו, חלילה, דעם חולה קיין בייז ניט. איך וועל נאָר אָנצינדען אַ גרעסערען לאָמפּ, וואָרום פאַר אַזאַ אַרבייט, ביי אַזאַ קליין לעמפּעל, זענען מיינע אויגען צו שוואַך...

דער גראַף, וועלכער איז געוואָרען אַלעמאָל מעהר אויפגעלעגט, האָט אויסגעשריען:

— גוט איז דיר, אַז דו קענסט זיך אָנצינדען אַ גרעסערען לאָמפּ, וואָס זאָל איך אָבער טהאָן, אַז איך האָב ניט מיט זיך די ברילען, וואָס איך פלעג זיי אָנטהאָן, ווען איך האָב פעררריכט אַ זייגער...

— אַי, אַי! ס'איז ניט אַזאַ אומגליק. איך האָב עטליכע פּאַר ברילען; זאָל דער גנעדיגער פּריץ זיך אויסקלויבען אַזוינע, וואָס ס'פּאַסען איהם. בעטען שוין דעם פריץ'ס אויגען אויך, מען זאָל זיי לאָזען רוהען?

— נאָך אַ מין בעטען, ליעבער בערעק, נאָך אַ מין בעטען... זיי

דערקוטשען מיר טאַקי שרעקליך. אָהן ברילען — ניט פון אָרט, און אפילו דורך ברילען זעה איך אויך ניט שטענדיג גוט...

דער יוד נעהמט אַרויס פונ'ם שופלאָד עטליכע פּאָר ברילען און זאָגט:

— ריכטיג ווי בּיי מיר. אי מיינע, אי אַייערע אויגען זענען אַלט.

אין עטליכע מינוט אַרום זענען בּיידע שוין געזעסען אָנגעבויגען איבער'ן טישעל, פערטיעפט אין דער אַרבּייט: זיי האָבען צונומען דעם זייגער און בּעטראַכט יעדעס פּיצעלע בּעזונדער. די בּיינערנע רעמלעך פון די ברילען האָבען מיט טונקעלע ליניען זיך געלעגט איבער זייערע קנייטשיגע שטערענס, איבער די בּאַקען און די שלייפען, און זענען פערשוואונדען געוואָרען הינטער די אויערען אין די גראָהע האָר. די אויגען הינטער די גרויסע גלעזער זענען געוואָרען אַלעמאָל אויפמערקזאַמער, און דאָס ליכט פון דעם לאָמפּ האָט אין זיי געצויגען זילבּערנע פונקען. אַרבּייטענדיג, האָבען זיי גערעדט איינער מיט'ן אַנדערען, אָבער נאָר וועגען דעם זייגער, וואָרום אַלצדינג, וואָס ס'האָט ניט געהאַט קיין שייכות צו זייער איצטיגער אַרבּייט, איז אָהן אַ שפּור פערשוואונדען פון זייער מח. צייטענווייז פלעגען זיי גאָר אינגאַנצען אַנטשוויגען ווערען, און נאָר בּסדר זיך איינקוקען, פּרופען, מייסטרעווען, אָטעמענדיג הויך און הילכיג מחמת גרויס אָנשטרענגונג. צייטענווייז פלעגען זיי זיך וואַרפען איינער דעם אַנדערען אַ פּאָר ווערטער:

— זעהסט, אָט דאָ איז די צרה!

— אויב זי איז דאָ, וועלען מיר זי פעררירכטען! איך האָב אָבער מורא, אַז די צרה איז ערגיץ אַנדערש.

צייטענווייז פלעגען זיי זיך אָנהויבען שפּאַרען.

— וואָס טהוסטו? ניט אַזוי! — האָט אונרוהיג גערעדט דער גראָף.

דער יוד האָט איהם בּערוהיגט:

— זאָל דער גנעדיגער פּריץ קיין מורא ניט האָבען... דער גנעדיגער פּריץ וועט בּאַלד זעהען, וואָס דערפון וועט אַרויסקומען...

— איך וויים גוט: ס'וועט ניט אַרויסקומען גאָר ניט!... טהו בּעסער אָט־אָ־דאָ אַ קוועטש, אָט פון דאָרט'ן נעהם אַרויס...

דעמאָלט פלעגט דער יוד דערהויבען זיין קול און כמעט שרייען:

— דער גנעדיגער פריץ האָט אַ טעות... דאָ איז דאָ אַזוינע איידעלע ספּרוזשינקעס, וואָס דער פּריץ זעהט זיי ניט.

און דער גראַף האָט געשריגען אויף אַ קול:

— דאָס געפעלט מיר! איך זאָל אין דעם זייגער עפּיס ניט וויסען...

דערזעהענדיג אָבער, אַז דער יוד איז פּאָרט גערעכט, פלעגט ער שטיל בּרומען:

— טאַקי אמת, אמת! ביזט געווען גערעכט!...

יענער פלעגט אויך אונטערבּרומען, אַ בּערוהיגטער:

— אין מיין אַרבּייט זאָל איך ניט זיין גערעכט...

ווידער זענען זיי אַנטשוויגען געוואָרען, זיך איינגעקוקט, גע־מייסטרעוועט, איינגעבּויגען איינער צום אַנדערען די קעפּ מיט די טונקעלע ליניען פון די בּרילען, געהאַלטען זיך פאַר די פערוועלקטע הענד, גע־מאַכט איידעלע בּעוועגונגען מיט די פינגער; זייער הילכיגער אָטעם האָט זיך צוזאַמענגעגאָסען מיט דעם זייגער־גערויש, וואָס איז געשוואומען אַרום און אַרום ווי אַ אונענדליכע כוואַליע.

פּלוצלינג האָט פון דער כוואַליע האַסטיגע, טרוקענע קולות זיך אַרויסגעטהיילט אַ בּאַס־שטים, אַ מעלאָדישע און אַ ריינע, און האָט אָנ־געהויבּען קלינגען: איינס, צוויי, דריי! בּיי׳ם פיערטען קלונג איז צו־געקומען אַ דיניקע פיידעל־שטים, ווי אַ קליין יונגעלע, וואָס בּאַמקעט־אונטער אַ בּעיאָהרענטען מענשען, און האָט אויסגערופען: איינס, צוויי; און בּיי׳ם דריטען קלונג האָבּען אונטערגעכאַפּט נאָך אַנדערע שטימען, צו זיי זענען בּאַלד צוגעקומען נאָך עטליכע, ביז ס׳איז געוואָרען אַ כאָר, וועלכער האָט אָבּגעקלונגען עטליכע מאָל אין טאַקט, נאָכדעם איז בּיס־לעכווייז שטילער געוואָרען, בּיז ס׳איז געבּליעבּען פריהער דריי, נאָכדעם צוויי קולות. דער זייגער האָט געשלאָגען צעהן.

די צוויי מענשען האָבּען אויפגעהויבּען פון איבּער דעם טישעל זייערע קעפּ און האָבּען אַראָבּגעלאָזט די הענד אויף די קניה. דער יוד האָט געזאָגט מיט אַ שמייכעל:

— נו, דער גנעדיגער פריץ פערשטעהט גוט אין זייגער־מייסטעריי... איך זעה, אַז דער גנעדיגער פריץ האָט איצט פונקט אַזאַ חשק צו זייגערס, ווי אַמאָליגע יאָהרען צו גוטע פערד און שעהנע פאַנעס...

דער גראַף האָט אויך פרעהליך אָבגעענטפערט:

— וואָס אמת, איז אמת, מיין ליעבער בערעק, כ'האָב בעקומען אַ שטאַרקען גוסט צו די זייגערס, כ'ווייס אַליין ניט, פון וואַנען דאָס נעהמט זיך און צוליעב וואָס. עט, אַלערליי משוגעת'ן טשעפען זיך צו אַ מענשען אויף דער עלטער...

דער יוד האָט זיך פערקרימט און אָנגעהויבען ברומען אונ־צופריעדען:

— משוגעת! וואָס הייסט משוגעת! פאַר וואָס איז דאָס עפּיס אַ משוגעת? דער זייגער איז אַ טהייערע מאַשין, און דעם מענשען, וואָס האָט זי אויסגעטראַכט, קומט אַ שענעם דאַנק. צו איז דאָס דען אַזאַ מאַשין, וואָס הרג'ט עמיצען, ווי, להבדיל, אַ ביקס אָדער אַ האַרמאַט? צו פערסמ'ט זי, חלילה, עמיצען, ווי די מאַשינען, וואָס שטעהן אין די גרויסע פאַבריקען אַלערליי פאַסקודסטוועס דעם מענשען אין מויל אַריין? דער זייגער איז דעם מענשען אַ חבר; ער איז מיט איהם אי אין פרייד, אי אין טרויער, ער ווייזט איהם, ווען ער זאָל וואָס טהאָן, ער רעדט צו איהם ווען אַלע שווייגען; ער לערענט איהם, אַז די צייט שווימט און אַז ער אַליין שווימט אויף דער צייט, ווי אויף אַ גרויסען טייך אין ברייטען ים אַריין...

ער האָט אַ מאַך געטהאָן מיט דער האַנד און געענדיגט:

— ווייסט איהר וואָס איך וועל אייך זאָגען? ער איז צייטענווייז אַ בעסערער פריינד, איידער אַן'אַנדער מענש, וואָרום ער בייסט קיינמאָל ניט! כי, כי, כי!

ער האָט זיך שטיל פאַנאַנדערגעלאַכט. דער גראַף האָט אַ פער־טראַכטער געהערט זיינע רייד, נאָכדעם האָט ער אָבגעענטפערט:

— ביזט גערעכט, מיין ליעבער בערעק: די דאָזיגע ריידעוודיגע מאַשין איז שטענדיג מיט דעם מענשען, ווען ס'איז איהם פרעהליך און ווען ס'איז איהם טרויעריג... דו וועסט אפשר ניט גלויבען: אָט אָ דער זייגער איז געווען מיט מיר נאָך דעמאָלט, ווען איך האָב, ווי דו

זאָגסט, חשק געהאַט צו גוטע פערד און שעהנע פאַנעס...

— אַי, אַי! — האָט דער יוד אַ טשמאָקע געטהאָן מיט די ליפען — אַזא יונגער פאַניטש און שוין געטראָגען אַזאַ טהייערען זייגער!

דער גראַף האָט אַ שמייכעל געטהאָן.

— קיינמאָל האָט מיר ניט געפעהלט קיין טהייערע זאַכען, אָבער אָפטמאָל פלעגט מיר פעהלען אַ טהייערער מענש... כ'וועל ניט פערגעסען קיינמאָל די לעצטע שעה'ן פאר'ן טויט פון מיין מוטער... דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, אַז דער סוף וועט קומען, ווען דער דופק וועט אָנהויבען קלאַפּען שוואַכער, און אַליין איז ער אַ וועקגעגאַנגען זיך אָברוהען, וואָרום ער איז געווען שרעקליך אויסגעמוטשעט און פערמאַטערט... בין איך געבליבען אַליין ביי דער מאַמע'ס בעט און מיט'ן זייגער אין איין האַנד און מיט איהר האַנד אין דער צווייטער, האָב איך אַלץ נאָכגעקוקט... צו איז שוין נאָהענט? ... וואָס נעהענטער ס'איז געוואָרען, האָט זעלטענער געקלאַפּט דער דופק, און מיר האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז שנעלער האָבען זיך גערוקט די ווייזערס. זיי האָבען זיך גערוקט, און אין דער ליליע, וואָס דו געדיינקסט, האָט דער דופק געקלאַפּט שוואַכער, שוואַכער... ביז ער האָט אויפגעהערט אינגאַנצען. דאָס וואָס ס'איז געווען נאָהענט, איז געקומען. דער זייגער האָט געוויזען פינף מינוט און דריי סעקונדען נאָך האַלבע נאַכט...

מיט פייכטע אויגען האָט דער יוד געהערט דעם גראַף'ס ווערטער און געשאָקעלט מיט דעם קאָפּ, און די זייגערס אויף די ווענד האָבען געקלאַפּט אין כאָר: „טאַק — טאַק“, „טיק — טאַק — טאַק“, „טיק — טאַק — טאַק“.

אַביסעל בערוהיגט נאָך דער אויפרעגונג, האָט דער גראַף זיך אָנגעהויבען ווערטלען:

— ווערסט ניט גלויבען, ליבער בערעק, ווי גיך דער זייגער נעמט אַ מאָל לויפען! ווען איך האָב אַ מאָל ליעב געהאַט אַ פאַניענקע און האָב זיך מיט איהר שטענדיג געקענט טרעפען נאָר אויף אַ קורצע צייט, איז וויפיעל מאָל איך פלעג אויף איהם אַ קוק טאָהן בגנבה, פלעגט אויף מיר אָנפאַלען אַזאַ כעס, אַז כ'וואָלט איהם, דאכט זיך, אַ טראַסק געטאָהן אָן דער ערד. איך פלעג איהם זידלען אין דער מחשבה; „וואָס פליהסטו אַזוי, שוטה! שטעה דאָך אַ ווייעלע, רוהע זיך אָב, און לאָז מיט דיר אינ־

איינעם אויך די צייט בלײַבען שטעהן!״ נאָר ער האָט ניט געפאָלגט: אַליץ געפלויגען — און דאָס גליק מיינס... איז אַוועקגעפלויגען!...

דער יוד האָט שטיל געפרעגט:

— און צו האָט דער גנעדיגער פריץ שטענדיג געקענט שלאָפען בײַנאַכט?

דער גראַף האָט געמאַכט מיט דער האַנד אַ איראָנישע בעוועגונג.

— און אויב דער גנעדיגער פריץ האָט ניט געקענט שלאָפען, צי האָט ער שטענדיג געהאַט פרעהליכע געדאַנקען?... נו, איך ווייס אַליין, אַז זיי האָבען ניט שטענדיג געקענט זיין פרעהליך. און אַז דער פריץ איז געלעגען מיט שווערע געדאַנקען אין מח, צו איז דער זייגער ניט געגאַנ־גען דעמאָלט צו פּאַמעליך?...

— ער איז פּאָרט געגאַנגען — האָט געענטפערט דער גראַף — און די שוואַרצע נעכט זענען איבערגעגאַנגען...

— און ווען די שוואַרצע נעכט האָבען זיך געצויגען איבער דער ערד, זענען אַלע געשלאָפען, און נאָר ער איינער האָט גערעדט צום גנעדיגען פריץ... און וואָס האָט ער גערעדט? ער האָט געטרייסט דעם גנעדיגען פריץ, אַז די דאָזיגע שוואַרצקייט וועט אויך אַריבער...

— ווי אַלצדינג געהט איבער — האָט פערענדיגט דער גראַף און האָט זיך טיעף פערטראַכט אויף אַ קורצע ווײַלע. ער האָט זיך געוואונ־דערט פאַר זיך אַליין. וואָס זיצט ער דאָ אַזוי לאַנג און וואָס שמועסט ער אַזוי האַרציג מיט אָט־דעם יודען?

ער האָט איהם אַמאָל געקענט! איז וואָס? קיין געמיינזאַמע ערי־נערונגען קענען זיי פונדעסטוועגען ניט האָבען, ווי איבערהויפּט קען ניט זיין צווישען זיי קיין שום שיכות. ער איז ניט געוועזן קיין גדלן און האָט זיך בטבע פערהאַלטען פריינדליך צו אַלע מענשען; פונדעסטוועגען האָט ער געוואוסט, אַז אַ גאַנצער תהום איז פאַרהאַן צווישען איהם און בע־רעק'ן, דעם אַמאָליגען אַרענדאַר'ס זוהן און דעם הייַנטיגען זייגערמייסטער אויף איינער פון די אָרימע גאַסען. פראָסט און פשוט: ס'איז ניטאָ צווי־שען זיי קיין פיצעל גלייכקייט, זיי זענען איינער פונ'ם אַנדערען אינגאַנצען

פערשיעדען. ער איז אַריינגעקומען אהער, געוואָלט געבען דאָס זייגערעל פעררעכטען און איז זיך דאָ פערזעסען אויף לאַנגע שעה'ן. נאָך מעהר, ס'האָט זיך איהם גאָר ניט געגלוסט אַוועקגעהן און כמעט אומגעריכט פאַר זיך אַליין האָט ער אַ פרעג געטאָהן:

— און דו, בערעק? ווי האָסטו געלעבט? ווי לעבסטו איצטער? האָסטו אַ פאַמיליע, האָסטו פון וואָס צו לעבען?

דער יוד האָט אָבגעדאַנקט דעם פריץ פאַר זיין פריינדליכקייט און האָט אָנגעהייבען דערצעהלען באַריכות.

קיין גביר איז ער ניט געווען, קיין קאַפּיטאַלען האָט ער ניט אָנגעקליבען, אָבער פון וואָס צו לעבען האָט ער ווי ס'איז געהאַט און קיין נויט האָט איהם ניט געפּלאָגט. ער האָט נאָך געאַרבייט און פערדיענט, וויפיעל ער האָט געדאַרפט, אויף זיין הצטרכות — און וואָס דאַרף ער, מ'שטיינס-געזאָגט, זינט ער איז געבליבען אַליין מיט דעם אייניקעל. דאָס קינד גיעט אכטונג אויף זיין בעל-הבית'ישקייט און פערדיענט אַליין אויך אַ מאָל עטליכע גראָשען. אַ פאַמיליע האָט ער אַ גרויסע, עטליכע קינדער, אַ סך אייניקלעך, קיין עין-הרע, נאָר אַלע...

ער האָט אַ מאַך געטאָהן מיט דער האַנד.

— ווייסט איהר, וואָס איך וועל זאָגען דעם גנעדיגען פריץ? פאַרהאַן אַזאַ רעטעניש, און מיר ווילט זיך זעהר וויסען, צו קען עס דער גנעדיגער פריץ, צו ניט... פאַרהאַן אַזאַ רעטעניש: ווי קען דאָס זיין, אַז אַ מענש זאָל יאָ האָבען אַ פאַמיליע און זאָל ניט האָבען קיין פאַמיליע? — רעדענדיג די ווערטער, האָט דער יוד זיך אָנגעשטעלט אויפ'ן גראַף מיט זיינע פרעגענדיגע האַלב שפּאָטישע אויגען.

צו קען דער פריץ דאָס רעטעניש, צו ניט?

אויף דעם גראַף'ס ליפּען האָט זיך געשלייגעלט אַ איראָנישער שמייכעל.

— אוי קען איך דאָס, בערעק, נאָך אַ מין קענען...

דער יוד האָט אַ קלאַפּ געטאָהן מיטביידע הענד אָן די קניה און אויסגעשריען מיט אַ טיפען צער.

— אוי ווי קומט איהר דאָס קענען? בעסער ניט קענען אַזוינע רעטענישען. נאָר אייב מיר קענען דאָס שוין ביידע, וועל איך דעם

גנעדיגען פריץ פערשפּארען דערצעהלען פון מיינע קינדער. זיי זענען פיי־נע מענשען, לייטישע מענשען, איינגע זענען אפילו געבילדעטע און רייכע, נאר זיי זענען ניט מיינע... זיי זענען דער וועלטס און זייערע אייגענע, אבער ניט מיינע...

ער האט געהאט עטליכע טעכטער, אבער נאר איינע פון זיי איז שטענדיג געוועזען זיינע. זי האט איהם ליעב געהאט און אכטונג געגעבען אויף איהם, זי איז געוועזען דאס ליכט פון זיינע אויגען און די פרייד פון זיין הארצען; האט ער זי שוין פון יאהרען ניט געזעהען און וועט זי קיינ־מאל ניט זעהן. ס'האבען זיך איהר געטראפען שלעק און אומגליקען אין מסחר. איז זי ארויסגעפאהרען מיט'ן מאן און מיט די קינדער קיין אמע־ריקע, זוכען א בעסער מזל... ער בעקומט א מאל א בריעף פון איהר, נאר וואס איז א בריעף? ער וועט זי שוין קיינמאל ניט זעהן, און דאס איז אזא גרויסער צער און אזא שווערער וועהטאג, אז ער וואלט דאס ניט געקענט איבערטראגען, ווען ער זאל ניט געדענקען, אז אלצדינג איז פון גאט. וואס זאל מען טאן?

זיינע אויגען, וואס זענען א מאל, נאך דעם גראף'ס ווערטער, גע־ווען בלאה, ווי די סאפּירען, און וואס האבען איצט אויסגעזעהען גראה און אבגעליאקעוועט הינטער די רויטע הייטלעך, האבען אנגעהויבען גלאנצען פון טרעהרען. אבער באלד איז ער געקומען צו זיך. דאנקענ־דיג דעם פריץ פאר זיינע פריינדליכע פראגען, האט ער שטיל גענומען רעדען:

— זאל דער גנעדיגער פריץ ניט זיין ברוגז, וואס איך וועל איהם פרעגען, ווי געהט עס זיין שוועסטער, דער גנעדיגער גראפינע, וואס האט מיך, אנ'ארים יודיש יונגעל, א מאל אויסגעמאלט אויף א בילד. אי, איז זי געוועזען א שענע פאניענקע! איך געדענק זי גוט, פאר וואס זאל איך זי ניט געדענקען. אז איך האב אזא שעהנע פאניענקע נאכדעם שוין קיינמאל ניט געזעהען? זי איז געוועזען ווי א מלאך. אזא שעהנע און אזא גוטע, און דערצו אזא שטילע און אזא איידעלע, אנ'אמת'ער מלאך! איך געדענק, דער גנעדיגער פריץ האט געלעבט מיט איהר אין גרוים פריינד־שאפט. פאר וואס זאל איך דאס ניט געדענקען, אז איך האב אזא פריינד־שאפט נאכדעם קיינמאל ניט געזעהן? צו לעבט זי? וואו איז זי איצט? וואס טהוט זי? ווי געהט עס איהר?

דער גראף האט א רגע געשוויגען, געהאלטען די אויגען אראבגע־לאזט צו דער ערד, נאכדעם האט ער געענטפערט:

— כ׳האָב געהאַט דריי שוועסטער, אָבער די, וואָס דו פּרעגסט, האָב איך ליעב געהאַט מעהר פון אַלע, און זי מיך אויך. זי לעבט, עס געהט איהר גוט; נאָר איך האָב זי שוין לאַנג ניט געזעהן און וועל זי שוין אפשר קיינמאָל ניט זעהן. זי האָט חתונה געהאַט פאַר אַן׳ענגלענ־דער, לעבט אין ענגלאַנד, אַ הער קומט זי קיינמאָל ניט, און איך בין צו אַלט, כּדי צו מאַכען אַזאַ גרויסע נסיעה... זי איז פאַר מיר טויט, כאָטש זי לעבט נאָך... וואָס זאָל מען טאָן?

דער יוד האָט אויפמערקזאַם געהערט און געשאָקעלט מיט אַ טרויער דעם קאָפּ.

— דער גנעדיגער פּריץ האָט דעם זעלבּיגען קומער וואָס איך. און דער גנעדיגער פּריץ איז גערעכט: זי איז טויט, כאָטש זי לעבט נאָך. איך פון מיין מלכּה׳ן טראַכט אויך אַזוי. איך מיין, מענשען ווערען טויט אויף פערשיעדענע אופנים: איינע דורך קראַנקהייט, די אַנדערע דורך ווייטקייט, די דריטע דורך דעם, וואָס זיי ווערען אַנדערש, די פיערטע... נאָר צו וואָס זאָל איך דאָס דערצעהלען דעם פּריץ, אַז ער ווייסט דאָך אַליין זעהר גוט...

ער האָט אַ מאַך געטאָהן מיט דער האַנד אונד אַנטשוויגען געוואָ־רען, און דער גראַף, וואָס האָט אַלץ געהאַלטען אַראָבּגעלאָזט די אויגען, האָט געענטפערט:

— איך ווייס.

ביידע האָבען געשוויגען, און אַרום און אַרום האָבען די זייגערס גערעדט אָהן אַן׳אויפהער: „טאַק — טאַק״, „טיק — טאַק — טאַק״, „טיק — טאַק — טאַק״, „טאַק — טאַק״, ביז ס׳האָט זיך ניט אויסגע־טהיילט פון דעם געררויש אַ קלינגענדיגע הויכע שטים, רופענדיג איבער׳ן גאַנצען צימער: „קו — קו! קו — קו!״

דער גראַף איז אויפגעשטאַנען און צוגעגאַנגען צום זייגער. זיין פּו־טער האָט ער אויפגעשפּילעוועט, וואָרום ס׳איז איהם געוואָרען היים אין דעם ענגעל שטיבעל; אויף די אויגען האָט ער שוין געהאַט די גאָלדענע ברילען.

מיט אַ פּעררישענעם קאָפּ האָט ער אַ שטיק צייט בּעטראַכט דעם אַלט־מאָדישען זייגער, נאָכדעם האָט ער געפרעגט:

— וויפיעל וואָלסטו, אַ שטיינער. געוואָלט פאַר דעם זייגער?

דער יוד, וואָס איז נאָך אַלץ געזעסען ביים טישעל, האָט אויפגע-הויבען דעם קאָפּ און אַ שמייכעל געטאָהן.

— וויפיעל זאָל איך פאַר איהם וועלען? איך וויל פאַר איהם גאָר ניט.

— וואָס הייסט? דו האַנדעלסט דאָך מיט זייגערס!

— אמת, גנעדיגער פריץ. איך האַנדעל מיט זייגערס, אָבער דער זייגער איז ניט אויף צו פערקויפען.

דער גראַף האָט זיך אויסגעדרעהט צו איהם, אַ פערוואונ-דערטער.

— פאַר וואָס? ס'איז אַ חפץ, וואָס איז ווערט אַ סך געלד. איך אַליין וואָלט איהם גערן ביי דיר געקויפט.

דער יוד האָט אַ שאָקעל געטאָהן מיט'ן קאָפּ.

— איך וויים, אַז דאָס איז אַ טהייערער זייגער און איך וואָלט פאַר איהם געקענט נעהמען אַ גוטען מקח, איך וועל איהם אָבער ניט פערקוי-פען. האָט דען אַ מאָל דער גנעדיגער גראַף געהערט, אַז אַ חבר זאָל פערקויפען זיין חבר?

דער גראַף האָט געקוקט אויף איהם אַ איבערראַשטער.

— איז דאָס מעגליך? — האָט ער אויסגעשריען — דו ביזט דאָך אַ געמיינער מאַן און ביזט אַ יוד, און די יודען, ווייסט מען דאָך, שעצען דעם גראָשען העכער פון אַלצדינג אויף דער וועלט!

דער יוד האָט שטיל אָבגעענטפערט:

— דער גנעדיגער פריץ האָט אַ טעות.

און דער גראַף האָט האַלב-שפּאַטיש געפרעגט:

— וואָס הייסט: איך האָב אַ טעות? וואָס האָסטו אין דעם זייגער אַזוינס געפונען, וואָס דו ווילסט איהם ניט פערקויפען? האָסט דאָך אַזוי פיעל אַנדערע! פאַר וואָס זשע זאָל דער ביי דיר זיין טהייערער, חשוב'ער ווי אַלע איבעריגע זייגערס.

ער איז געווען אַזוי נייגעריג, אַזוי פערוואונדערט, אַז ער האָט זיך ווידער אַוועקגעזעצט אויף דעם פאָטעל מיט דעם איינגעשרומפּענעם מאַטראַץ און מיט דער אָבגעבראָכענער פאָרענטשע.

דער יוד האָט לאַנגזאַם אָנגעהויבען דערצעהלען:

— ווען דער גנעדיגער פּריץ וויל, וועל איך איהם דערצעהלען די גאַנצע מעשה. ס'איז שוין באַלד פיערציג יאָהר, זינט איך האָב אָט דעם זייגער. איך האָב איהם געקויפט וואָלוועל און האָב איהם בדעה געהאַט צו פערקויפען טהייערער. נאָר אין יענער צייט איז מיין משה, וועלכער איז איצט אַ גרויסער תבואה=הענדלער, געווען אַ קליין חדר=יונגעל, איך האָב נאָך דעמאָלט קיין אַנדערע יונגלעך ניט געהאַט, און האָב שטאַרק מורא געהאַט, אַז דער אויבערשטער וועט מיר מעהר ניט געבען, און האָב ליעב געהאַט מיין משה'ילען מיט דער גאַנצער נשמה. אַי איז דאָס געווען אַ קינד! ווען דער גנעדיגער פּריץ וואָלט איהם געקענט, וואָלט ער זיך גע'חדוש'ט, וואָס ס'איז דאָ אַזוינע קינדער אויף דער וועלט. און אין דעם טאָג, ווען איך האָב געקויפט דעם זייגער, איז מיין משה'לע געקומען פון דעם חדר אַזאַ שוואַכער, אַזאַ טרויעריגער און אַזאַ דערשלאָגענער, אַז איך האָב בעקומען פּחד, ער זאָל, חלילה, ניט שלאָף ווערען און גאָט זאָל איהם, חלילה, ניט צונעהמען ביי מיר. ער איז געקומען, משה'לע, אַ היים, זיך אַוועקגעזעצט אין ווינקעל, ניט געוואָלט עסען, געקוקט צו דער ערד און געזאָגט, אַז עס טהוט איהם זעהר וועה דער קאָפּ, אַז ער האָט זיך שטאַרק פערמאַטערט אין חדר, אַז דער מלמד איז אַזאַ בייזער און אַז ער וויל שוין ניט לעבען. אַי, אַי! אַזאַ קינד זאָל שוין ניט ווילען לעבען! דאָס איז דאָך שרעקליך, און דאָס איז אַזאַ גרויסער חטא פאַר'ן רבונו=של=עולם! ווען ער האָט דאָס אַרויסגערעדט, האָב איך זיך אָנגעכאַפּט פאַר'ן קאָפּ און די מוטער זיינע האָט זיך אויך אָנגעכאַפּט פאַר'ן קאָפּ, און זיינע שוועסטער האָבען אָנגעהויבען ווייגען, וואָס משה וויל ניט לעבען און וואָס מיר זיצען און האַלטען זיך פאַר די קעפּ און שאָקלען זיך אַ הין און אַ הער פאַר גרויס עגמת=נפש. פּלוצלינג האָט אָט דער זייגער אָנגעהויבען קו=קע'ן. געווען איז דעמאָלט צעהן אַ זייגער, האָט ער געקו=קע'ט לאַנג, גאַנצע צעהן מאָל. נאָכ'ן ערשטען מאָל האָט משה אויפגעהויבען דעם קאָפּ מיט פערוואונדערונג, נאָכ'ן צווייטען מאָל האָט ער שוין געקוקט ניט אויף דער ערד, נאָר אויפ'ן זייגער, נאָכ'ן דריטען מאָל האָבען זיינע אויגען פּלוצלינג אָנגעהוי=

בען לײכטען און ער האָט אױסגעשריען: „אַי, אַי! טאַטע, װאָס איז דאָס? װאו האָסטו דאָס גענומען?" און ער האָט אָנגעהױבען לאַכען פּונקט אַזױ, װי אַ מענש, װאָס מ'האָט איהם לאַנג געהאַלטען אין דער פינסטער, װען ער דערזעהט די זון. איך בין זעהר געװען קאָנטעט, װאָס ער לאַכט, בין איך אַרױפגעשפּרונגען אױפ'ן בײנקעל און אַ קװעטש געטאָהן די ספּרו־זשינע, װאָס דער פּרײז װײסט, און אַז איך האָב אַ קװעטש געטאָהן די ספּרוזשינע, איז אַרױסגעשפּרונגען פון דעם זײגער דער פױגעל און האָט אָנגעהױבען מאַכען מיט די פליגעל און נאָך העבער קו־קע'ן. נו, װען מײן משה האָט דערזעהען דעם פױגעל, איז ער גאָר אינגאַנצען אַרױס־געקראָכען פונ'ם װינקעל, אָנגעכאַפּט די עלטערע שװעסטער מיט בײדע הענדטלעך און גענומען טאַנצען פאַר'ן זײגער, און אַז ער מיט דער שװע־סטער האָבען אָנגעהױבען טאַנצען, האָבען די צװײ יונגערע, אַזױנע קלײ־נינקע, אַז מען האָט זײ קױם געזעהן פון דער ערד, זיך אױך אָנגענומען פאַר די הענדטלעך און געגאַנגען טאַנצען. און זײ האָבען ניט נאָר גע־טאַנצט, זײ האָבען געלאַכט איבער דער גאַנצער שטוב פאַר גרױס שמחה, װאָס זײ האָבען דערזעהן אַזאַ שעהנעם פײגעל, און אַז זײ האָבען געלאַכט, האָט די מאַמע זײערע, װאָס האָט געקאָכט װאַרמעס בײ'ם אױװען, אױך אָנגעהױבען לאַכען. איך בין געשטאַנען אױפ'ן בײנקעל און געקוקט, װי זײ טאַנצען און לאַכען. דער פױגעל האָט געקו־קע'ט און איך האָב אין דער מחשבה געדאַנקט זײן ליבען נאָמען דערפאַר, װאָס משה װיל שױן װײדער לעבען און װאָס דער גרױסער טרױער אין מײן הױז איז פערבײ־טען געװאָרען אױף אַזאַ גרױסע פרײד.

מסתמא איז דאָס געװען אַ גרױסע פרײד, װאָרום נאָך איצט, אין פיערציג יאָהר אַרום, איז איהר אָבגלאַנץ געפאַלען אױף די געדיכטע קנײטשען פון זײן פּנים, און איהר אָבקלאַנג האָט זיך געלאָזט הערען אין דעם שטילען געלעכטער, אַ פרעהליכער, מיט גלאַנצענדיגע אױגען און אױסגעשפּרײטע הענד, האָט ער װײטער דערצעהלט:

— נו, האָב איך דעמאָלט געקענט פערקױפען דעם זײגער, אַז גאָט האָט מיר דורך איהם בעװיזען אַזאַ חסד? אַ ביסעל האָב איך איהם טאַקי מורא געהאַט צו פערקױפען, כּדי איך זאָל, חלילה, ניט פעריאָגען פון מײן הױז דאָס גליק, אַ ביסעל האָב איך רחמנות געהאַט אױף די קינדער, װאָרום דער פײגעל, װאָס האָט געזונגען אינ'ם זײגער, איז פאַר זײ געװען אַזאַ גרױסע פרײד און פערגעניגען, אַז װען ער פלעגט אָנהױ־

בען קו=קע'ן, פלעגען זיי באַלד געהען טאַנצען... קונים אויפ'ן זייגער איז דוקא יאָ געווען, נאָר איך האָב מיר אַלעמאָל געטראַכט: זאָל זיין שפּעטער! זאָל ער נאָך ביי אונז אַביסעל בלייבען! אַזוי לאַנג, ביז גאָט האָט אויף מיר אָנגעשיקט אַ קראַנקהייט...

ער האָט טיעף אָבגעזיפצט, אויפגעהויבען די אויגען צו דער סטעליע און ווייטער גערעדט:

— ווען גאָט האָט אויף מיר אָנגעשיקט די קראַנקהייט, האָב איך אפשר אַ גאַנץ חודש ניט געקענט שלאָפען. האָט דער פּריץ אַמאָל זיך פאַרגעשטעלט, וואָס הייסט ליגען מיט אַ קראַנקען גוף און מיט אַ סך שוואַרצע געדאַנקען אין קאָפּ און אַ גאַנצע נאַכט ניט קענען צומאַכען אַנ'=אויג? איך האָב כּסדר געקוקט אין דער פינסטער און געזעהען אַזוינע זאַכען, וואָס ס'זאָל זיי ניט זעהען קיין מענש אויף דער וועלט. איך האָב געזעהען מיין טויט און מיינע קינדער, וואָס זענען געבליבען יתומים, און מיינע חטאים, וואָס איך האָב זיך פערזינדיגט פאַר זיין ליבען נאָמען, און די גרויסע שטראָף, וואָס איך וועל פאַר זיי בעקומען אויף יענער וועלט... און ווען איך בין אַזוי געלעגען און געקוקט אויף די אַלע זאַ=כען מיט אָפענע אויגען און דער זייגער פלעגט אָנהויבען קו=קע'ן, פלע=גען די בילדער, וואָס האָבען געשוועבט אין דער פינסטער, פערביטען ווערען אויף אַנדערע, פרעהליכערע. טרעפט, וואָס איך האָב געזעהען אין דער פינסטער, ווען דער פויגעל פלעגט קו=קע'ן? איך האָב געזעהען סטרומעניץ און מיך אַליין, ווי איך שטעה נעבען פאַרקען פונ'ם הויף און קוק אויף דעם וואַלד, וואָס וואַקסט דאָרט הינטער דעם הויף... אַי, ס'אַראַ שענער זומער! דער אָגראָד, וואו אינמיטען שטעהט דער ווייסער פּאַלאַץ — אַזאַ גרינער אָגראָד און אַזוינע שעהנע ריחות קומען פון דאָרטען צו פליהען... איבער'ן פּאַלאַץ, אויף אַ הויכען בוים, שטעהט זיך אַזאַ מין הויכער פויגעל מיט אַ לאַנגען שנאָבעל, ער שטעהט אין אַזאַ מין גרויסען נעסט און האָדעוועט די קינדער זיינע מיט זשאַבעס, וואָס ער האָט זיי געבראַכט פון דער לאָנקע... און אין דעם וואַלד, וואָס איך קוק אויף איהם, אין דעם פרישען, גרינעם וואַלד, קו=קע'ט אַנ'אַנדער פויגעל... ער קו=קע'ט פונקט אַזוי, ווי דער זייגער... האָב איך געקוקט אויף די בילדער, געלאַכט, ווי אַ קינד, ווען מען ווייזט איהם אַ צאַצקע, און געדאַנקט גאָט, וואָס ער האָט מיר געגעבען אַזאַ חפץ, וועלכער מאָלט מיר אין דער פינסטער אַזוינע ליכטיגע בילדער...

ער איז אַנטשוויגען געוואָרען און געזעסען אַ שטיק צייט מיט אַנ׳אָראָבגעלאָזענעם קאָפּ און מיט די הענד אויף די קניה.

דער גראַף האָט אויך געשוויגען, אַנ׳ערנסטער און אַ פערטראַכטער, מיט דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויף דער האַנד, איבער זייערע ביידענס אָנגעבויגענע גראָהע קעפּ האָט זיך געגאָסען דאָס גערויש פון דער צייט, אָהן אַנ׳אויפהער, אָהן אַ רוה: „טאַק—טאַק״, „טיק—טאַק—טאַק״, „טיק—טאַק—טאַק״.

און אַ ווײַלע אַרום איז פון דעם גערויש ווידער אַרויסגעשוואומען דעם יודענס קול — אַ שטילס, כמעט אַ פליסטערדיגס:

— איך וואָלט אַ וואָך כסדר געקענט דערצעהלען אַלערליי זאַכען וועגען דעם זייגער און ס׳וואָלט אַלץ ניט געווען גענוג. נאָר איין זאַך מוז איך אייך נאָך דערצעהלען. זאָל דער גנעדיגער פּריץ נאָך האָבען געדולד אויסצוהערען די איינע מעשה.

ער האָט דערצעהלט, אַז ווען זיין ליעבסטע טאָכטער מלכה איז אַרויסגעפאָהרען קיין אמעריקע, איז ער זי ניט געגאַנגען בעגלייטען אויפ׳ן וואָקזאַל, וואָרום ער האָט געפיהלט, אַז ער וועט זיך ניט קענען איינהאַלטען פון געוויין, און ער האָט ניט געוואָלט, אַז מענשען זאָלען דאַרפען רחמנות האָבען אויף זיינע אַלטע אויגען, וואָס זיי מוזען נאָך אַזוי וויינען. האָט ער זיך געזעגענט מיט דער טאָכטער און מיט איהרע קינדער אָט אָ דאָ אין שטוב, און ווען זיי זענען אַוועקגעגאַנגען, האָט ער זיך אַנידערגעזעצט אָן דאָרט אין ווינקעלע אויף דער ערד און זיך געהאַלטען מיט ביידע הענד פאַר׳ן קאָפּ און געשאָקעלט זיך און געוויינט און געקלאָגט זיך פאַר׳ן רבונו של עולם, פאַר וואָס קומט דאָס איהם אַזאַ גרויסער אומגליק. נאָר פּלוצלינג האָט ער זיך בעקלעהרט, אַז מען קען דערהערען פון דער ווייטענס דעם לאַנגען שאַרפען פייף פון דער באַהן, ווען דער צוג געהט אַוועק, און ס׳האָט זיך איהם שטאַרק פערוועלט הערען דעם פייף. „זאָל איך איהם הערען — האָט ער געטראַכט — זאָל איך וויסען, ווען וועט מיין מלכה און איהרע קינדער אָבפאָהרען פון דאַנען, ווען וועלען זיי אָבשטאַרבען פאַר מיר...״ ער האָט געוואוסט, ווען עס לאָזט זיך געוועהנליך הערען דער פייף, געוואוסט גענוי די שעה און די מינוט, איז ער געזעסען אויף דער ערד, דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויף די הענד, און געקוקט אויף אָט דעם זייגער מיט דעם פויגעל.

געקוקט און געטראַכט: נאָך אַ פיערטעל שעה, נאָך צעהן מינוט, נאָך פינף, נאָך דריי... פלוצלינג האָט זיך געלאָזט הערען אַ פייף, אַזאַ לאַנגער און אַ שאַרפער, אַז ער האָט איהם דורכגעשטאָכען דאָס האַרץ, שוין ניטאָ דאָ מלכּה, שוין אויפגעהערט זיין דאָ, שוין געשטאָרבען, כאָטש זי לעבט נאָך...

— וועט דער פריץ גלויבען, איך געדענק נאָך איצט, אַז ס'איז דעמאָלט געוועזן דריי און צוואַנציג מינוט אויף עלף...

דער גראַף איז אויפגעשטאַנען אַ פערטיעפטער אין געדאַנקען.

— ליעבער בערעק — האָט ער געזאָגט — איך פערשטעה זעהר גוט, פאַר וואָס דו ווילסט ניט פערקויפען דעם זייגער. דו לייענסט אויף איהם, ווי איך אויף מיינעם — די פערגאַנגענהייט.

דער יוד האָט אַ שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ שטאַרק צופריעדען.

— דער גנעדיגער פריץ איז גערעכט, דער גנעדיגער פריץ לייענט אויף זיין זייגער, ווי איך אויף מיינעם, די פערגאַנגענהייט, דאָס האָט יעדערער.

זיי זענען געשטאַנען איינער געגען אַנדערען, שוין גרייט זיך צו שיידען, נאָר זיי האָבען זיך אַלץ ניט געשיידט: זיי האָבען געפיהלט דעם אונזיכטבּאַרען שמיעד, וואָס האָט גאָר אומגעריכט געשמידט די רינגען פון אַ קייט צווישען זיי ביידען, און אַרום זייערע איינגעבויגענע שוואַכע פיגורען איז די צייט-כוואַליע געשוואומען מיט אַ אונענדליכען קלאַפּענ-דיגען גערויש: „טאַק—טאַק", „טיק—טאַק—טאַק", „טיק—טאַק—טאָק", „טיק—טאַק—טאַק".

דער גראַף האָט זיך ווידער אַוועקגעזעצט און האָט זיך אפילו אָנגעשפּאַרט אויפ'ן רוקען פונ'ם פאָטעל, ווי אַ מענש, וואָס גרייט זיך צו אַ לאַנגען שמועס, און פון דעם גערויש, וואָס האָט אָנגעפילט דאָס צימער, האָט זיך אויסגעטהיילט אַ ריינע קלינגענדיגע באַס-שטים און האָט אָנגעהויבען קלינגען: איינס, צוויי. דריי, נאָכ'ן דריטען קלונג האָט אונטערגעכאַפּט אַ דינינקע פיעדעל-שטים, ווי דאָס קול פון אַ יונגעלע, וואָס באַמקעט-אונטער אַ דערוואַקסענעם מענשען, און האָט אויסגעשריען: איינס, צוויי! און ביי'ם דריטען קלונג האָבען אונטערגעכאַפּט עטליכע אַנדערע שטימען, צו וועלכע ס'איז צוגעקומען נאָך אַנדערע, ביז ס'איז געוואָרען אַ כאָר, וואָס האָט אויסגעקלונגען אין טאַקט עטליכע מאָל,

נאָכדעם איז פון דעם כאָר געבליעבען פריהער דריי, נאָכדעם צוויי שטימען. ס'האָט געשלאָגען עלף.

ס'איז אַוועק עטליכע חדשים. דער פריהלינג איז געקומען, אַ יונגער, אַ שעהנער, אַ ליכטיגער. דער אַלטער בערעק איז אַרויסגע־גאַנגען פון זיין שטיבעל, וואו די זיינערם האָבען גערוישט אָהן אַנ'אויפ־הער. ער איז געשטאַנען פאַר דער טהיר, אויף די צוויי טרעפּלעך, וואָס האָבען געפיהרט צום טראָטואַר, ס'האָט איהם בעגאָסען דאָס ליכט פון דער זון, און ערשט דאָ האָט מען געקענט זעהן דייטליך, ווי שוואַך און אויסגעמאָגערט עס איז זיין איינגעבויגענער קערפּער אין דער לאַנגער אויסגעריבענער קאַפּאָטע און מיט דעם צונויפגעפּלעטשטען היטעל אויפ'ן קאָפּ. אונטער דעם אויסגעקרומטען דאַשעק פונ'ם היטעל האָט מען אויך געקענט זעהען דייטליך זיין קיילעכדיגען פערוועלקטען פּנים מיט די רויטע פלעקען אויף די קנייטשיגע באַקען, מיט די ביינערנע ברילען, וואָס האָבען געלעגט שווארצע ליניעס איבער זיין שטערען און זיינע שלייפען, ביז די גראָהע האָר הינטער זיינע אויערען. די גראָהע באָרד האָט גע־גלאַנצט, ווי אַ זשמוט זילבערנע פּאָדים.

ער איז געשטאַנען אינ'ם זונען־שיין און אין דער וואַרימקייט, אַ צופריעדענער, אַ פרעהליכער, און געקוקט דורך די גרויסע גלעזער פון די ברילען אויף דער שמאָלער גאַס, וואָס איז געווען פול מיט ליכט און פערציהרט אויבען מיט אַ פּאַס בלאָהען הימעל. ס'איז געווען אַרום האַלבען טאָג, אין די גאַסען איז געווען לעבעדיג. פון די נאָהענטע גרע־סערע גאַסען האָט זיך געלאָזט הערען דאָס געוועהנליכע גאַסען־גערויש און דער טומעל, נאָר פּלוצלינג האָט דער ייד דערהערט פון דאָרטען עפּיס אונגעוועהנליכע קלאַנגען. דאָס האָבען באַס־שטימען געזונגען, אַמאָל נידעריגער, אַמאָל העכער, אַמאָל זענען זיי אינגאַנצען געוואָרען שטיל און ווידער אָנגעהייבען שווימען איבער דעם גאַסען־טומעל מיט זייערע אַנגענעהמע טענער.

בערעק האָט זיך אַ ווילע אײַנגעהערט, נאָכדעם האָט ער אַ שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ, ווי איינער רעדט: איך פערשטעה שוין, וואָס דאָס געזאַנג בעדייט. אַ לויה איז געווען ניט ווייט און איז געקומען אַלעמאָל נעהענטער. אויף דער שמאָלער גאַס איז געוואָרען אַ לויפעניש פון מענשען, וואָס האָבען געוואָלט אַ קוק טהאָן אויף דער לויה, איבער די

טראַטואַרען האָבען אָנגעהויבען הילכען שנעלע טריט, מענשען האָבען גערעדט מיט הויכע שטימען.

בערעק איז רוהיג געשטאַנען אויף די צוויי טרעפּלעך, וואָס האָבען געפיהרט צום טראָטואַר, און האָט געקוקט אַהין, פון וואַנען ס'האָט זיך געלאָזט הערען דאָס אַנגענעהמע געזאַנג. פון איהם ביז דעם עק גאַס, וואו עס פלעגען געוועהנטליך דורכגעהן די לויות, איז געווען ניט מעהר, ווי אַ פּאָר הונדערט טריט.

באַלד האָט זיך בעוויעזען די לויה. פון הינטער די הויכע שטיינערנע ווענד האָבען זיך אַרויסגערוקט עטליכע פיגורען אין ווייסען, אַ שוואַרצער צלם האָט זיך דערהויבען אין דער גאָלדענער לופט, די פאָהנען האָבען געפלאַטערט מיט זייערע רויטע און בלאָהע פאַרבען, די אָנגעצונדענע ליכט האָבען אַ בלאַסק געטהאָן מיט אַ רייה געלבע, טויטע, אומעטיגע פלעמלעך. דאָס טרויעריגע געזאַנג האָט אָנגעהויבען קלינגען העכער און האָט זיך אויסגעמישט מיט דעם לאַנגזאַמען, דומפּען רוישען פון די רעדער. שוואַרצע טרויער־שלייערס האָבען זיך בעוויזען. אויף דעם קבורה־וואָגען, וואָס איז געווען איינגעשפּאַנט מיט זעקס פערד און אַרומגערינגעלט מיט מענשען אין טרויער־קליידער, איז געלעגען אַ אָרון מיט אַ זילבערנעם דעק־טוך.

ביסלעכווייז האָט דאָס געזאַנג זיך אָנגעהויבען דערווייטערען — און פאַר די אויגען זענען ווידער פאַרביי־געשוואומען פאָהנען, ליכט און הינטער דעם גרויסאַרטיגען קבורה־וואָגען אַ לאַנגע רייה מענשען, וואָס זענען געגאַנגען פּאָר־ווייז, לאַנגזאַם, אין פּראָסטע, אָבער שעהנע טרויער־קליידער. איבער די שטיינער פון דעם ברוק האָבען זיך נאָכגעשלעפּט די שווערע שלעפּען פון די פרויען, שוואַרצע שלייערס האָבען זיך אַראָבגעלאָזט פון די קעפּ אַזש ביז צו דער ערד, אויף די גלאַנצענדיגע קאַפּעלושען פון די מענער זענען געווען איבערגעצויגען שוואַרצע גאַרטעלעך, און אין די הענד מיט די שוואַרצע הענדשקעס האָבען געבלישטשעט סדורים, איינגעבונדענע אין העלפאַנד־ביין און גאָלד. אַ לאַנגע רייה פאָרען האָט זיך געצויגען צווישען די צוויי שורות ברענענדיגע ליכט און די צוויי גרויסע מהנות צושויער, וואָס זענען געשטאַנען אויף די טראָטואַרען און אויף די עקען פון די גאַסען.

דאָס איז געווען איינע פון די גרויסאַרטיגסטע און רייכסטע לויות, וועלכע מ'האָט ווען ניט איז געזעהען אין דער שטאָדט.

בערעק האָט רוהיג געקוקט דורך די גרויסע גלעזער פון די ברײ־לען אין דער לענג פון דער שמאָלער גאַס אויף דער לויה, וואָס האָט זיך געצויגען פון דער ווייטענס, און האָט נאָר צייטענווייז געשאָקעלט מיט דעם קאָפּ. פּלוצלינג האָט ער געכאַפּט עפּיס אַ פּאָר ווערטער, וואָס מען האָט אַרויסגערעדט צווישען עולם אין גאַס — און ער האָט אַ ציטער געטאָן און גענומען פרעגען, אַליין ניט וויסענדיג וועמען.

— וואָס? וואָס? ווער? אַ גראַף! וועלכער גראַף? וואָס איז דאָס? ווער איז געשטאָרבען? וועמעס לויה איז דאָס?

מיט אָט די פראַגען אויף די בלאַסע ליפּען איז ער אַראָב אויפ'ן טראָטואַר און פערצאַמט איינעם פון די פאַרבייגעהער דעם וועג.

— נו, וואָס ווילסטו? לאָז מיך געהן, יוד! וועמעס לויה דאָס איז? דעם גראַפס קסאַווערים פון סטרומעניץ! וואָס זשע נאָך? וואָס האָלסטו מיך נאָך אָלץ פאַר דער פּאָלע? וועלכען גראַף'ם דעם פּאָטער'ס... דעם פאָטערס... דעם אַלטען גראַף'ם פון סטרומעניץ... נו, לאָז מיך, וואָרום כ'האָב קיין צייט ניט.

ער האָט אַרויסגעלאָזט דעם פאַרבייגעהער, און פאַררייסענדיג אַרויף דעם קאָפּ, האָט ער געקוקט צום בלאָהען הימעל און גערעדט, כמעט געשריגען:

— ער איז געשטאָרבען? פּאַן קסאַווערי איז געשטאָרבען? ער איז געווען געזונד און שטאַרק, ווען ער איז ביי מיר געווען! ער איז אַמאָל געווען אַזאַ יונגער און אַזאַ שעהנער און אַזאַ פרעהליכער, און איצט איז ער געשטאָרבען? ווי קען דאָס זיין, ער זאָל שטאַרבען?

די פאַרבייגעהער, וואָס זענען געלאָפען זעהן די לויה, האָבען איהם אַלעמאָל געשטויסען און מיט פערוואונדערונג זיך אומגעקוקט אויף דעם אַלטען, וואָס האָט געקוקט אין הימעל אריין דורך די גרויסע ברײ־לען, געשאָקעלט מיט דער זילבערנער באָרד און געקלאָגט זיך עפּיס אויף אַ קול, שטעלענדיג איין פראַגע נאָך דער צווייטער. ער האָט כסדר געפרעגט, ניט וויסענדיג וואָס און ניט וויסענדיג וועמען. עמיצער האָט איהם איילענדיג אָבגעשטופּט אַזש ביז צו דער וואַנד פון דעם הויז.

עטליכע יודישע בחורים׳לעך האָבען, לויפענדיג, אויסגעשריען: זעה! זעה! אַ משוגע׳נער! דאָס אַלעס האָט אָבער לאַנג ניט געדויערט, דער אַלטער יוד האָט גענומען לויפען מיט אַלע זיינע כחות, אַקוראַט ווי ס׳האָט איהם געטריבען אַ געוואַלטיגע קראַפט; ער איז געלאָפען אַהין, וואו די לויה האָט זיך געצויגען. האַלטענדיג מיט די הענד די לאַנגע קאַפּאָטע, כדי זי זאָל זיך איהם ניט פּלאָנטערן צווישען די פיס, איז ער געלאָפען פון איין טראָטואַר אויף׳ן אַנדערן, פון איין גאַס אין דער צווייטער. געלאָפען איז ער אַנ׳איינגעהויקערטער, אויסגעצויגען דעם אָרערדיגען האַלז און אַרויסגעשטעקט די זילבער־ווייסע באָרד. ער האָט זיך שרעקליך געאיילט. ער האָט שוין געטראַכט נאָר וועגען איין זאַך — דעריאָגען די לויה; ער האָט ניט געווינשט גאָר ניט, נאָר דעריאָגען זי וואָס גיכער.

די לויה האָט זיך געצויגען לאַנגזאַם, דעריאָגען זי איז ניט געווען שווער. בערעק האָט באַלד אָנגעיאָגט די הינטערשטע רייהען, נאָר דאָס האָט איהם ניט בערוהיגט. ער איז געלאָפען ווייטער, געשטופּט זיך צווישען עולם, דאָרט וואו ער איז געווען זעהר געדיכט, גערוקט זיך ווייטער, אָפטמאָל געמאַכט זיך אַ וועג מיט די קולאַקעס, ביז ער האָט דעריאָגט די פּריצים מיט די פּריצה׳ס, וואָס זענען געגאַנגען פּאָר־ווייז הינטער דער טרונע.

דעם טויטענ׳ס קרובים, נאָהענטע און ווייטע, די בעקאַנטע פון דער פאַמיליע, די נאָהענטסטע פריינד, אַלטע און יונגע, הויכע און נידעריגע, שעהנע און מיאוס׳ע, אָבער אַלע אָנגעטאָן אין שעהנע קליידער, אין טרויער־קליידער, אַביסעל שטייף און איינגעהאַלטען. שוואַרצע פרויען־קליידער שלעפּען זיך אויף די שטיינער פונ׳ם ברוק; שוואַרצע שלייערס פאַלען פון די קעפּ ביז דער ערד, שוואַרצע גאַרטעלעך זענען איבערגעצויגען אויף די גלאַנצענדיגע קאַפּעלושען פון די מענער; סידורים בלישטשען מיט גאָלד אין די פרום צונויפגעלעגטע, מיט שוואַרצע הענדשקעס אַרומגעצויגענע הענד. הינטער זיי דאָס גערויש פון אַ אונענדליכער רייה קאַרעטען און דאָס טופען פון אַ גראָהער מאַסע פּראָסטע מענשען, וועלכע מען לאָזט ניט צו נאָהענט.

פון ביידע זייטען, נעבען דעם וואָגען, וואָס איז געווען אַרומגעצויגען מיט שוואַרצען, און נעבען די פאָרלעך, וואָס זענען געווען אָנגעטאָהן אין טרויער־קליידער, האָבען זיך געצויגען ווי צוויי פּאַסען די

טראָטואַרען, בעגאָסען מיט דעם ליכט פון דער זון. בערעק האָט אָנגעהויבען געהן לאַנגזאַמער, שפּאַנענדיג איבער איינעם פון די פּאַסען, נעבען דער רייהע פריצים און פריצה'ס. זיי זענען געגאַנגען גלייך און ווירדע=פול; ער האָט געטופּעט מיט די פיס און אָפּטמאָל זיך פערטשעפּעט אָן אַ שטיין. נעבען זייערע שוואַרצע קליידער האָט זיין אויסגעריבענע קאַפּאָטע אויסגעזעהן ווי אַ שמאַטע, וואָס מען האָט אַריינגעוואָרפען אין רינשטאָק. אויף דעם צעקנייטשטען היטעל איז ביי איהם קיין שוואַרץ גאַרטעלע ניט געווען, און אונטער דעם דאַשעק האָט מען געקענט זעהן די שוואַרצע ליניען פון די ברילען, וואָס האָבען זיך געצויגען איבער זיין צעקנייטשטען שטערען און איבער די בלאַסע שלייפען. עס האָט אויסגעזעהן אַזוי אַקוראַט ווי די גראָהע מאַסע, וועלכע מ'האָט ניט צוגעלאָזט נאָהענט, האָט אַרויסגעשפּריצט, פון זיך אַ טראָפּען — און דער טראָפּען איז געווען דער אַלטער בערעק, וואָס איז געגאַנגען נעבען דעם ארון מיט דעם זילבערנעם דעק=טוך, מיט דעם שוואַרצען טהייערען געוואַנד אויף דעם קבורה=וואָגען.

ער איז אָבער געגאַנגען. אפשר האָט מען זיך טאַקי אומגעקוקט אויף איהם און זיך גע'חדוש'ט, פון וואַנען איז ער געקומען און וואָס וויל ער, נאָר ער איז געגאַנגען, פאָרענט, פאַר דער לויה, האָבען זיך געהויבען אין דער קלאָרער לופט די שוואַרצע ליניען פון דעם צלם און ס'האָט זיך געהערט דאָס האַרמאָנישע געזאַנג פון דעם כאָר; ער איז אָבער געגאַנגען. ער האָט אַליין אָנגעהויבען טראַכטען:

— וואָס טהו איך דאָ? וואָס בין איך געלאָפען, ווי אַ מטורף? וואָס גייה איך?

ער איז אָבער געגאַנגען. כל זמן ער איז געלאָפען און איבערגעיאָגט דעם עולם, האָט ער ניט געטראַכט גאָר ניט, געטריבען פון עפּיס אַ געפיהל, פון אַ אינסטינקטיווער קראַפט, וועלכע ער וואָלט ניט געקענט אָנרופען ביים נאָמען, נאָר וועלכע איז געווען שטאַרקער פון איהם. איצט האָט ער זיך אָנגעהויבען וואונדערן איבער זיך אַליין און איבער יענעם, דעם גראַף, נאָך וועמעס קבורה=וואָגען ער איז איצט נאָכגעגאַנגען צוזאַמען מיט זיינע נאָהענטע און זיינע פריינד.

— נו, וואָס איז ער דעמאָלט ביי מיר געזעסען עטליכע שעה, כמעט ביז אינדערפריה? וואָס האָט ער מיט מיר גערעדט, ווי מיט אַ

ברודער? וואָס בין איך געלאָפּען נאָך דעם וואָגען, ווען איך בין גע־וואָהר געוואָרען, אַז דאָס ליעגט ער אויבען? וואָס געה איך איהם איצט נאָך?

אַזוי האָט ער געטראַכט, געוואונדערט זיך אַליין און איבער דעם טויטען, נאָר ער איז געגאַנגען.

הינטער דער שטאָדט איז געוואָרען ברייט, העל, ריין און פריש. פון ביידע זייטען זענען געלעגען די פעלדער אין זייערע גרינע קליידער, די יונגע בעריאָזעס האָבען געגלאַנצט מיט זייער ווייסער קאָרע און גע־רוישט מיט די בוואַליעס פון יונגע בלעטלעך; לייכטע ווינטען זענען אַרומגעפלויגען אין דער גאָלדענער לופט און געטראָגען אויף זייערע פליי־געל דעם דופט פון די פעלדער. דער טייך האָט גאָר נאָהענט אַ גלאַנץ געטאָהן מיט אַזאַ טיעפער בלאָהקייט, אַז ער האָט אויסגעזעהן פון אוי־בען ווי אַ שטיק בלאָהער הימעל, וואָס איז אַראָבגעפאַלען אויף דער ערד.

בערעק איז שוין לאַנג ניט געווען הינטער דער שטאָדט, איצט האָט אויף איהם אַ ציה געטאָהן די לופט פון סטרומעניץ. דער ווינד, די בעריאָזעס, דער זונען־גלאַנץ אין דער לופט, אַלצדינג האָט איהם גע־שעפּטשעט אין ביידע אויערען: סטרומעניץ! סטרומעניץ! ער שטעהט ביי'ם פאַרקען פונ'ם הויף, קוקט אויף אַזוינע בעריאָזעס, ווי די, אויף אַזאַ שטיקעל בלאָהע וואַסער, ווי די, און הערט דאָס געזאַנג פון אַ פויגעלע אין וואַלד...

ער האָט אויפגעהויבען די אויגען אויף דער טרונע מיט דעם זיל־בערנעם דעק־טוך.

— דאָרט איז געווען אי דיין אָנהויב, אי מיינער...

דורך דעם ברייט געעפענטען טויער איז דער עולם אַריין אויף דעם בית־עולם און זיך צעשפּרייט צווישען די קברים, וועלכע זענען געווען בעדעקט מיט פיילכען, און זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען צווישען דעם וואַלד מצבות און צלמים. בערעק, אַ אויפגערעגטער, אַ דערשראָקענער, איז געבליבען שטעהן; דער עולם איז דורכגעגאַנגען פאַרביי איהם און ער איז געבליבען אַליין. דער בית עולם איז געווען פול מיט בוימער; דער אַלטער יוד איז אַרומגעגאַנגען צווישען די בעריאָזעס מיט אַנ'אָנגעבויגע־נעם קאָפּ, מיט אַראָבגעלאָזענע הענד און פאַנאַנדערגעשפּרייטע פינגער, געבלאָנקעט זיך אַ ווײַלע, געקלערט, געברומט פאַר זיך:

— נו, וואָס בין איך אַהער געקומען? וואָס טהו איך דאָ? פון וואַנען האָב איך זיך אַהער גענומען?

ער איז פונדעסטוועגען ניט געגאַנגען אַ היים, ער האָט געפיהלט, אַז צווישען איהם און דעם ארון, וואָס מען לאָזט איצט אַראָב אין דער ערד, שמיעדט עמיצער די ריננען פון אַ גרויסער קייט.

אויפן אַנדערן עק פונ׳ם בית=עולם איז געשטאַנען אַ פערשיעדענ=אַרטיגער עולם, ס׳האָט זיך געלאָזט הערען האַרמאָניש געזאַנג, ס׳האָט געבלישטשעט אַ צלם אויף אַ הויכער מצבה. דער יוד האָט אַרומגעוואַנ=דערט צווישען די בעריאָזעס מיט אַנ׳אַראָבגעלאָזענעם קאָפּ און גערעדט מיט זיך אַליין... דער טויער פון דעם בית=עולם איז נאָך אַלץ געווען אָפען, נאָר ער איז ניט געגאַנגען אַ היים; ער האָט זיך אפילו אַנידער=געזעצט צווישען די בעריאָזעס...

אונטער די בעריאָזעס, וואָס האָבען געוויינט מיט שטראָמען קליינע בלעטלעך, צווישען די ווייסע שטאַמען איבער אַ קבר מיט אַ סך פּיילכען, איז געזעסען דער יוד אין זיינע אָבגעריבענע קליידער, אין דעם צעפּלעטש=טען היטעל, אין די גרויסע ביינערנע ברילען, מיט דעם זילבער=ווייַ=סען זשמוט האָר אויף דער ברוסט.

דער בית עולם איז געלעגען אויף דער זייט פון אַ באַרג, וואָס, האָט זיך אַראָבגעלאָזט צום טייך. פון יענער זייט טייך האָבען זיך אַרויס=געזעהן גרינע פעלער און געלע זאַמדען.

דער יוד האָט אויסגעצויגען דעם האַלז און געקוקט אויף די זאַמדען

— וואָס איז דאָס? — האָט ער געברומט — וואָס הייסט דאָס? זאָל דאָס זיין ער? איך האָב ניט געוואוסט, אַז מען קען איהם פון דאַ=נען זעהן!

צווישען די געלע זאַמדען האָט זיך אַרויסגעזעהן אַיין אָרט, וואָס איז געווען אַרומגערינגעלט מיט אַ נידריגען מויער און אָנגעפילט מיט שטעהענדיגע שטיינער. דאָרט איז ניט געווזען ניט קיין בוימער, ניט קיין מצבות; ניט געווזען גאַרנישט, נאָר רויטליכע שטיינער זענען גע=שטאַנען אַנטקעגען דער זון און אַרום און ארום איז געווען געלער זאַמד. אַ יודישער בית=עולם.

בערעק האָט אָנגעשפּאַרט דעם עלענבויגען אויף די קניה, דאָס פּנים אויף דער האַנד און געוויעגט זיך אַ הין און צוריק אין טאַקט פון

דעם שמיעד, וואָס האָט צווישען איהם און דעם פערשאָטענעם ארון גע־שמיעדט רינגען פין אַ קייט. ער האָט שטיל אַרויסגערעדט:

— דאָ איז אי דיין סוף, אי מיינער!

ער האָט אויפגעהערט ברומען, נאָר ער איז נאָך אַליין געזעסען אונטער די בערעזעס, אַ גראָהער צווישען גרינס; אַרום און אַרום האָבען פויגעלעך געזונגען; דער קבר איז געווען בעדעקט מיט פיילכען.

און ביידע קברים, איינעם מיט ביימער און צלמים, דעם אַנדערן מיט פּראָסטע שטיינער צווישען געלע זאַמדען, האָט איין הימעל צונויפ־געשמידט מיט אַ הויכער און ברייטער קייט.



# די אידישע ווערק פון עליזא ארזשעשרא.

## נאטיצען פון אלגין.

„גלויבט מיר, רבותי, קיין זאַך וואָלט איך אַזוי ניט געוואָלט אין מיין לעבען, ווי וויסען אין גאַנצען, פון אָנהויב ביז'ן סוף, די געשיכטע פון אַלע אָרימע, דערשלאָגענע, געפאַלענע, פון אַלע די, וואָס דאָס לעבען האָט זיי צוקנייטשט און צובראָכען, וואָס די צייט האָט זיי איינ־געהויקערט און פערמאַטערט".

אַזוי דערצעהלט וועגען זיך אַליין די אָקאָרשט געשטאָרבענע אידישע שריפטשטעלערין אָרזשעשקאָ אין איינער פון איהרע אידישע נאָוועלען.

יא, די „א י ד י ש ע" שריפטשטעלערין!... וואָרום כאָטש זי איז אַ פ ו י ל י ש ע פריצה געווען, האָט זי די א י ד י ש ע נויט און דעם אי־ד י ש ע ן טרויער מיט אַלע סטרונעס פון איהר ווייכען האַרץ געפיהלט און כאָטש זי האָט אויף פויליש פאַר פוילען געשריבען, האָבען זי די אידען פאַר אַ נ׳ א י י ג ע נ ע געהאַלטען און ביי איהר אָפענעם קבר מיט הייסע טרעהרען, ווי ביי דעם קבר פון אַ נאָהענטען, געוויינט.

מיר האָבען ליעב געהאַט אָרזשעשקאָ'ן, ווייל זי האָט ליעב געהאַט דאָס אידישע פאָלק, און זי האָט ליעב געהאַט דאָס אידישע פאָלק, ווייל זי האָט ליעב געהאַט אַלע אָרימע, דערשלאָגענע, פערפאָלגטע.

אין אַנ׳אויסלענדישער בילדער־גאַלעריע — דערצעהלט אָרזשעשקאָ — האָט זי איינמאָל דערזעהן אויסגעמאָלט אַ דאַרען פּנים מיט אַ קנייטשיגען שטערען, מיט אָבגעבליאַקעוועטע, פון טרעהרען רויט געוואָרענע, פון צער געעלטערטע אויגען, אין וועלכע די צייט האָט אַזוי לאַנג אַריינגע־קוקט, ביז זי האָט אויסגעזויגען זייער פאַרב און זייער גלאַנץ. „איך האָב פערגעסען — דערצעהלט זי — אַלע שעהנע פּייזאַזשען, אַלע פּרעכ־טיגע פּאָרטרעטען פון דאַמען אין סאַמעטענע קליידער, און בין לאַנג, זעהר לאַנג, געשטאַנען פאַר דעם אַלטען, צוקנייטשטען פּנים, אַריינ־געקוקט אין זיינע בלאַסע אויגען, געשמייכעלט צו זיינע אָרימע, פער־וועלקטע און איינגעשרומפּענע ליפּען און געפרעגט אין גדאַנק: ווי האָסטו אויסגעזעהן יונגערהייט? וואו האָסטו געוואָהנט? ווען האָסטו געליעבט? וועלכע ליידען, פריידען, קאַמפּף און אַרבייט האָבען דיך בע־גלייט אויף דיין לאַנגען וועג״? („דאַי קוויאַטעק״).

אין עלענדע שטעדטלעך, אונטער דעם בלאַסען הימעל פון ליטאָ האָט די דיכטערין דערזעהן אַ פאָלק מיט הונגעריגע אויגען, מיט טרויע־עריגע פּנים׳ער, מיט אַ שטעמפּעל פון שמערץ אויף דעם שטערען. זי האָט זיך אָפּגעשטעלט און געפרעגט מיט פערוואונדערונג: ווער ביזטו? וועמען ליעבסטו? וועלכע ליידען און פריידען, וועלכע פּיין און האָפנונגען האָבען דיך בעגלייט אויף דיין לאַנגען וועג?

וואָס זי האָט ערפאַהרען — האָט זי דערצעהלט דער וועלט אין איהרע אידישע ראָמאַנען און נאָוועלען.

עס איז די ליעבע, די פּשוט׳ע, נאַאיווע, ריהרענדע מענשליכע ליעבע, וועלכע ליעגט אויסגעשפּרייט, ווי אַ מילדער שיין, איבער אַלע איהרע ווערק, עס איז ווי אַ וואַרימע זונן, וועלכע בעלויכט די גריבער און בלאָטעס פון׳ם מענשליכען לעבען און מאַכט זיי אַביסעלע היימ־ליכער, אַ קאַפּעטשקעלע פריינדליכער, ליכטיגער, ניט אַזוי אומעטיג און דריקענד.

אָרזשעשקאָ איז אָפּטמאָל סענטימענטאַל. איהרע העלדען, ווען זיי זיינען אָרים, איז די אָרימקייט ביי זיי כּסדר דורכגעוועבט מיט עדעלע געפיהלען; ווען זיי זיינען דערשלאָגען, איז די דערשלאָגענהייט צו טיעף; ווען זיי דערוועקען רחמנות, איז דאָס רחמנות צו ווייענדיג; ווען זיי זיינען גוט, האָט די גוטסקייט גאָר ניט קיין שיעור; ווען זיי האָבען זיך

ליעב, איז אין דער ליעבע פֿאַראַן אַזוי פֿיעל זיסקייט, אַזוי פֿיעל ווייכ־קייט, אַזוי פֿיעל טרעהרען. אַז איהר טראַכט זיך ניט ווילענדיג: צו איז דאָס אמת, צו טהוט זיך טאַקע אַזוי אין לעבען?

אָבער איהר זייט דאָס איהר מוחל. וואָרום אַזוי פֿיעל מענש־ליכקייט איז פֿאַראַן אין איהר שרייבען, אַזוי נאָהענט איז איהר יעדער מענש, יעדער איינציגער מענש, פֿון די, וועלכע שטעהען אויבען, ביז די, וועלכע שטעהען גאָר, גאָר אונטען, אַזוי האַרציג קען זי איבערלעבען אַלצדינג, וואָס געפֿינט זיך אין יעדען מענשען׳ס נשמה. סוף כל סוף מוזט איהר זיך פֿרעגען: אפשר זעהען מיר ווייניגער ווי מען קען זעהען, אפשר איז אין יעדען מענשען פֿאַראַן אַזוינס, וואָס נאָר דורך ליעבע קען מען דאָס ענטפּלעקען?

פֿאַראַן ביי אָרזשעשקאָ אַ נאָוועלע „רינגען״. צוויי אַלטע מענשען בעגעגענען זיך צופֿעליג. איינער — אַנ׳אַלטער פּוילישער גראַף, אַ מאַג־נאַט, דער אַנדערער — אַ אידישער אַלטער זייגער־מייסטער; איינער — אַ געבילדעטער, אַ מענש וואָס איז אויסגעוועזען אַ וועלט און אין זיין לעבען אַ סך געטראַכט וועגען הויכע, וויכטיגע ענינים, דער אַנדערער — אַ פּשוט׳ער איד, אַ בעל־מלאָכה, וואָס האָט אַלע זיינע יאָהרען געהאָרעוועט און ניט אַרויסגעגאַנגען פֿון די פֿיער איילען פֿון זיין שטיבעל; איינער — אַ רייכער, אַ שטאָלצער, אַ בעפֿעהלער, דער אַנדערער — אַנ׳אָרימער, דערשלאָגענער, פֿערמאַטערטער, וואָס קען נאָר בויגען דעם רוקען און ריידען מיט הכנעה און מיט פּחד. וואָס קען זיין צווישען זיי פֿאַר אַ שייכות? האָבען זיי אָבער יונגערהייט אַמאָל געקענט איינער דעם אַנדערען און איצט זיינען זיי ביידע אַלט און האָבען ביידע הינטער זיך אַ לאַנגען וועג פֿול מיט פֿערשוואונדענע האָפֿנונגען און פֿערוועלקטע חלומות. און ביידע זיינען עלענד. און ביידע פֿיהלען: דער סוף פֿונ׳ם לעבען איז נאָהענט. האָט די דיכטערין אויסגעוועבט פֿון זייער בעגעגעניש אַ וואונ־דערבאַרע עלעגיע, אַ צערטליכע, ווייכע, האַרמאָנישע הערבסט־ליעד. עס פֿערשווינדט יעדער אונטערשיעד צווישען די צוויי זקנים, עס טרעט אָב אָן אַ זייט די געזעלשאַפֿטליכע אונגלייכהייט, עס פֿערגעסט זיך דער געגענזאַץ פֿון נאַציאָן און גלויבען, פֿון בילדונג און פֿערמעגען. עס בלייבט דער מענש, עס בלייבט דאָס איבּיגע אין דעם מענשען. און דאָ זיינען אַלע גלייך. און די אַלטע דערפֿיהלען זייער גלייכהייט און זיי וואונדערען זיך אַליין, וואָס עס ציהט זיי איינער צום צווייטען און זיי

פערשטעהען ניט, אַז דאָס איז די קרובה׳שאַפט, די גרויסע אַלגעמיין־מענשליכע קרובה׳שאַפט, וועלכע האָט זיי איצט צוזאַמענגעבונדען.

„— צו האָט דער פריץ שטענדיג געקענט שלאָפען בייגאַכט? — פרעגט דער איד שטילערהייט. — און אויב דער פריץ האָט ניט געקענט שלאָפען, צו האָט ער שטענדיג געהאַט פרעהליכע געדאַנקען?... און אויב דער פריץ איז געלעגען אין דער פינסטער מיט שווערע געדאַנקען אין מח, צו איז דער זייגער דעמאָלט ניט געגאַנגען צו־פאַמעליך?“.

און ווייטער פרעגט ער:

„— און אַז די שוואַרצע נעכט פלעגען זיך ציהען און ציהען, צו איז דער זייגער ניט געווען די איינציגע בעשעפעניש, וואָס האָט מיט׳ן פריץ גערעדט... און וואָס פלעגט ער ריידען? אַז די דאָזיגע שוואַרצקייט וועט אויך אַריבער...“

„— ווי אַלצדינג געהט איבער“ — פערענדיגט דער פריץ. אוןביידע קוקען זיך אום אויף די פערגאַנגענע יאָהרען, און ביידע דערזעהען פיעלע קברים פון פערשוואונדענעם גליק — און ביידע פיהלען זיך אַזוי נאָהענט, אַזוי צוגעבונדען איינער צום צווייטען...

דער מענש רעדט צו דעם מענשען...

אָט די מענשליכקייט איז דער גרונד־מאָטיוו פון אָרזשעשקאָ׳ס ווערק. אָט די מענשליכקייט האָט זי בעגלייט אין איהרע וואַנדערונגען איבער׳ן אידישען תחום. זי לייכט אַרויס פון יעדער שורה, פון יעדען בילד אין איהרע אידישע ערצעהלונגען.

יעדער מענש איז אַ וועלט פאַר זיך און האָט אַ ווערטה פאַר זיך. ווי אָפט רעדט מען דאָס, ווי זעלטען פיהלט מען דאָס אינ׳ם פראַקטישען לעבען. ביי אָרזשעשקאָ׳ן מוזט איהר דאָס דערפיהלען...

*
* *

מערקווירדיג! אָרזשעשקאָ׳ן האַלט מען פאַר אַ טענדענציעזע שריפט־שטעלערין, מען זאָגט: זי האָט מיט איהרע ווערק געוואָלט פערדיגען

געוויסע אידעען און אידעאַלען. איך וויים ניט, אפשר האָט זי טאַקע געהאַט אַזעלכע כּונות. איהרע ווערק — לכל הפּחות די אידישע ווערק — בּלייבּען אָבער שטענדיג ריינע קונסט־ווערק און אין דעם איז זייער וויכטיגע בּעדייטונג.

אָרזשעשקאָ פּערמאָגט די גרויסע רוהיגקייט, די גרויסע קינסט־לערישע אָביעקטיוויטעט — איך וואָלט געזאָגט: די קינסטלערישע גערעכטיגקייט. זי האָט אפשר ניט האָלד די אונוויסענהייט פון דעם אַלטען אידישען דור, זי האָט אָבער אין דעם אַמאָליגען אידישען לעבּען ענטפּלעקט אַזוי פיעל פּערל פון ריינער פּאָעזיע, וואָס אונזערע אידישע משכּילים האָבען דאָס קיינמאָל ניט געקענט. זי האָט האָלד שמשון׳ען — דעם העלד פון „שמשון הגבור“ — מיט אַ געוויסער איראָניע, זי שמייכעלט גוטמוטהיג איבּער זיין בּטלנות, איבּער זיין ניט פערשטעהן קיין צורת מטבּע, איבּער זיין שטאָלץ פון אַ איד אַ למדן און איבּער זיין זיצען אין שטוב און זיך פערלאָזען אויף גאָט און אויף דעם וויבּ, די אשת־חיל; זי רעכענט געוויס, אַז אַזאַ לעבּען איז אוננוצליך און אונווירדיג, אָבּער ווי גוט זי קען דעם שמשון׳ען, ווי דייטליך זי זעהט דאָס גוטע און דאָס עדעלע און דאָס עסטעטישע אין זיין נשמה, ווי קלאָר זי פערשטעהט זיין וועלט־אַנשויאונג און ווי מילד און זאַנפט עס איז דעריבּער איהר איראָנישער שמייכעל! זי איז ניט צופריעדען מיט שמשון׳ען — אָבער וואָס פאַר געפיהלען זי ענטדעקט אין איהם, וואָס פאַר בּילדער זי זעהט אין זיין בּליהענדער פאַנטאַזיע!

און דאָס אייגענע אויך מיט אַלע איהרע העלדען. אין מאיר יוזע־פאָוויטש, אין דער רייכער היסטאָרישער פּאָעמע — קיין אַנדער נאָמען קען איך ניט געפינען פאַר דעם ראָמאַן — זיינען אויפגעשטעלט איינס אַנטקעגען אַנדערן צוויי וועלטען; די אַלטע, אָבגעשלאָסענע, מיט מויערן פון חומרות און סיגים און גזרות אַרומגערינגעלטע אידישע קהלה פון איין זייט, אַ הייפעל יונגע, נאָר וואָס פון שלאָף אויפגעוואַכטע, צו בּילדונג, ליכט און גייסטיגע פרייהייט שטרעבּענדיגע אידישע קינדער פון דער אַנדערער זייט. אין אַ ריעזיגער פאַנאָראַמע שפּיעלט זיך אָפּ פאַר אונזערע אויגען דער גרויסער קאַמפּף — אין דער צייט, ווען ער איז נאָך געווען גרוים, ווען ער איז נאָך געווען פול מיט אידעאַליזם, ווען אינ׳ם אַלטען דור האָט מען נאָך אויפריכטיג זיך געהאַלטען פאַר׳ן אַלטען און ווען דער יונגער דור האָט נאָךווירקליך געשטרעבּט צו בּילדונג און

ניט צו דיפּלאָמען און צו פּערדיענסטען. שטאַרקע כאַראַקטערען, אײַזערנע ווילענס, פּעלזען־פעסטע איבערצייגונגען, ברוויזענדע ליידענשאַפטען שטויסען זיך צוזאַמען, ראַנגלען זיך, קעמפּפען יעדעס פאַר זיין אמת. אין דעם קאַמפּף שטעהט די שריפטשטעלערין, נאַטירליך, אויפ׳ן צד פון די יונגע. זי זאָגט דאָס אָפען, אָבער מיינט ניט, אַז זי וועט אָפּלאַכען פון דעם אַנדערן צד, אַז זי וועט איהם מאַכען צו שפּאָט און צו שאַנד, אַז זי וועט מאַכען פון די שוואַרצע העלדען קאַריקאַטורען. אָה, ניין! דערצו איז זי צופיעל קינסטלערין. יצחק טודרוס — דער אַלטער רב — און משה דער מלמד, זיינען ביידע אויסגעמאָהלט מיט אַזאַ ליעבע און מיט אַזאַ גערעכטיגקייט, וועלכע עס האָט קיינמאָל ניט פערמאָגט ניט אַ סמאָלענסקין, ניט אַ ראובן אשר ברוידעס, ניט אפילו אַזאַ קינסטלער, ווי מענדעלע מוכר ספרים.

און טאַקי צוליעב אָט דער קינסטלערישער אָביעקטיוויטעט האָט אָרזשעשקאָ בעשאַפען טיפען, אידישע טיפען, וועלכע מיר האָבען אַזוי וועניג אין אונזער אידישער ליטעראַטור, אָרזשעשקאָ׳ס העלדען זיינען קלאַסיש. איהרע טיפען זיינען אַלע קלאָר, איינפאַך, אויסגעקריסטאַליזירט, פאָלקאָמען אין זייער גאַנצקייט און לעבעדיגקייט. זיי וועלען בלייבען אין דער ליטעראַטור אויף לאַנגע דורות. אַזוינע טיפען, ווי מאיר יוזעפאָוויטש, יצחק טודרוס, משה דער מלמד און שמשון — אַלס אידעאַליסטען אָדער אַזוינע ווי חיה די טענדלערקע (אין דער ערצעהלונג „דאַי קוויאַטעק״), ווי ציפּה (שמשונ׳ס ווייב), ווי גדליה (אין דער ערצעהלונג „גדליה״), ווי אַ ריי אַנדערע אידישע הענדלער און „פּראַקטיקער״, וועט מוזען געניי שטודירען יעדער, ווער עס וועט אַמאָל וועלען זיך בעקענען מיט דעם לעבען פון דער אידישער געטאָ אינ׳ם ניינצעהנטען (נאָר אינ׳ם ניינצעהנטען?) יאָהרהונדערט. דאָס זיינען היסטאָרישע דאָקומענטען — ווי אַלע קלאַסישע טיפען פון דער אַלל־וועלטליכער ליטעראַטור.

אָרזשעשקאָ קען דאָס אַלטע אידישע לעבען. אין איהרע ווערק האָט זי אויסגענוצט דעם רייכען קוואַל פון דער אידישער לעגענדע, סנדלפון, וועלכער פלעכט פון די אידישע תפלות שעהנע קרוינען און לייגט זיי פאַר דעם כסא הכבוד, רחל בת כלבא שבוע, וועלכע האָט פיערצען יאָהר געוואַרט אויף איהר מאַן, ביז ער וועט אָנזעטיגען זיין נשמה מיט תורה, יוחנן בן הורקנוס, וועלכער איז אַנטלאָפען פון זיין פאָטערס הויז און איז געוואָרען אַ גדול בישראל — דאָס אַלעס איז אַריינגעפלאָכ־

טען אין די ערצעהלונגען פון דער שריפטשטעלערין און גיט זיי צו אַ בעזונדערען חן. די פױלישע פריצטע האָט זיך ניט געפױלט צו אַרײנקוקען אי אין תלמוד, אי אין מדרש, אי אין זהר. זי װײסט, װאָס עס שטעהט אין די הײליגע ספרים. זי קען די װיכּוחים, װאָס האָבען זיך געפיהרט צװישען פערשידענע תלמוד׳יסטישע שולען, זי רעכענט אוים די ספרים, װאָס זײנען געלעגען בײ׳ם רב אױפ׳ן טיש, און געפינט צװישען זײ אי „תולדות אדם“ אי „ספר יצירה“ אי „קערת כסף“ אי אַנדערע — אַלע אָנגערופען בײם נאָמען. און טרעפט איהר אַמאָל אַ טעות האָבען און רעכענען, למשל, אַז „נוטריקון“ און „גמטריא“ זײנען נעמען פון גאָט (װי זי טהוט דאָס אין „מאיר יוזעפאָװיטש“), נעהמט איהר עס ניט פאַר אומגוט, װאָרום די טעות׳ען זײנען װי אַ טראָפּען אין ים פון אידישקײט, װעלכע פילט אָן איהרע אַלע װערק.

עס איז שוין לאַנג צײט, אַז די דאָזיגע אידישע װערק זאָלען זיך אומקעהרען אַהײם — זײ זאָלען איבערגעשריבען װערען אויף אידיש.

———

# אינהאלט:

1) עליזא אָרזשעשקאָ פון בעל מחשבות . . . . 3
2) „דאַי קוויאַטעק" . . . . . . 23
3) גדליה . . . . . . 55
4) שמשון הגבור . . . . . . 93
5) רינגען . . . . . . 147
6) די אידישע ווערק פון עליזאַ אָרזשעשקאָ. פון אָלגין . . 183